STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02330

MUTER UN KIND

B. Hertsfeld

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דר. ב. הערצפעלד
דירעקטאָר פון פרויענקראַנקענהויז „לינת הצדק“ ריגע.

מוטער און קינד

לערנבוך פאר היגיענע פון דער מוטער און קינד

מיט 30 בילדער אין טעקסט.

איבערזעצט פון רוסיש פון מ. מאַרק אונטער דער רעדאַקציע פון מחבר.

Dr. B. Hercfelda autora izdevums. 1938.
Spiestuve «Splendid», Rīgā, Kungu ielā № 21

„געווידמעט דער
מוטער פון מיינע קינדער".

פאָרוואָרט.

דאָס לערנבוך „מוטער און קינד“, וואָס איך גיב אַרויס, האָט דעם ציל צו געבן דער באַרמהאַרציקער שוועסטער, ווי אויך יעדער אינטעליגענטער פרוי די מיגלעכקייט באַקאַנט צו ווערן מיט די גרונדקענטעניסן, וואָס זיינען נויטיק צו וויסן ביי דער פלעגע פון מוטער און קינד. די הויפּט אויפמערקזאַמקייט איז אין דעם בוך געלייגט געוואָרן אויף די נאָרמאַלע דערשיינונגען אין דער שוואַנגערשאַפט, ביי דער געבורט, אין דער נאָכגעבורטסצייט, און אויך אויף די פיזיאָלאָגיע פון ניי געבוירענעם קינד. וואָס ס'באַטרעפט די קראַנקייטן פון מוטער און קינד, טאָ זיינען זיי אין דעם לערנבוך אויף אַזוי וויט באַשריבן אויף וויפיל ס'איז צוגענגלעך יעדער פערזאָן, וואָס וויל זיך אָפּגעבן דער פלעגע פון אַ קראַנקער מוטער און אַ קראַנקן קינד.

אַמווייניקסטן איז אין דעם לערנבוך געווידמעט דעם אָרט פאַר רעצעפּטן און מעדיקאַמענטן, ווייל דאָס מוז ליגן אין דער האַנט פון דאָקטער; עס איז אָפט נוצלעכער צו ווייזן דאָס, וואָס מען זאָל ניט מאַכן איידער אויף דאָס, וועלכע מעדיקאַמענטן מען זאָל געבן.

דאָס לערנבוך איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעגעבן געוואָרן פון מיר איז יאָר 1929 אין דער רוסישער שפּראַך. דאָס יידישע בוך איז אין אַ געוויסער מאָס אַן איבערזעצונג פון רוסישן. ביי דער איבערזעצונג האָט מיר געהאָלפן דער פילאָלאָג מ. מאַרק, וועמען איך זאָג דאָ אַרויס מיין בעסטן דאַנק.

דער מחבר.

ריגע, 1938 יאַנוואַר.

פאַרצייכענונג.

פאָרוואָרט 8

1טע טייל: מוטער.

I. אַנאַטאָמיע 1—19

א. דער ווייבלעכער בעקן. דער גרויסער און קליינער בעקן. ב. דער בוי פון די ווייבלעכע געשלעכטס־אָרגאַנען. די אויסווייניקסטע גע־שלעכט־אָרגאַנען. די אינעווייניקסטע געשלעכטס־אָרגאַנען.

II. די פיזיאָלאָגישע פונקציעס פון אייערנעסט 20—21

III. געשלעכטלעכע רייפקייט פון דער פרוי. די באַפרוכפערונג 22—25

IV. די פיזיאָלאָגיע פון דער שוואַנגערשאַפט 26—37

די רייפע פרוכט. די רייפע פרוכט אין מוטער־חלל. די קעפל פון דער רייפער פרוכט. פאַרענדערונגען אין ווייבלעכן אָרגאַניזם בעת דער שוואַנגערשאַפט.

V. די לאַגע פון דער פרוכט אין דער געבוירמוטער 38—50

דער אונטערזוך פון דער שוואַנגערער פרוי. סימנים פון דער שוואַנגערשאַפט. די שפורן פון דער ערשטער און ווייטערדיקער שוואַנגערשאַפט. די באַרעכענונג פון דער שוואַנגערשאַפט. היגיענע פון דער שוואַנגערשאַפט.

VI. אַסעפּטיק און אַנטיסעפּטיק אין דער אַקושעריע 51—58

א וווּנד. וווּנד־פאַרגיפטונג און דער קאַמף דערמיט. דעזינפעקציע. דעזינפעקציע פון די הענט.

VII. די נאָרמאַלע געבורט 58—76

די לאַגע פון קינד. די ווירקנדיקע כוחות ביי דער געבורט. דער פאַרלויף פון דער נאָרמאַלער געבורט. די ווירקונג פון דער גע־בורט אויף דער מוטער און אויפן קינד. הילף ביי דער געבורט. פאַרהיטמיטלען פון צווישנטייל. די ערשטע הילף דעם ניי געבוי־רענעם קינד. די ערשטע וואַנע.

VIII. דער פעריאָד נאָך דער געבורט. (דער קימפּעט) 77—84

קימפּעט־ארויסטיילונגען. דער פאַרלויף פון קימפּעט. די טעמפּע־ראַטור און די האַרצטעטיקייט. דאָס אורין־לאָזן. היגיענע אין קימפּעט־פעריאָד.

IX. דערקראַנקונגען אין קימפעט־פעריאָד 85—93

אַ פאַרגיפטונג מיט פוילשטאָפן. אָן אָרטיקע אָנצינדונג פון די געבוירמוטער. אָן אָנצינדונג פון די רערן. סעפסיס (בלוטפאַרגיפ־טונג.) פיעמיע. (בלוטפאַראייטערונג) ווענע־פאַרשטאָפונג אויף די אונטערשטע ענדגלידער. אָנצינדונג פון דער בויכהײַטל. גאַנגרייע אין קימפעט־פעריאָד.

X. פּאַטאָלאָגיע פון דער שוואַנגערשאַפט 94—103

אומאויפהערלעכער ברעכן. בלוטונגען אין די ערשטע חדשים פון דער שוואַנגערשאַפט. די שוואַנגערשאַפט מחוץ דער געבוירמוטער. בלוטונגען אין די לעצטע חדשים פון דער שוואַנגערשאַפט. לונגן־טובערקולאָז און שוואַנגערשאַפט. האַרצפעלער און שוואַנגערשאַפט. נירן־קראַנקײַט און דער שוואַנגערשאַפט. ווענערישע קראַנקײַטן און שוואַנגערשאַפט.

2טע טייל: דער נײַ געבוירענער.

I. פיזיאָלאָגיע 118—107

די וואָג. די גרייס פון קערפּער. דער שטאָפאויסבײַט. די פאַרדײַונג. דער שטולגאַנג. דאָס בלוט. די בלוט־צירקולאַציע און דאָס אָטע־מען. די טעמפּעראַטור. די הויט. דער נאָפּל. די ברוסטדריזן. די נערוון. די חושים און די פּסיכיק.

II. די נאַרונג 127—119

דאָס זויגן. די טעכניק פון זייגן. דאָס רייניקן פון ברוסט. שווער־קייטן בײַם זויגן.

III. באַשעדיקונגען בײַ דער געבורט 134—128

1. דער געבורט־געשווילעכץ. פּאַסן פון דרוק. באַשעדיקונגען פון די ווייכע טיילן בײַ אַקושערישע אָפּעראַציעס. באַשעדיקונגען פון די מוסקלען. בלוטאויסגאָסן אונטער דער ביינהויט. באַשעדיקונגען פון די שאַרבנביינער. באַשעדיקונגען פון די ענדנלידער. באַשעדי־קונגען פון די נערוון. באַשעדיקונגען פון דער צענטראַלער נערוון־סיסטעם.

IV. קראַנקייטן פון די פאַרדײַונג־וועגן 142—135

קראַנקייטן פון מויל. קראַנקייטן פון מאָגן־געדערעם־טראַקט.

V. קראַנקייטן פון די אָטעמוועגן 147—143

אַספּיקסיע. אַ קינסטלעך אָטעמען. נאָזק־אַנקייטן. קראַנקייטן פון די בראָנכעס און פון די לונגען. האַרצקראַנקייטן.

VI. קראַנקייטן פון די אורינוועגן 148

VII. אויגן־קראַנקייטן 150—149

VIII. הויטקראַנקייטן 155—151

געווײַנלעכע הויטקראַנקייטן. אויסשיטן אויף דער הויט. הויטבלעז־לעך. קראַנקייטן פון אונטערהויט־געוועב.

IX. דערקראַנקונגען פון נאָפּל 156

X. קראַנקייטן וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט בלוטונגען 159—157

נאָפּל־בלוטונגען. בלוטונגען פון דער שייד בײַ מיידלעך. בלוטונגען פון נאָז. בלוטאויסגאָסן אונטער דער הויט. בלוטונגען פון מאָגן־געדערעם־טראַקט.

XI. אינפעקציע קראַנקייטן בײַ נײַ געבוירענע 160—161

XII. סיפילים 162—163

סימנים פון סיפילים בײַם נײַ געבוירענעם

XIII. סעפּסיס בײַ נײַ געבוירענע 164—165

XIV. די אַנטוויקלונג פון זויגקינד. 166—170

ווי דארף זיך דערנערן די זייגנדיקע מוטער. ווי אנטוויקלט זיך דאָס גײַסטיקע לעבן פון קינד.

XV. דאָס קינסטלעכע קאָרמענען 171—175

דאָס געמישטע קאָרמענען

XVI. די דערציִונג פון קינד 176—180

XVII. די טעכניק פון קינסטלעכער דערנערונג 181—183

האָבערנע טום. פּוטערמעל=מישונג. מאַנע=קאַשע. גרינם. פליישׁ=בוליאָן. סוכארקעס. מאַלצקאַווע. קאַקאַאָ.

XVIII. די דערנערונג נאָכן אַנטווייגען 184—186

XIX. קלעפּיקע קראַנקייטן 187—193

ווי זאָל מען באַקעמפן קלעפּיקע קראַנקייטן. מאָזלען. שאַרלאַק. דיפטעריע. פּאָקן. טובערקולאָז.

I. אַנאַטאָמיע.

דער ווייבלעכער קערפּער שיידט זיך אונטער פֿון מענלעכן דער עיקר דורך די אייגנאַרטיקייטן פֿון די געשלעכט=טיילן, דאָן אויך דורך אייניקע באַזונדערקייטן פֿון עצם קערפּערבוי.

דער וווּקס פֿון ווייבלעכן קערפּער איז געוויינלעך קלענער פֿון מענלעכן. די ביינער זיינען פֿון קלענערער לענג און דיק, די מוסקלען ווייניקער שטאַרק אַנטוויקלט. דערפֿאַר אָבער איז דער פֿעטס=שיכט אונטער דער הויט בעסער אַנטוויקלט, מחמת וואָס די גלידער באַקומען זיך מער אָפּגערונדט און ווייכער. די פּלייצעס און דער ברוסטקאַסטן זיינען שמעלער, דער דיך (די היפּטן) אָבער ברייטער, דער בויך=חלל האָט אַ גרעסערן פֿאַרנעם, ווי ביים מאַן. דער בעקן איז בייביידן גלייך געבויט, נאָר דער ווייבלעכער בעקן שיידט זיך אונטער מיט זיין גרעסערער ברייט, וויל אין אים געפֿינען זיך איין די געבויר=אָרגאַנען, און דאָס קינד מוז ביים געבוירן ווערן דורכגיין דורך אים.

א. דער ווייבלעכער בעקן.

דער בעקן פֿון דער דערוואַקסענער פֿרוי באַשטייט פֿון פֿיר ביינער: פֿון קרייצביין, עקביין און צוויי אַנאָנימע ביינער.



אילוסטר. 1.

דער ווייבלעכער בעקן פֿון פֿאָרנט. פֿון די זייטן די געדערעמביינער, צווישן זיי אין צענטער דער קרייצביין. די שאַנדביינער בילדן דעם פֿאָדערשטן בויגן. אונטער זיי די זיצביינער. (לויט שולטצע)

דער קרייצביין בילדעט די הינטערשטע ווענטל פון בעקן.

ער האָט אַ דרייקאַנטיקע קלינאַרטיקע פאָרם. זיין ברייטער באַזיס איז געווענדט צו אויבן, זיין שפּיץ — צו אונטן. דער פאָדערשטער אייבערפלאַך זיינער איז גלאַט און אַריינגעבויגן, דער הינטערשטער איז אַרויסגעבויגן צו הינטן, און אויף אים ציִען זיך פאַר לענג פון אויבן אַראָפּ דריי שאַרפטיקע פאַרהעכערונגען. אויף די ווענטלעך זעען זיך פיר פאָר עפענונגען. דורך זיי גייען דורך פון רוקנמאַרך די קרייצנערוון, וואָס ציִען זיך צו די בעקן=אָרגאַנען און צו די אונטערשטע ענדגלידער. דער קרייצביין האָט פונקט ווי דער חוט=השדרה אַ קאַנאַל, וואָס איז דער המשך פון דעם וואָרבל=קאַנאַל, ווו עס געפינט זיך איין דער רוקנמאַרך.

אין דער קינדהייט באַשטייט דער קרייצביין פון פינף באַזונדערע ביינדלעך, וואָס ליגן פונקט ווי די וואָרבלען איינער אויפן אַנדערן. זיי רופט מען די פאַלשע וואָרבלען. בהדרגה וואַקסן זיי זיך מיט אַן אַנדער צונויף (צווישן 18 — 20 יאָר). די בולטע ביינערנע ליניעס, וואָס ציִען זיך פאַר קווער אויף דער פאָדערשטער ווענטל, ווייזן אָן אויף דעם פריערדיקן פונאַנדערטייל פון קרייצביין. די טיילן פון קרייצביין, וואָס ליגן רעכטס און לינקס פון זיינע עפענונגען, רופן זיך אָן די פליגלען פון קרייצביין. אויבן איז דער קרייצביין פאַרבונדן מיטן פינפטן גאַרטל=וואָרבל דורך בענדער און דורך אַ כראָמסקע=שיכט, וואָס ליגט צווישן זיי. אויף דעם אָרט, ווו דער לעצטער גאַרטל=וואָרבל פאַרבינדט זיך מיטן קרייצביין, באַקומט זיך אַ ביינערנער אַרויסשטאַרץ, וואָס רופט זיך **דער קאַפּ** (פּראָמאָנטאָריום).

אונטן איז צום קרייצביין צוגעפעסטיקט דורך אַ געלענק דער קליינער **עקביין**.

דער עקביין באַשטייט פון פיר ניט גרויסע אומאַנטוויקלטע וואָרבלען, וואָס פאַרקלענערן זיך אין דער ריכטונג פון אויבן אַראָפּ.

די אַנאָנימע ביינער ליגן אויף ביידע זייטן פון קרייצביין. זיי זיינען פאַרבונדן מיט אים דורך דעם קרייץ=בעקן=געלענק. זיי ציִען זיך צו פאָרנט אין דער פאָרם פון אַ קרייז און קומען זיך צונויף פון רעכטס און לינקס, ווו זיי בילדן די שויספאַרבינדונג (דעם שאַנדאָרט).

אין דער קינדהייט באַשטייט יעדער אַנאָנימער ביין פון דריי ביינער, וואָס וואַקסן זיך מיט דער צייט צונויף. דאָס זיינען: דער געדערעמביין, דער זיצביין און דער שאַנדביין. די דריי ביינער באַגעגענען זיך אין דער **פאַן=גריבל**, וואָס ליגט אָן אַ זייט און אַ ביסל אַ־ויסצו אויף דער ווענטל פון בעקן. די פאַן=גריבל איז באַשטימט פאַרן קעפל פון היפטביין.

דער געדערעמביין איז דער גרעסטער באַשטאַנדטייל פון בעקן און ליגט פון אויבן, דער זיצביין פון אונטן און דער שאַנדביין פון פאָרנט.

דער געדערעמביין בילדעט די זייטיקע ווענטל פון בעקן און האָט די פאָרם פון אַ לאָפּעטקע. דערפאַר רופט מען אויך אָן זיין פאָדערשטן טייל — **בעקן=לאָפּעטקע**. דער אייבערשטער קאַנט פון דער לאָפּעטקע רופט זיך אָן דער **קאַם פון געדערעמביין** און פאַרענדיקט זיך מיט אַ

פאָדערשטן און הינטערשטן אַרויסשטאַרץ. דער אונטערשטער בויגנאַרטיקער קאַנט רופט זיך די בויגנליניע.

דער זיצביין האָט צוויי אָפּצווייגן: איינעם אַ הינטערשטן — אַ מער ברייטערן, דעם אַזוי גערופענעם נידערנדיקן אָפּצווייג, און איינעם אַ פאָדערשטן — אַ מער שמעלערן, דעם שטייגנדיקן אָפּצווייג. אויף דעם נידערנדיקן אָפּצווייג געפינט זיך צו הינטן און צו אינעווייניק דער זיץ־אַרויסשטאַרץ. דער סאַמע אונטערשטער דיקער טייל פון זיצביין, וווּ ס׳טרעפן זיך צונויף ביידע אָפּצווייגן, רופט זיך דער זיץ־בערגל. פון זיץ־בערגל און פון אַרויסשטאַרץ ציט זיך אויף יעדער זייט פון בעקן צו איין פעסטן באַנד אין דער ריכטונג צום זייטיקן קאַנט פון קרייץ, וואָס אַ דאַנק דעם באַקומט די פאַרבינדונג פון די ביינער אַ גרעסערע פעסטקייט.

דער שאַנדביין באַשטייט פון איין קוערן און פון איין נידערנדיקן אָפּצווייג. דער לעצטער גייט אַריבער אין שטייגנדיקן אָפּצווייג פון זיצביין. אויף דעם קווערן אָפּצווייג איז פאַראַן אַ שאַרפער ביינערנער קאַנט, דער אַזוי גערופענער קאַם פון שאַנדביין.

די שאַנדביינער פון ביידע זייטן באַגעגענען זיך פאָרנט אין דער שויס־פאַרבינדונג. אויפן אונטערשטן קאַנט פון דער דאָזיקער פאַרבינדונג ליגט דער שויסבויגן, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט ביידע נידערנדיקע שאַנדאָפּצווייגן און מיט די שטייגנדיקע זיץ־אָפּצווייגן.

ווייטער זעען מיר אויף דער פאָדערשטער וואַנט פון בעקן צוויי גרויסע עפענונגען אונטערן קווערן שאַנדבויגן. דאָס זיינען אָוואַלע עפענונגען, וואָס זיינען פאַרצויגן מיט פעסטע בענדער.

דער גרויסער און קליינער בעקן.

מיר טיילן דעם בעקן אויפן גרויסן און קליינעם.

דער גרויסער בעקן ליגט איבערן קליינעם. פון די זייטן איז ער באַגרענעצט מיט די בעקן־לאָפּעטקעס און הינטן מיט די גאַרטל־ווארבלען. דער קליינער בעקן ליגט אונטער דער בויגן־ליניע, דעם קאַפּ און איבערשטן קאַנט פון דער שויספאַרבינדונג. ער בילדעט זיך אויס פון הינטן דורך דעם קרייצביין און עקביין, פון פאָרנט — דורך דער שויספאַרבינדונג און אין די זייטן דורך די ביינער פון די פאַן־גריבלעך. נאָר דער קליינער בעקן האָט אַן אַקושערישן באַטייט. אין אַלגעמיין איז ער אַ ביסל שמאָל פאַר דעם קינדס קאָפּל, וואָס שטויסט זיך דורך ביים געבוירן ווערן דורכן קליינעם בעקן.

מיר שיידן אונטער ביים קליינעם בעקן פאַרשיידענע טיילן: דעם אַריינגאַנג אין בעקן, דעם בעקן־חלל אָדער זיין מיטן און דעם אַרויסגאַנג פון בעקן.

א ר ײ נ ג א נ ג אין בעקן רופט זיך זײן אײבערשטע עפענונג. זי איז באַגרענעצט מיטן קאָפּ, מיט די בויגן־ליניעס, שאַנדראָפּצווייגן און מיט דעם אײבערשטן קאַנט פון דער שויספאַרבינדונג.



אילוסטר. 2.

אַ נאָרמאַלער ווײבלעכער בעקן, געזען פון אויבן. די גרענעצן און די גרייס פון אַרײַנגאַנג אין בעקן זײנען באַצײכנט מיט שוואַרצע ליניעס. (לויט בום).

דער א ר ו י ס ג א נ ג פון בעקן איז די אונטערשטע עפענונג, וואָס איז אַרומגערינגלט מיטן עקבײן, זיץ־בערגלעך און שויסבויגן.



אילוסטר. 3.

אַ נאָרמאַלער בעקן, געזען פון אונטן. דער אַרויסגאַנג פון בעקן, זײנע גרענעצן און גרייס. (לויט בום).

צווישן אַרײַנגאַנג און אַרויסגאַנג געפינט זיך דער ב ע ק ן ־ ח ל ל. ער האָט אַן אַרויסבייג צו הינטן צוליבן קרײצבײן. פון די זייטן קומען אַרײַן אין אים די זיץ־בערגלעך. אויב מען זאָל דורכן בעקן־חלל דורכפירן אַ ליניע, וואָס שטײט אָפּ אויף אַ גלײכן מהלך פון די בעקן־ווענטלעך, באַקומט מען דעם אַזוי גערופענעם ב ע ק ן ־ א ק ס. דער אַקס פונקט ווי דער קרײצבײן

איז אויסגעבויגן פון אויבן צו אונטן און צו הינטן. דאָס איז די ריכטונג, וואָס עס מאַכט דורך דאָס קינד דורכן בעקן ביים געבוירן ווערן. ביי דער ווערטיקאַלער לאַגע, ד״ה ביים שטיין, האָט דער בעקן אַ קליינע נייגונג צו פאָרנט, אַזוי אַז דער אַריינגאַנג אין בעקן איז געווענדט ניט צו אויבן, נאָר צו פאָרנט און צו אויבן, און דער אַרויסגאַנג איז געווענדט צו אונטן און אַ ביסל צו הינטן. די דאָזיקע לאַגע פון בעקן רופט זיך די נייגונג פון בעקן;

די נייגונג פון בעקן בייט זיך אין איינעם מיט דער לאַגע פון גוף. אויב למשל די פרוי ליגט אויפן רוקן, איז דער אַריינגאַנג אין בעקן געווענדט צו אויבן און צו הינטן און דער אַרויסגאַנג צו פאָרנט.

דער בעקן איז פון אויסוויינינק און אינעווייניק באַדעקט מיט מוסקלען, מחמת דעם ווערט זיין אַריינגאַנג נאָך קלענער. למשל, פון גרויסן בעקן ציען זיך אין די זייטן לעבן קאַפּ גרויסע גאַרטל-מוסקלען. ווייטער, דער אַרויסגאַנג פון בעקן איז אויסגעבעט מיט ווייכע טיילן, מוסקלען און שפּאַנאָדערן, וואָס לאָזן איבער נאָר צוויי עפענונגען. די פאָדערשטע עפענונג ליגט אונטערן שויסבויגן — דאָס איז די געשלעכט-שפּאַלט, די הינטערשטע רופט זיך די אַנאַלע עפענונג (פי טבעת).

אַזוי ווי דער אינעווייניקסטער פאַרנעם פון קליינעם בעקן, וואָס דורך אים גייט דורך דאָס קינד ביים געבוירן ווערן, איז ניט באַזונדערס גרויס, קומט דער דאָזיקער פּראָצעס פאָר זייער פּאַמעלעך און איז פאַרבונדן מיט ווייטיקן.

ב. דער בוי פון די ווייבלעכע געשלעכט-אָרגאַנען.

די ווייבלעכע געשלעכט-אָרגאַנען טיילן זיך אויף אויסווייניקסטע און אינעווייניקסטע. די אינעווייניקסטע אָרגאַנען געפינען זיך אין בעקן, די אויסווייניקסטע ליגן אונטערן שויסבויגן. אַ נאָענטע שייכות צו די געשלעכט-אָרגאַנען האָבן אויך די ברוסטן.

די אויסווייניקסטע געשלעכט-אָרגאַנען.

איבערן שייסבויגן געפינט זיך דער שאַנדגעביט. ער שטעלט פאָר מיט זיך אַ פאַרהעכערונג, אַ רייכע מיט פעטסגעוועבן, וואָס איר הויט איז באַדעקט מיט האָר. פון איר ציען זיך צו אונטן צוויי ברייטע הויטפאַלדן — די גרויסע שאַנדליפּן. די גרויסע שאַנדליפּן האַלטן אין דער לענג אַן ערך 7 צענטימעטער און אין דער ברייט 2 צמ. זיי זיינען באַדעקט מיט האָר נאָר אויף זייער אויסווייניקסטער זייט. אין זייער הויט געפינען זיך אַ פולע פעטס- און שווייס-דריזן. דער אונטערהויטיקער געוועב פאַרמאָגט אויך פיל פעטס, דורך אים גייען דורך פיל בלוטגעפעסן, באַזונדערס ווענעס. די

דאָזיקע ווענעס קאָנען אין דער שוואַנגערשאַפט שטאַרק אָנקיועלן, און אָפט געפינען מיר אויף די גרויסע ליפּן פּונקט אַזוינע וועגע=קניפּלעך, ווי בײַ מערידן און בײַ וועגע=פֿאַרבּרײטערונגען אויף די אונטערשטע ענדגלידער.

די גרויסע ליפּן קומען זיך צונויף אונטן אין דער פֿאָרם פֿון אַ צײמל. צווישן די שאַנדליפּן געפינט זיך די געשלעכטשפּאַלט. בײַ בתולות קומען זיך די גרויסע שאַנדליפּן נאָנט צונויף, בײַ פֿרויען, וואָס האָבן שוין געבוירן, זײנען זיי לאַבּערדיקער און פונאַנדער.

די קלײנע שאַנדליפּן ליגן צווישן די גרויסע. זיי זײנען קירצער און באַדעקט מיט אַ שלײמיקער הײטל. זיי פֿאַרמאַכן דעם אַרײַנגאַנג אין שייד און קומען זיך אויבן צונויף, בּילדנדיק אַ ניט גרויסע פֿאַרדיקונג, ווי אַן אַרבּעס די גרייס, וואָס רופֿט זיך קליטאָר (תּאוהניק). דער קליטאָר פֿאַרמאָגט אַ סך נערוון און דערפֿאַר איז ער זײער פֿילעווודיק. דער קליטאָר איז רײַך מיט בּלוטגעפֿעסן, פּונקט ווי די שכנישע געוועבן.

אונטערן קליטאָר, אַן ערך איין צענטימעטער אונטער אים, געפֿינט זיך די עפֿענונג פֿון אורינקאַנאַל. דער לעצטער קומט אַרויס פֿון אונטערן



אילוסטר. 4.

די אויסווײניקסטע ווײבּלעכע געשלעכט-אָרגאַנען. (לויט קאָרנינג).

שויסבויגן און איז ארומגענומען מיט א דיקן רינג. נידעריקער איז דער אריינגאנג אין שייד, וואס געפינט זיך צווישן די קליינע שאנדליפן. ביי בתולות איז דער אריינגאנג פארצויגן מיט א פיינער הייטל, די אזוי גערופענע בתולים (מיידל=הייטל). די הייטל שטעלט פאר מיט זיך א רונדן דינעם איבערצוים פון פארבינדגעוועבן. אין מיטן איז ביי איר פאראן אן עפענונג אין דער גרייס פון אן ארבעס ביז א ניט גרויסער קארש. געוויינלעך האט די הייטל די פארם פון א האלבער לבנה. אזא הייטל איז פאראן נאר ביי פרויען, ביי קיין שום זי פון די חיות באגעגענען מיר ניט קיין ענלעכע אויסבילדונג. די עפענונג אין דער הייטל לאזט פריי דורך דאס בלוט ביי מענסטרואציע.

ביים פארקער ווערט די הייטל צעריסן. ביי דער ערשטער געבורט ווערט זי אינגאנצן צעשטערט, אזוי אז אויף איר ארט פארבלייבן נאר ניט גרויסע נאפלארטיקע רעשטלעך.

הינטערן ציימל פון די שאנדליפן איז דער דעק פון בעקן פארמאכט דורך דעם צווישנטייל. ער באשטייט פון מוסקלען און פעסטע בענדער פון פארבינדגעוועבן, איז באדעקט מיט הויט און לאזט זיך שטארק פונאנדערציען.

הינטער דעם צווישנטייל געפינט זיך די אנאלע עפענונג. נאך ווייטער ליגט דער געביט, וואס רופט זיך דער הינטערשטער צווישנטייל.

די אינעווייניקסטע געשלעכט=ארגאנען.

פון דעם אריינגאנג אין שייד הייבט זיך אן די שייד גופא. די שייד שטעלט פאר מיט זיך א רערל, וואס לאזט זיך גרינג פונאנדערציען. די שייד איז אויסגעבעט מיט א שליימהייטל. אירע ווענטלעך באשטייען פון מוסקלען. זי ציט זיך צו דער געבוירמוטער אין דער ריכטונג פון בעקן=אקס. מיר שיידן אונטער די פאדערשטע קירצערע (פון 7 — 8 צמ לאנגע) און די הינטערשטע לענגערע (פון 8 — 10 צמ) ווענטל פון שייד. געוויינלעך ליגן די ווענטלעך פון דער שייד הארט איינע ביי דער אנדערער. פארקווער אויף די ווענטלעך זיינען פאראן קנייטשן פון דער שליימהייטל, אזוי אז ביים אנרירן איז די שייד רעכט שארסטיק. נאך אן אפטן פארקער און באזונדערס נאך א געבורט ציט זיך די שייד פונאנדער, די ווענטלעך ווערן גלאטער און לאבעדיק. דער אייבערשטער טייל פון דער שייד רופט זיך דער שיידגעוועלב. אין דעם שיידגעוועלב לאזט זיך אריין פון אויבן א טייל פון דער געבוירמוטער, דער אזוי גערופענער שיידטייל פון דער געבוירמוטער, און טיילט דעם געוועלב אויף א פאדערשטן און א הינטערשטן שיידגעוועלב.

צווישן דער שייד און דעם שויסבויגן געפינט זיך דער אורינפענכער און דער אורינקאנאל, צווישן דער שייד און דעם קרייצביין — די גראדע קישקע.

בעת אין דער גראדער קישקע קלייבט זיך אן פיל עקסקרעמענטן (צואה),

ווערט די הינטערשטע וואַנטל פון דער שייד אַריינגעדריקט, אַזוי אַז אַ פינ־גער, אַריינגעפירט אין דער שייד, קאָן זי אָנטאַפּן.

ביי געזונטע פרויען איז אין דער שייד שטענדיק פאַראַן אין אַ קליינעם סכום אַ זויערער שליים. דעם שליים טיילן אַרויס פון זיך די דריזן פון דער



אילוסטר. 5.

שניט פון דער געבויר־מוטער.

(לויט קאָרנינג).

געבוירמוטער. אין דער שוואַנגערשאַפט ווערט דער סכום שליים באַטייטנדיק גרעסער. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס בעת דער שוואַנגערשאַפט איז דער בלוטצופלוס צו די דאָזיקע אָרגאַנען שטאַרקער.

די געבוירמוטער (הייבמוטער) שטעלט מיט זיך פאָר אַ פוסטן מוסקל־אָרגאַן מיט דינע ווענטלעך. זי האָט די פאָרם פון אַ צונויפגע־דריקטער באַרנע מיט אַ לענג פון 7 ביז 8 צענטימעטער. איר ברייטערער טייל איז געווענדט צו אויבן, דער שמעלערער צו אונטן. ביי דער געבויר־מוטער שיידן מיר אונטער די פאָדערשטע און די הינטערשטע ווענטל, די רעכטע און לינקע זייטיקע ווענטל.

דער אייבערשטער טייל פון דער געבוירמוטער רופט זיך אָן דער דעק פון דער געבוירמוטער (דער מוטערדעק), דער מיטלסטער טייל — דער קערפּער, דער אונטערשטער שמאָלער טייל — די העלדזל. דער אונטערשטער טייל העלדזל לאָזט זיך אַריין אין שייד אין דער פאָרם פון אַ קלין און רופט זיך אָן דער שיידטייל פון דער געבוירמוטער.

דער חלל פון דער געבוירמוטער (דער מוטער־חלל) האָט אַ דרייקאנטיקע פאָרם און איז צונויפגעפלעצט פון פאָרנט צו הינטן. דער חלל גייט אריבער אינעם קאנאל פון העלדזל. דער אָרט, ווו דער קאנאל הייבט זיך אָן, רופט זיך אָן דער אינעווייניקסטער מוטערשלינג. דער אָרט, ווו ער ענדיקט זיך, — דער אויסווייניקסטער מוטערשלינג. דער אויסווייניקסטער שלינג איז ארומגענומען מיט צוויי ליפּן, מיט דער פאָדערשטער און הינטערשטער מוטערליפּ.

אינעווייניק איז די געבוירמוטער אויסגעבעט מיט אַ שליים־הייטל, וואָס גייט אריבער אין דער שליים־הייטל פון שייד.

די שליימהייטל בעט אויס דעם גאנצן אינעווייניקסטן אייבערפלאך פון דער געבוירמוטער און האָט אַ דיק לפי ערך פון אַ צענטל צענטימעטער. דער קאָליר פון דער שליימהייטל איז גראָ־רויט. זי באשטייט פון הויכע צילינדער־קעמערלעך. אין איר געפינען זיך אַ סך דריזן, וואָס טיילן שטענדיק ארויס שליים. די דאָזיקע שליימהייטל נעמט אָן אקטיוון אָנטייל אין לעבן פון דער געבוירמוטער. ערשטנס באטייליקט זי זיך אין דער מענסטרואַציע און צווייטנס דינט זי ארייננעמען אין זיך און ארומצוריינגלען די איי ביים אָנהייב פון דער שוואנגערשאפט.



אילוסטר. 6.

דער אויסזען פון דער געבוירמוטער פון הינטן. 1. דער מוטערדעק. 2. דער קערפּער. 3. די העלדזל. 4. דער אויסווייניקסטער שלינג. 5. דער שיידטייל. 6. די רערן. 7. די בויד־עפענונג פון רער. 8. די אייערנעסטן.

(לויט נאַגעל).

פאַר דער געבוירמוטער ליגט דער אורינפענכער, הינטער איר די דיקע קישקע. די מוסקלען פון דער געבוירמוטער זיינען באשטימט אויף ארויסצושטופּן די פרוכט בעת דער געבורט.

די מוסקולאַטור פֿון דער געבוירמוטער האָט אַ דיק ביז 3 צמ. די דאָזיקע מוסקלען געהערן צו דער גלאַטער מוסקולאַטור. זייערע פֿעדעם זײַנען פֿאַרפֿלאָכטן צווישן זיך אין פֿאַרשיידענע ריכטונגען און דורך זיי גייען דורך אין אַ גרויסער צאָל אָדערן און נערוון. פֿון יעדער זײַט איז די געבוירמוטער פֿאַרזאָרגט מיט אַ מוטער־אַרטעריע.

די מוסקל־פֿעדעם פֿון דער געבוירמוטער האָבן די אייגנשאַפֿט צו פֿאַרענדערן זייער גרייס אין דער צײַט פֿון דער שוואַנגערשאַפֿט, זיך פֿאַרגרעסערנדיק אין 10 מאָל.

די געבוירמוטער איז באַדעקט ווי אַלע בויך־אָרגאַנען מיט דער ב ו י כ ה י ט ל. ד ע ר טייל פֿון דער בויכהיטל גייט אַריבער פֿון דער פֿאָדערשטער בויכוואַנט צו דעם אורינפֿענכער, שאַפֿט דאָ אַ ניט גרויסע פֿאַרטיפֿונג, ציט זיך ווייטער צו דער געבוירמוטער און באַדעקט זי. פֿון דער געבוירמוטער ציט זיך די בויכהיטל צו דעם הינטערשטן שיידגעוועלב און גייט אַריבער צו דער דיקער קישקע.

די געבוירמוטער ליגט ניט אומבאַוועגלעך אין בעקן, נאָר פֿאַרמאָגט אַ באַוועגלעכקייט דאַנק אירע בענדער. די ב ר ײ ט ע מוטערבענדער ציִען זיך פֿון בײדע זײַטן פֿון דער געבוירמוטער אין דער ריכטונג פֿון די בעקן־וואַנטלעך. די דאָזיקע בענדער באַשטייען פֿון בויכהיטל. ווייטער אויף דער הייך פֿון אינעווייניקסטן מוטער־שלינג ציִען זיך צו הינטן, פֿון דער געבוירמוטער צו דעם קרייצביין די אַזוי גערופֿענע קרייץ־מוטערבענדער, וואָס באַשטייען אויך פֿון בויכהיטל און פֿון מוסקלען. פֿון דעם פֿאָדערשטן אייבערפֿלאַך פֿון דער געבוירמוטער ציִען זיך די אַזוי גערופֿענע ר ו נ ד ע מוטערבענדער. זיי באַשטייען פֿון מוסקלען און האָבן אַ רונדע פֿאָרם. זיי ציִען זיך פֿון די ווינקלען פֿון מוטערדעק צו פֿאָרנט אין דער ריכטונג צו די בויכוואַנטלעך און אַרײַנדרינגענדיק אין זיי דערגייען זיי ביז צו די גרויסע שאַנדליפּן.

חוצדעם זײַנען נאָך פֿאַראַן שטאַרקע ציבענדער אין דעם אָרט, וווּ די שייד פֿאַרפֿעסטיקט זיך מיט דער געבוירמוטער. די דאָזיקע ציבענדער גיבן אויך צו דער געבוירמוטער אַ פֿעסטקייט.

אַזוי ווי די געבוירמוטער הענגט אויף בענדער, איז זי באַוועגלעך, ד״ה, אַז איר לאַגע איז ניט תמיד די אייגענע. בײַ אַ ליידיקן אורינפֿענכער איז דער מוטערדעק אַ ביסל גענייגט צו פֿאָרנט. אַז דער אורינפֿענכער איז פֿול מיט אורין, איז דער מוטערדעק גענייגט צו הינטן, איז די דיקע קישקע אָנגעפֿילט מיט עקסקרעמענטן, רוקט זיך די געבוירמוטער אַרויף צו אויבן. בעת די פֿרוי ליגט אויף אַ זײַט, איז דער מוטערדעק גענייגט צו דער אייגענער זײַט. אין דער צײַט ווען די מוטערהעלדזל נייגט זיך אָפּ אין דער פֿאַרקערטער זײַט. די דאָזיקע פֿאַרענדערונגען פֿון דער לאַגע זײַנען באַזונדערס קאָנטיק, בעת די געבוירמוטער פֿאַרגרעסערט זיך בײַ דער שוואַנגערשאַפֿט.

דורך די ברייטע מוטערבענדער גייען דורך די אַ ר ט ע ר י ע ס צו דער געבוירמוטער. דורך די בענדער גייען אויך דורך די וועגעס און נערוון. די דאָזיקע בלוטגעפֿעסן און נערוון זײַנען אַרומגענומען מיט אַ לויזן פֿאַרבינדגעוועב.

איטלעכע אָנצינדונג פון דער געבּוירמוטער גיט זיך גרינג איבּער דעם ראָזיקן שכנישן געוועב.



אילוסטר. 7.

ד י מ ו ט ע ר ־ אַ ר ט ע ר י ע ס.

(לויט קאָרנינג).

רעכטס און לינקס זיינען צום מוטערדעק צוגעפעסטיקט די א יי ע ר פ י ־ ר ע ר. דאָס זיינען צוויי דינע רערן, אויסגעבּעטע פון אינעווייניק מיט אַ שליימהייטל. זיי זיינען פאַרדעקט מיטן אייבּערשטן קאַנט פון די בּרייטע בּענדער, ציִען זיך צום בּעקן, זיינען אַ בּיסל געשלענגלט און האָבּן צו צוויי עפענונגען. איין עפענונג פירט אין מוטער־חלל, די צווייטע עפנט זיך אין בּויך־חלל, האָט די פאָרם פון אַ טרעכטער און איז אַרומגענומען מיט פרענדזלעך.

אונטער די פרענדזלעך פון די רערן ליגט אויף יעדער זייט אַן א יי ע ר נ ע ס ט. די אייערנעסטן זיינען צוגעפעסטיקט צו דער ה י נ ט ע ר ־ ש ט ע ר אייבּערפלאַך פון די בּרייטע בּענדער. זיי האָבּן די גרייס אַן ערך פון אַ טויבּן־איי און די פאָרם פון אַ מאַנדל. אין אייערנעסט געפינען זיך אין אַ גאַר גרויסער צאָל בּלעזלעך פון פאַרשיידענער גרייס. אין יעדער בּלעזל געפינט זיך אַן א יי. די איי איז אַ גרויסער קעמערל, וואָס אַנטהאַלט וויסל. מיטן אויג קאָן מען זי ניט זען, זי זעט זיך נאָר אין מיקראָסקאָפּ. די גרייס פון אַן איי איז לפי ערך אַ פופציקסטל צענטימעטער.

II. די פיזיאָלאָגישע פונקציעס פון אייערנעסט.

דער אייערנעסט פון דער פרוי אנטהאלט אין זיך א גרויסע צאָל בלעזלעך, וואָס זיינען באַשטימט דערצו, אז אין זיי זאָל זיך אויסאַרבעטן א באַזונדערער פראָדוקט, וואָס רופט זיך אײ. די איי — דאָס איז דער געשאַף, וואָס ווערט באַפרוכפּערט, בעת ער באַגעגנט זיך אין געשלעכט־אָרגאַן פון דער פרוי מיטן מענלעכן זוימען, און וואָס שפּעטער אַנטוויקלט זיך פון דער באַפרוכפּערטער איי די מענטשלעכע פרוכט.

דער אייערנעסט הייבט אָן צו פונקציאָנירן אַן ערך צו 13 יאָר און קאָן פונקציאָנירן ביז 45—50 יאָר. פאַר דער צייט דערגרייכן פּעריאָדיש בײ 500 בלעזלעך זייער פולע רייפקייט און אין זיי אַרבעטן זיך אויס אייער. אַזעלכע רייף געוואָרענעם בלעזל רופט מען גראַאַף־בלעזל, אויפן נאָמען פון זיין אַנטדעקער.



אילוסטר. 8.

אַ צייטיקע איי פון ווייבלעכן אייערנעסט, וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט פון אַ גראַאַף־בלעזל. (לויט בום).

א צייטיקער גראַאַף־בלעזל שטויסט אַרויס פון אייערנעסט אַן ערך אַלע 28 טעג אַן איי. דערביי ווערט געוויינלעך אַרויסגעשטופּט נאָר איין איי פון איין אייערנעסט. זעלטן ווערן ביי א פרוי מיט א מאָל צייטיק צוויי אייער,

וואָס בײַ דער באַפרוכפּערונג זײַנען זיי גורם צו דער אַנטוויקלונג פון אַ צווילינג.

דער אָנהייב פונקציאָנירן פון אייערנעסט (פון דער אַזוי גערופענער אָווולאַציע) הענגט אָפּ פון עם אָרט לעבן. ס׳איז פעסטגעשטעלט, אַז בײַ מיידלעך, וואָס לעבן אין שטאָט, הייבט זיך די אָווולאַציע אָן פריִער, איידער בײַ דאָרפישע. דאָ שפילט אַ ראָל די פאַרשטאַרקטע און מער געווירצטע שפּײַז, פאַרשיידענע רייצונגען אד״גל.

דער עצם פּראָצעס פון דער אָווולאַציע גייט פאַרבײַ פאַר דער פרוי אומבאַמערקט. נאָר אַ קלענער טייל פרויען פילן אָפּטמאָל צוליב דער אָווולאַ־ציע אַ ווייטיק אין בויך אין דער צייט, וואָס פאַלט אויס אין דער מיט צווישן צוויי רעגולן. דערבײַ פילן זיי אויף בײדע זײַטן בויך ציִענדיקע ווייטיקן, עפּעס אַן אָנגעשטרענגטקייט אין ברוסט און אַ באַזונדערע פיינפילעוודיקייט מצד די וואָרצלען. מיר זעען, אַז עס איז פאַראַן אַ געוויסע פאַרבינדונג צווישן ברוסט און אייערנעסט.

אויב די איי ווערט ניט באַפרוכפּערט, הייבן זיך אָן די רעגולן, און דער גראַאַף־בלעזל פאַרוואַנדלט זיך אין אַ באַזונדערן אַזוי גערופענעם „ג ע ל ן ק ע ר פּ ע ר.״ דער געלער קאָליר זײַנער נעמט זיך דערפון, וואָס דער בלעזל פילט זיך אָן מיט בלוט, וואָס בײַט צו ביסלעך דעם קאָליר און גיט צו דעם גראַאַף־בלעזל אַ געלע באַפאַרבונג.

אויב די איי ווערט באַפרוכפּערט און עס הייבט זיך אָן די שוואַנגער־שאַפט, הערט די ווײַטערדיקע אָווולאַציע אויף פאַר דער גאַנצער צײַט פון דער שוואַנגערשאַפט. דער אייערנעסט ווערט בלוטאָרעם.

אין אַלגעמיין באַטראַכטן מיר דעם אייערנעסט ווי אַ דריז, וואָס טיילט אַרויס אַ באַשטימטן סעקרעט. די איי — דאָס איז זײַן פּראָדוקט, די רערן, די געבוירמוטער און די שייד — דאָס זײַנען די אַרויסגאַנג־וועגן פון אייערנעסט.

III. געשלעכטלעכע רייפקייט פון דער פרוי.

דאָס געשלעכטלעכע רייף־ווערן פון דער מיידל קומט פאָר בהדרגה און אומבאַמערקט סיי פיזיש, סיי פסיכיש.

כאַראַקטעריסטיש פאַרן געשלעכטלעכן רייף־ווערן איז די פאַרוואַנדלונג פון די קערפּער־פאָרמען, די אַנטוויקלונג פון די ברוסטן, דאָס באַווייזן זיך פון האָר אויף דעם שאַנדגעביט און אונטער די אָרעמס. דאָס וואַקסן אין דער לענג פאַרלאַנגזאַמט זיך, דערפאַר אָבער פאַרגיכערט זיך דאָס וואַקסן אין דער ברייט.

אין פסיכישן פּרט קומען פאָר שאַרפע פאַרענדערונגען. בײַ דער מיידל בייט זיך אָפט די שטימונג, זי ווערט קאַפּריז, ס׳מערקט זיך בײַ איר אַ גע־וויסע איבערמידונג. ס׳וועקט זיך דער אינטערעס צו דער געשלעכט־פראַגע, באַזונדערס צו דער פראַגע וועגן אַנטשטייונג און געבורט פון מענטשן. אין איינעם דערמיט וועקט זיך אַ געוויסע פאַרשלאָסנקייט בנוגע צו דערוואַק־סענע און אַן איבערגעגעבנקייט צו די אייגענע חברטעס.

די אַלע פאַרענדערונגען דאַרפן זיין באַוווסט דער מוטער, און מיט זיי דאַרף מען זיך רעכענען בײַ דער דערציונג, בײַם לערנען און בײַ דער אַרבעט.

דאָס פונקציאָנירן פון אייערנעסט האָט זיין רעזולטאַט — די מענ־סטרואַציע.

די מענסטרואַציע הייבט זיך אָן בײַ אונדזער קלימאַט אין עלטער פון 13—14 יאָר. דאָס רוב גייט זי דורך אָן וויטיקן מיט אַ קליי־נעם בלוטפאַרלוסט. אָבער דער אָנהייב מאַכט אויף דער מיידל אַ שטאַרקן איינדרוק, אַפּשיטא אויב זי איז דערצו ניט צוגעגרייט.

דער קלימאַט, די ראַסע ווירקן שטאַרק אויפן אָנהייב פון דער מענסטרו־אַציע. וואָס נענטער צום עקוואַטאָר, אַלץ פריער הייבט זי זיך אָן. למשל, אין מיצרים מענסטרויִרן שוין 10־יאָריקע מיידלעך. אין דער צייט ווען אין צפון, למשל, אין לאַפּלאַנד, הייבט זיך אָן די מענסטרואַציע ערשט צו 18 יאָר.

דער לעבנשטייגער, די סאָציאַלע לאַגע, ירושהדיקייט שפּילן אַ ניט קליינע ראָל. מיידלעך פּולבלוטיקע, טעמפּעראַמענטע, ערטיש־געריייצטע הייבן אָן פריער צו מענסטרויִרן איידער בלוטאָרעמע, פלעגמאַטישע.

די מענסטרואַציע קומט פאָר בײַ פרויען פּעריאָדיש. געוויינלעך אַלע 28 טעג. בײַ אַנדערע חזרט זי זיך איבער אַלע 30 טעג, בײַ אַנדערע ווידער אַלע 25—26 טעג. אַזוי אַרום קאָן מען ריידן וועגן 3 נאָרמאַלע טיפּן.

די מענסטרואַציע דויערט פון 3 ביז 5 טעג. נאָך דעם דאָזיקן טערמין טיילט זיך נאָך אַרויס געוויינלעך במשך פון אַ פּאָר טעג אַ ווייסע שליים. דאַן שטעלט זיך עס איין.

דער סכום מענסטרואַציע־בלוט רעכנט זיך נאָרמאַל 50—100 גראַם.

וואָס רוּיקער ס'איז דער שטייגער לעבן, אַלץ ווייניקער בלוט באַווייזט זיך. דאָס בלוט רינט אַרויס פון דעם מוטער־חלל, דערביי ווערט עס אויסגעמישט מיטן שליים פון מוטערהעלדזל און פון דער שייד.

די פאַרב פון מענסטרואַציע־בלוט איז געוויינלעך טונקל־רויט, אַפּטמאָל טונקל־ברוינלעך. ביי אַ שטאַרקער מענסטרואַציע טרעפט, אַז ס'גייען אַפּ גאַנצע שטיקלעך בלוט־פאַרגליוועורונג.

וואָסערע אַנאַטאָמישע פאַרענדערונגען קומען פאָר אין דער געבוירמוטער בעת דער מענסטרואַציע? — דאָס איז די פראַגע, וואָס אויף איר מוזן מיר געבן אַן ענטפער.

דער עיקר בייט זיך די שליימהייטל פון דער געבוירמוטער. די וואַנטלעך פון דער געבוירמוטער קוועלן אָן, ס'קומט פאָר אַ שטאַרקער בלוטצופלוס אין די געפעסן פון דער שליימהייטל. די שליימהייטל גופא ווערט לויז, די דריזן אין איר פאַרברייטערן זיך: זיי ווערן שטאַרקער אויסגעקרימט, צום סוף קומט פאָר אַ בלוטאויסגאָס אין דער שליימהייטל, דערביי ווערט איר אייבערשטער שיכט צעריסן, פאַרניכט, און דאָס בלוט גיסט זיך אַרויס אין מוטער־חלל. בכן מוזן מיר זיך פאָרשטעלן, אַז צו דער צייט פון דער מענסטרואַציע שטעלט די געבוירמוטער פאָר מיט זיך אַ וווּנדיקן אָרט. — צו ביסלעך, נאָך 2 טעג, ווערט דער בלוטצופלוס קלענער, די דריזן פאַרמאַכן זיך, דער אייבערשטער שיכט פון דער געבוירמוטער באַנייט זיך, און פון דאָס ניי באַקומט די געבוירמוטער איר נאָרמאַלן אויסזען.

ביים רוב פרויען גייט די מענסטרואַציע דורך מיט געוויסע דערשיינונגען פון אַלגעמיינער צעבראָכנקייט. די דאָזיקע צעבראָכנקייט דריקט זיך אויס עטלעכע טעג פאַר די רעגולן אין אָפטע שטימונג־פאַרענדערונגען, נערוועזישקייט, מידקייט, איבלקייט, דורך אַ געפיל פון היץ, אַ דרוק אין בויך, גרעפּצן, דורך אַ פאַרמערונג פון שפּייעכץ, קאָפּווייטיקן אאַז״וו.

אָרטיקע שטערונגען דריקן זיך אויס דער עיקר אין דער פאָרם פון ווייטיקן אין קרייץ און אין אונטערשטן טייל פון בויך. וואָס דערמאָנען אָן געבורטווייען אין אַן אָפּגעשוואַכטן אופן. זיי ווערן אַרויסגערופן דורך דעם, וואָס די געבוירמוטער, איבערגעפולט מיט בלוט, מאַכט פרוון דאָס דאָזיקע בלוט אַרויסצושטויסן. די אָנגעפילטע געבוירמוטער רופט אַרויס אַ שווערקייט אין בויך, אַ שפּירונג פון דרוק אויף דער אַנאַלער עפענונג און אַ פאַרלאַנג צו לאָזן אורין.

ביי דער מענסטרואַציע זיינען אַרויסגעפונען געוואָרן פאַרענדערונגען אויך אין אַנדערע אָרגאַנען, ווי למשל, האַרץ, לעבער, אויגן, אויערן און הויט.

אין פאָלק איז פאַרשפּרייט אַ קוק אויף דער מענסטרואַציע, ווי אויף אַ מאָנאַטלעכער „רייניקונג", דערביי שטעלט מען זיך פאָר, אַז אין איינעם מיט בלוט ווערט פון אָרגאַניזם אַרויסגעטיילט אַ באַשטימטער סכום שעדלעכע זאַפטן. די דאָזיקע פאָלקספאָרשטעלונג פון דער מענסטרואַציע איז ניט אָן אַ

געוויסן גרונד, ווייל אין דער אמתן ווערט אין ד ע ר צייט ארויסגעטיילט ניט נאָר בלוט, נאָר אויך אַ גאַנצע ריי פאַרשיידענע אַנדערע כעמישע פּראָדוקטן.

צום סוף ווילן מיר נאָך באַרירן די פראַגע, אין וואָס פאַר אַ שייכות עס געפינט זיך די אָוולאַציע מיט דער מענסטרואַציע, ד"ה דאָס ארויסשטופּן פון דער איי און די מאַנאַטלעכע בלוטונגען פון דער געבוירמוטער.

ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז די אָוולאַציע קומט שטענדיק פאַר פאַר דער מענסטרואַציע. אויב די איי ווערט ניט באַפרוכפּערט און זי קומט אום, דאַן קומט פאַר די בלוטונג פון דער געבוירמוטער, ד"ה די מענסטרואַציע. אויף אַזאַ אופן ווערט שטענדיק באַפרוכפּערט די איי, וואָס ווערט צייטיק נאָך דער לעצטער געוועזענער מענסטרואַציע.

אין דער צייט פון מענסטרואַציע איז נייטיק אַ באַשטימטע ה י ג י ע נ ע. מען דאַרף זיך באַזונדערס היטן פון אַ פאַרקילונג, פון שטאַרקע נשמה-איבערלעבונגען, ווייל אין ד ע ר צייט איז דער אָרגאַניזם פון דער פרוי מער גענייגט קראַנק צו ווערן. פאַרשטאַרקטע פיזישע באַוועגונגען, למשל טאַנצן, ספּאָרט, קאָנען פאַרמערן די בלוטונגען.

אין קיין פאַל טאָר מען ניט צולאָזן, דאָס בלוט זאָל פאַרטריקנט ווערן אויף די אויסווייניקסטע געשלעכט-אָרגאַנען. ס'איז נוצלעך פון אויטווייניק זיך אָרומצווואַשן, אָפּט צו בייטן וועש. צום באַדויערן זיינען אין דעם פּרט צווישן פרויען פאַרשפּרייט פאַרשיידענע שעדלעכע איינרייידעניש, וואָס גייען זיך פונאַנדער מיט די פאָדערונגען פון היגיענע. פאַר געהעריקע וועש אין דער צייט פון מענסטרואַציע רעכענען זיך פאַרמאַכטע הויזן, כדי עס זאָל ניט צוקומען קיין שטויב צו די געשלעכט-אָרגאַנען. מען טאָר ניט אָנווענדן קיין שום פאַרבאַנדן און בינדן, וואָס פאַרהאַלטן דאָס בלוט. דאָס בעסטע איז אַ שטיק וואַטע דאָס בלוט צונויפצוקלייבן. דערביי מוז די וואַטע עטלעכע מאָל אין טאָג געביטן ווערן. פאַרשיידענע פּאַטענטירטע בינדן זיינען גוט נאָר אויף אַזוי פיל אויף וויפיל זיי גיבן די מיגלעכקייט אָפּט צו באַזייטיקן דאָס בלוט.

די באַפרוכפּערונג.

די באַפרוכפּערונג קומט פאָר דורכן מענלעכן זוימען, וואָס אַנטהאַלט אין זיך אין אַ גרויסער צאָל באַזונדערע זוימען-פעדעמלעך, וואָס רופן זיך ספּערמאַטאָזאָידן.

ביים פאַרקער קומט דער זוימען אַריין אין דער שייד, ליגט זיך אָפּ אין הינטערשטן שיידגעוועלב, און פון דאָרטן דרינגען די ספּערמאַטאָזאָידן בהדרגה אַריין אין מוטער-חלל. זיי פאַרמאָגן אַ באַזונדערע באַוועגלעכקייט. אַ טייל פון זיי קומט אום אין דער שייד, נאָר אַ גרויסער טייל האַלט אין זיין לעבן-פעיקייט און דרינגט אַריין אין מוטער-חלל. פון דאָרטן באַוועגן זיי זיך ווייטער דורך די אייערפירער, וווּ זיי באַגעגענען זיך מיט דער רייפער איי. די איי, וואָס ווערט אַרויסגעשטופּט פון אייערנעסט, פאַלט אַריין לכתחילה אין באַפרענדזלטן סוף פון רער. די פרענדזלעלעך ציען די איי אַריין און טרייבן זי

ווײטער אין רער, און דאָ אין רער קומט אָפטער פון אַלץ פאָר די פאַראייני-
קונג פון מענלעכן ספערמאַטאָזאָיד מיט דער ווייבלעכער איי. דער דאָזיקער
פראָצעס רופט זיך אָן באַפרוכפערונג. נאָך דער באַפרוכפערונג רוקט זיך די
ווייבלעכע איי אריבער אין דער געבווירמוטער און באַקומט א שטאַרקן שטויס
צו ווייטערדיקער אַנטוויקלונג און צום וואַקסן. דער אייקעמערל הייבט זיך
אָן צו טיילן, מיר ווייסן, אַז יעדער קעמערל פאַרמערט זיך אויף אַזאַ אופן:



אילוסטר. 9.

ספערמאַטאָזאָיד.

פריער טיילט זיך דער קערן פון קעמערל, — פון איין קערן באַקומען זיך
צוויי, דערנאָך אויך צוויי קעמערלעך. די נײ געבילדעטע קעמערלעך האָבן אין
אָנהייב די פאָרם פון א פוסטן קויל, וואָס אין אים קלייבט זיך אָן א פליסי-
קייט. עס שאַפט זיך אַזוי א ש פ ר אָ ץ - ב ל ע ז ל, וואָס פון אים אַנט-
וויקלט זיך די מענטשלעכע פרוכט — ד אָ ס ק י נ ד.

IV. די פיזיאָלאָגיע פון דער שוואַנגערשאַפט.

מיטן נאָמען שוואַנגערשאַפט ווערט באַצייכנט דער נאָרמאַלער צושטאַנד פון ווייבלעכן אָרגאַניזם, וואָס הייבט זיך אָן מיט דער באַפרוכפערונג און געדויערט ביז דעם מאָמענט, בעת דאָס קינד פאַרלאָזט די מוטערלייב, ד״ה ביז צו דער געבורט.

די שוואַנגערשאַפט געדויערט געוויינלעך אין דורכשניט ביז 280 טעג, וואָס עס מאַכט אויס 9 חדשים און 7—10 קאַלענדער־טעג. אויף אַזאַ אופן, כדי צו באַשטימען דעם טערמין פון דער געבורט, רעכנט מען צו צום לעצטן טאָג פון די לעצטע רעגולן 9 חדשים און 7—10 טעג. למשל, אויב א



אילוסטר. 10.

אַ באַפרוכפערטע איי, וואָס האָט זיך באַזעצט אין דער שליימהייטל פון דער געבוירמוטער. (לויט שולטצע).

פרוי האָט געהאַט די לעצטע רעגולן דעם 1טן יאַנואַר, איז דער טערמין פאַר דער געבורט דעם 8—10 אָקטאָבער.

מיר וועלן באַטראַכטן, ווי ס'אַנטוויקלט זיך אין דער שוואַנגערשאַפט די פרוכט און וואָסערע שינויים עס קומען פאָר אין דער געבוירמוטער גופא.

מיר האָבן שוין פריער געזען, אַז פאַר יעדער מענסטרואַציע קומען פאָר געוויסע שינויים אין דער שליימהייטל פון דער געבוירמוטער: זי ווערט דיקער און זאַפטיקער. די דאָזיקע צוגרייט־ענדערונגען זיינען באַשטימט דערצו, כּדי די איי זאָל אין פאַל פון באַפרוכפּערונג האָבן א גינסטיקן באָדן צום באַזעצן זיך, און אין דער אמתן. די באַפרוכפּערטע איי באַזעצט זיך טאַקע אויף דער הייך געוואָרענער שליימהייטל, און אין אַ געוויסער צייט אַרום ווערט די איי פאַרוואַקסן מיט איר.

פאַר איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג ניטיקט זיך די איי אין נאַרונג. די דאָזיקע נאַרונג באַקומט זי דירעקט פון דער שליימהייטל. די לעצטע ווערט רק דיקער, אויך די ווענטלעך פון דער געבוירמוטער פאַרגרעסערן זיך און ווערן ווייכער. די דיק געוואָרענע שליימהייטל פון דער שוואַנגערער געבוירמוטער רופט זיך אָן די אָראָפּפאַלנדיקע הייטל, ווייל נאָך דער געבורט ווערט זי פון דער געבוירמוטער אַרויסגעטיילט. די איי אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג אירער גיט די פרוכט.

אין די איינצלנע חדשים האָט די איי א פּאַר־שיידענעם בוי. מיר וועלן באַטראַכטן דעם בוי פון דער איי לויט די חדשים.



אילוסטר. 11.

די געבוירמוטער מיט אַן איי אויף דער זעקסטער וואָך פון דער שוואַנגערשאַפט. 1. די איי. 2. דער אינעווייניקסטער מוטער־שלינג. 3. דער אויסווייניקסטער מוטערשלינג. 4. די הייטל פון דער איי. (לויט בום).

צום סוף פון ערשטן חודש איז די איי גרויס צוויי צענטימעטער, דערביי קאָן מען שוין אונטערשיידן די אויסבילדונג פון קאָפּ און רוקן, דער אויסווייניקסטער אייבערפלאַך איז באַדעקט מיט פיינע הערעלעך, וואָס דרינגען אַריין אין דער שליימהייטל פון דער געבוירמוטער. די דאָזיקע אויסווייניקסטע הייטל רופט זיך אָן די האָריקע הייטל. אינעווייניק אין דער האָריקער הייטל געפינט זיך אַ צווייטע צאַרטע הייטל, וואָס רופט זיך די וואַסער-הייטל. זי איז אָנגעפילט מיט די פרוכטוואַסער, אין וועלכע עס שווימט אַרום די איי, אָנגעפעסטיקט צו דער וואַסערהייטל.

בולטער זעט אויס די איי צו זעקס וואָכן — די פרוכט האָט די גרייס פון אַ בין. אינעווייניק אין דער וואַסערהייטל שווימט אַרום די צונויפגעדרייטע פרוכט. ביי איר איז שוין קאָנטיק די קאָפּ, די אויגן און אָן אָנהייב פון די אונטערשטע ענדגלידער. פון דעם בויך-אייבערפלאַך ביי דער פרוכט ציט זיך אַ פאָדעם, וואָס פון אים בילדעט זיך אויס די נאָפּלשנור. דער דאָזיקער פאָדעם ציט זיך צו דעם אָרט, וו עס אַנטוויקלט זיך די פּלאַצענטע (דער קינדעראָרט), וואָס דורך איר באַקומט די פרוכט אין דער גרעסטער מאָס נאַרונג פון דער מוטער. חוץ דעם זעט זיך אַ העלער בלעזל (דער געלבל-זעקל)



אילוסטר. 12.
די געבוירמוטער מיט דער איי צום סוף פון צווייטן חודש.
(לויט בום).

— דער רעשט פון דער איי, פון וועלכער עס האָט זיך אַנטוויקלט די פרוכט.

אויף דער צענטער וואָך האָט די איי די גרייס פון אַ הינעראיי. די פרוכט האָט די לענג פון 7 צמ. צו דער צייט פאַרלירט דער אייבערפלאַך פון דער איי אַ גרויסן טייל פון זיינע הערעלעך, און אין איין אָרט הייבט זיך אָן צו אַנטוויקלען די פּלאַצענטע.

צום סוף פון פערטן חודש האַלט די פרוכט 16 צמ און צו דער צייט ערשט קלערט זיך אויף דער מין פון דער פרוכט.

צום סוף פון פינפטן חודש, ד"ה אין מיטן פון דער שוואַנגערשאַפט, האַלט די פרוכט אין דער לענג 25 צמ און וועגט 300 גראַם. אויף דער הויט באַווייזט זיך אַ פוך. די פרוכטוואַסער פאַרמערט זיך אין סכום. די פרוכט מאַכט מער באַטייטנדיקע באַוועגונגען מיט די ענדגלידער. וואָס די מוטער שפּירט עס, ווי די באַוועגונגען פון דער פרוכט.

צום סוף פון זיבעטן חודש איז די פרוכט 35 צענטימעטער לאַנג און וועגט 1200 גראַם. די קעפּל באַדעקט זיך מיט האָר, די הויט הייבט אָן אַרויסצוטיילן אַ ווייסלעכע פעטע שמירעכץ, די אַזוי גערופענע פרוכט-פעטס. די אינעווייניקסטע אָרגאַנען זיינען גענוג אַנטוויקלט. אַזאַ פרוכט, אויב זי ווערט געבאָרן, רופט זיך נאָך אומרייפע פרוכט און איז נאָך אַ מפיל. זעלטן גיט זיך איין אַזאַ פרוכט אויפצוהאַלטן ביים לעבן. בכן איז די פרוכט, וואָס ווערט געבאָרן פאַר 28 וואָכן, נית לעבן פעיק.

פון אַכטן חודש אָן איז די לענג פון פרוכט אָן ערך 40 צמ און די וואָג 1500—2000 גראַם. די פרוכט, וואָס ווערט געבוירן אויפן אַכטן חודש, רעכנט זיך שוין פאַר לעבנפעיק, און ביי אַ גוטן צוזען גיט זיך איין זי אויפצוהאַלטן ביים לעבן. אַ געבורט אויפן אַכטן חודש רעכנט זיך פאַר אַ פריצייטיקער געבורט.

אויפן נייַנטן חודש האָט די פרוכט די לענג פון 45 צמ און וועגט מער ווי 2000 גראַם. דער פוך איז שוין אַראָפּ, דערפאַר זיינען די האָר אויפן קאָפּ לענגער און מער געפאַרבן. די פאָרם פון די ענדגלידער איז מער אָפּגערונדט צוליבן אָפּזאַץ פון פעטס, די פאַרב פון דער הויט דערנענטערט זיך צו ראָז.

צום סוף פון נייַנטן חודש דערגרייכט די פרוכט איר פולע רייפקייט און רעכנט זיך פאַר אַן אויסגעטראָגענער. די געבורט צו דעם טערמין רעכנט זיך פאַר אַ צייטיקער.

די רייפע פרוכט.

פאַר דער רייפקייט פון דער פרוכט איז פאַראַן אַ גאַנצע ריי סימנים.

די לענג פון אַ רייפן קינד איז אָן ערך 50 צמ, ס'מעגן זיין וואַקלונגען אויף מער און אויף ווייניקער, למשל פון 46—60 צמ. בכל

אופן רעכנט זיך די לענג פון דער פרוכט פאר איינעם פון די וויכטיקסטע סימנים פאר דער רײַפקייט.

נאָך דער לענג קומט די וואָג. נאָרמאַל וועגט אַ צײַטיק קינד פון 3000 ביז 3600 גראַם. ניט געקוקט אויף דעם קאָן אַ רײַף קינד וועגן אַ סך ווייניקער, אפילו 2000 גראַם.

די הויטפארב בײַ אַ רײַפן קינד איז מער ראָז און ווייניקער רויט, איידער בײַ ניט צײַטיקע קינדער, וואָס זייער הויט האָט אַ טונקל־רויטן קאָליר, וואָס פאַלט אין בלוי. דער פוך בײַ אַ צײַטיקן קינד איז שוין געוויינלעך אַראָפּגעפאַלן, ער פאַרבלײַבט נאָר אויף די פּלייצעס. אויפן קאָפּ איז פאַראַן אפּולע גוט באַפאַרבענע האָר, די ברעמען און וויעס זיינען גוט אַנט־וויקלט.

די נעגל בײַם רײַפן קינד זיינען רעכט שטאַרק און גרייכן ביז איבער די שפּיץ פינגער, וואָס מיר מערקן ניט בײַם ניט צײַטיקן קינד.

די שאַרבן־ביינער זיינען רעכט שטאַרק און גייען זיך נאָענט צונויף אין די נעט. די נאָז און די אויערן האָבן אַ האַרטע כראָמסקע, הגם אַ ווייכערע ווי בײַ אַ דערוואַקסענעם. דער פּנים פון רײַפן קינד איז אַ פולער און אַ רונדער, אין דער צײַט ווען די ניט רײַפע פרוכט האָט אַ צעקאַרטשעטן פּנים פון אַ זקן, היכף נאָך דער געבורט שרײַט דאָס רײַפע קינד מיט אַ שטאַרקער שטים, באַוועגט שטאַרק מיט די פיס און הענט, עפנט די אויגן, זויגט אויך זיין פינגער.

דער נאָפּל פון רײַפן קינד געפינט זיך אין מיטן בויך, דער ביטל האָט פעלדעלעך און פאַרמאָגט בײדע אייעלעך, בײַם ניט רײַפן קינד אָבער האָט די הויט פון ביטל ווייניקער קנייטשן און האָט ניט אין זיך קיין אייעלעך.

יינגלעך זיינען אין אלגעמיין לענגער און שווערער פאר מיידלעך. אויף 100 מיידלעך ווערן אין דורכשניט געבוירן 105 יינגלעך.

אזוי זעט אויס דאָס צײַטיקע קינד.

איצט דאַרפן מיר באַטראַכטן די צײַטיקע פרוכט אין שײַכות מיט דער געבוירמוטער און מיט די איבעריקע הײַטלעך, כדי צו פאַרשטיין דעם פּראָצעס פון געבורט.

די רײַפע פרוכט אין מוטער-חלל.

די רײַפע פרוכט אין חלל פון דער געבוירמוטער איז פאַרוואָרגט מיט אַ גאַנצער רײַ הײַטלעך — איינריכטונגען, וואָס העלפן מיט דעם לעבן און דער אנטוויקלונג אין מוטערלײַב.

די פרוכט איז אַרומגענומען מיט 3 הײַטלעך, וואָס שטעלן צונויף דעם אזוי גערופענעם פרוכטפּענכער. אין דעם פּענכער געפינט זיך די פרוכטוואַסער אין סכום פון $1/2$ — 1 ליטער. דאָס איז אַ העלע, ניט שטאַרק מוטנע פליסיקייט, וואָס באַשיצט פון דרוק דעם בלוטלויף פון קינד, זיין נאָפּלשנור און

די פּלאַצענטע. די וואַסער גיט דעם קינד די מעגלעכקייט פריי זיך צו באַוועגן.

פון קינדס נאַפּל ציט זיך צו דער מוטער די אַזוי גערופענע נאַפּלשנור צו דעם אָרט, וווּ עס געפינט זיך די פּלאַצענטע.

מיר וועלן פונאַנדערקלייבן איטלעכע פון די דאָזיקע אויסבילדונגען באַזונדער.

וואָס שייך די הייטלעך, זיינען זיי פאַראַן 3. די סאַמע אויסווייניקסטע רופט זיך אָן די אָראָפּפאַלנדיקע הייטל. נאָך דער אָראָפּפאַלנדיקער קומט די האָריקע און דאַן אינעווייניק — די וואַסערהייטל.

די נאַפּלשנור שטעלט מיט זיך פאָר אַ ציבאַנד, וואָס איז אַ פינגער די דיק און אַן ערך 50 צמ לאַנג. זי באַשטייט פון אַ גליווערדיקער מאַסע פון פאַרבינדגעוועבן, דורך וועלכע עס ציִען זיך דורך 3 בלוטגעפעסן, דהיינו: צוויי נאַפּל־אַרטעריעס און איין נאַפּל־ווענע. די נאַפּל־אַרטעריעס פירן אָפּ דאָס בלוט פון קינד צו דער פּלאַצענטע און די נאַפּל־ווענע שטעלט צו דעם קינד בלוט פון דער פּלאַצענטע. די נאַפּל־אַרטעריעס פולסירן, וואָס עס איז אַ באַווייז פאַר זייער שייכות מיטן קינדס האַרץ.

די נאַפּלשנור האָט אַ געשלענגלטן אויסזען, ענלעך צו אַ ספּיראַל. זי איז פאַרשיידן דיק, אָפּהענגיק פון דעם פאַראַנענעם סכום גליווערמאַסע. אויף דער נאַפּלשנור מערקן זיך אָפּט פאַרדיקונגען, ענלעך אויף קניפּלעך — די אַזוי גערופענע פאַלשע קניפּלעך. ס׳זיינען אויך פאַראַן אמתע קניפּלעך פון דער נאַפּלשנור. די נאַפּלשנור איז געוויינלעך צוגעפעסטיקט צו דער מיט פון דער פּלאַצענטע, ניט זעלטן אָבער איז זי צוגעפעסטיקט נידעריקער צום קאַנט און אפילו צו דער האָריקער הייטל גופא.

די פּלאַצענטע (דער קינדער־אָרט) ווערט פאַרגליכן מיט אַ גרויסן פלאַכן שוואָם־ענלעכן קערפּער מיט רונדע קאַנטן און פון טונקל־רויטער פאַרב. די ברייט אירע איז 20 צמ, די דיק — 2 צמ, די וואָג — 500 גר. זי איז געוויינלעך צוגעפעסטיקט צו דער פאָדערשטער אָדער הינטערשטער ווענטל פון דער געבווירמוטער. אויף דער פּלאַצענטע שיידן מיר אונטער צוויי אייבערפלאַכן: איינעם — געווענדט צו דער געבווירמוטער — אַ שאָרסטיקן, וואָס באַשטייט פון איינצלנע טיילכלעך פון גראָ־רויטער פאַרב, און אַ צווייטן, וואָס איז געווענדט צו דער פרוכט, אַ גלאַטן, באַדעקט מיט דער וואַסערהייטל. אויף דער לעצטער מערקן מיר דייטלעך, ווי די נאַפּל־אַרטעריעס פאַרצווייגן זיך און דרינגען אַריין אין דער טיף פון דער פּלאַצענטע, זיך פאַרוואַנדלענדיק אין זייער דינע געפעסן. די דאָזיקע דינסטע געפעסן ציִען זיך אין די הערעלעך פון דער פּלאַצענטע. פון דאָרטן קערן זיי זיך אום צוריק, פאַראייניקן זיך פריִער אין גרויסע געפעסן און שפּעטער אַלע אין איינעם אין דער נאַפּל־ווענע, וואָס ציט זיך דורך דער נאַפּלשנור צום קינד.

אויף אַזאַ אופן קאָנען מיר באַהויפּטן, אַז אין דער פּלאַצענטע און נאַפּלשנור קומט פאָר אַן אייגענער קרייז פון בלוטלויף, דער אַזוי גערופענער נאַפּלקרייז פון בלוט־צירקולאַציע.

דער דאָזיקער קרייז פֿון בלוטלויף פּילט אוים אַ באַזונדערס וויכטיקע אַרבעט, דהײַנו בײַט די קוואַליטעט פֿון קינדס בלוט, אָפּפרישנדיק עס. דאָס קומט פֿאָר אויף אַזאַ אופֿן. דעם קינדס בלוט ווערט אָפּגעפירט דורך די נאָפּל-אַרטעריעס צו דער פּלאַצענטע און אירע הערעלעך. די דאָזיקע הערעלעך, ענלעך צו די דינסטע וואָרצעלעך פֿון אַ פּלאַנץ, דרינגען אַרײַן אין דעם בלוט-רײַכן געוועב פֿון דער געבווירמוטער. פֿון דאָרטן נעמט דעם קינדס בלוט זויערשטאָף און די אַנדערע נאַרונג-שטאָפֿן, וואָס זײַנען נייטיק פֿאַרן וווקס פֿונעם קינדס קערפּער. דאָס בלוט פֿרישט זיך אָפּ, ווערט העלרויט און פֿליסט צוריק דורך דער נאָפּל-ווענע צום קינד.

מיר זעען, אַז דאָס קינד באַקומט פֿאַר זײַן אַנטוויקלונג אין מוטערלייב פּאַרטיקע זאַפֿטן פֿון דער מוטער דורכן בלוט. אין דער צייט ווען דאָס געבווירענע קינד באַקומט דעם נייטיקן זויערשטאָף דורכן אָטעמען, באַקומט עס די פֿרוכט אין דער געבווירמוטער דירעקט פֿונעם בלוט און אָטעמט ניט מיט די לונגען. בײַ דער פֿרוכט אַרבעט אויך ניט דער מאָגן-געדערעם-אַפּאַראַט, וויל אַלץ, וואָס עס איז נייטיק פֿאַר דער נאַרונג, באַקומט זיך דירעקט פֿונעם בלוט. די פּראָדוקטן, וואָס זײַנען פֿאַרן קינד שעדלעך און מוזן אַרויסגעטײלט ווערן, גייען צוריק דורך דער פּלאַצענטע צו דער מוטער.

אויב צוליב וואָסערע ניט איז סיבות איז פֿאָרגעקומען אַ שטערונג אין דעם נאָפּלקרײַז פֿון דער בלוט-צירקולאַציע, הערט די פֿרוכט אויף צו באַקומען זויערשטאָף און ווערט דערשטיקט. דאָס קאָן זיך טרעפֿן למשל אין פֿאַל ווען די נאָפּלשנור ווערט צונויפֿגעדריקט אָדער אויב די פּלאַצענטע טײלט זיך אָפּ פֿון דער געבווירמוטער.

די קעפּל פֿון דער רײַפֿער פֿרוכט.

די קעפּל פֿון רײַפֿן קינד מוז גוט שטודירט ווערן, מחמת די קעפּל רעכנט זיך פֿאַרן סאַמע גרעסטן און סאַמע האַרטן טייל פֿון קינדס קערפּער. די קעפּל שפּילט בײַ דער געבורט אַ גרויסע ראָל. אָפּהענגיק דערפֿון, ווי אַזוי די קעפּל גייט דורך דורכן בעקן, קומט פֿאָר דער פֿאַרלויף פֿון דער געבורט.

די קעפּל באַשטייט, ווי בײַם דערוואַקסענעם, פֿון שאַרבן און פֿון פּנים.

דער שאַרבן שטעלט זיך צונויף פֿון 7 בײנער. פֿון הינטן געפֿינט זיך דער נאַקנבײן, העכער די צוויי שײטלבײנער, פֿון פֿאָרנט די צוויי שטערנבײנער און פֿון די זײַטן צו אונטן די צוויי שלייפֿבײנער. די שאַרבן-בײנער זײַנען באַוועגלעך צווישן זיך. זיי זײַנען פֿאַרבונדן מיט אַ האַרטער הויט, וואָס רופֿט זיך אָן נ אָ ט. די נעט שפּילן אַ גרויסע ראָל בײַ דער געבורט, פֿון זיי זײַנען באַזונדערס וויכטיק:

1) דער פֿײַלנאָט, וואָס געפֿינט זיך צווישן די שײטלבײנער.
2) דער שטערננאָט צווישן די שטערנבײנער.
3) דער קרײַצנאָט צווישן שטערן- און שײטל-בײן.

4) דער לאמבדע=נאָט (ענלעך אויפן גריכישן אות לאמבדא, וואָס אנטשפרעכט דעם יידישן לאמעד). דער נאָט ליגט צווישן נאקנביין און די שייטלביינער.



אילוסטר. 13.

ד ע ר ש אַ ר ב ן פ ו ן אַ ן ע ר ש ט ג ע ב ו י ר ע נ ע ם — געזען פון אויבן.
1. די גרויסע פאָנטאַנעלע. 2. די קליינע פאָנטאַנעלע. 3. דער פיילנאָט. 4. דער שטערננאָט. 5. דער קראַנצנאָט. 6. דער לאַמבדענאָט.

(לויט בום).

חוץ נעט ווערן אָפּגעצייכנט אויף דער קעפּל די אזוי גערופענע פאָנטאנעלעס (בלויזן). דאָס זיינען באזונדערע אָפּשטאנדן צווישן די איינצלנע ביינער.

מיר שיידן אונטער פאָלגנדע פאָנטאנעל'עס:

1) די גרויסע אָדער שטערן=פאָנטאנעלע. זי געפינט זיך אויפן פאָדערשטן אייבערפלאך פון קעפּל, דאָרט וווּ דער פיילנאָט קומט זיך צונויף מיטן שטערן= און קראנץ=נאָט. די גרויסע פאָנטאנעלע האָט די פאָרם פון א ראָמב און ביים אָנטאפּן פילט מען זי ווי א פארטיפונג אין ביין.

2) די קליינע פאָנטאנעלע, וואָס ליגט אין הינטערשטן טייל קעפּל, וווּ ס'קומען זיך צונויף דער פייל= און לאמבדע=נאָט. זי איז ניט קיין פארטיפונג אין ביין.

די גרויסע און קליינע פאָנטאנעלע זיינען פארבונדן מיטן פיילנאָט.

דער ארומנעם פון קינדס קעפּל איז 34 צענטימעטער, די ברייט פון די פלייצעס 12 צמ.

מיר מוזן אָנווײַזן אויף אַ באַזונדערער אײַגנשאַפט פון קינדס קעפּל. הגם דער שאַרבן פאַרמאָגט אַ געוויסע פעסטקײַט, זײַנען די אײנצלנע בײנער באַוועגלעך און האָבן די מיגלעכקײַט זיך צו פאַררוקן. אַ דאַנק דעם בײַט די קעפּל בעת דער געבורט איר פאָרם און פּאַסט זיך צו צו דער פאָרם פון בעקן. די דאָזיקע פעיִקײַט פון דער קעפּל צו בײַטן די פאָרם פאַרגרינגערט דעם פּראָצעס פון געבורט.

פאַרענדערונגען אין ווײַבלעכן אָרגאַניזם בעת דער שוואַנגערשאַפט.

אין דער צײַט פון דער שוואַנגערשאַפט קומען פאָר אין אָרגאַניזם פון דער פרוי געוויסע פאַרענדערונגען ניט נאָר אין די געשלעכט־אָרגאַנען, נײַערט אין גאַנצן קערפּער.

וואָס שײך די געשלעכט־אָרגאַנען, ענדערט זיך דער עיִקר די געבויר־מוטער, וואָס אין איר חלל אַנטוויקלט זיך די פרוכט. די געבוירמוטער וואַקסט זיך פונאַנדער, איר פאָרם ווערט רונדער. שוין צום אָנהײב פון דער שוואַנגער־שאַפט ווערט זי דיקער, וואָס עס דערקלערט זיך מיט אַ פאַרגרעסערונג פון די מוסקלפעדעם.

אין די ערשטע 3 חדשים פון דער שוואַנגערשאַפט בלײַבט די געבויר־מוטער נאָך אין חלל פון קלײנעם בעקן. נאָך די דרײַ חדשים הײבט זי זיך אַרײַן פון קלײנעם בעקן אין בויך־חלל, און צום סוף פון דער שוואַנגערשאַפט דערגרײכט איר דעק דעם געביט פון מאָגן. גלײַכצײַטיק ווערן אירע ווענטלעך דינער.

די געבוירמוטער, וואָס איז אַרויס פון בעקן, באַרירט מיט איר פאָ־דערשטן אײבערפלאַך די פאָדערשטע בויכווענטלעך, זי דריקט אַוועק אָן אַ זײַט די גערעדערטשלײַפן, מחמת דעם באַקומט די בויך שוין אין דער מיט פון דער שוואַנגערשאַפט אַ מער רונדע פאָרם. דער לינקער קאַנט פון דער געבוירמו־טער איז נענטער צו די בויכווענטלעך.

בעת די לאַגע פון גוף בײַט זיך, בײַט אויך איר לאַגע די געבוירמוטער. ליגט די פרוי אויפן רוקן, בײגט זיך די געבוירמוטער אָפּ צו הינטן, צום חוט־השדרה. בײַ דער לאַגע אויף דער רעכטער זײַט נײגט זיך די געבויר־מוטער צו רעכטס, בײַ דער לאַגע אויף דער לינקער זײַט — צו לינקס.

דער שײדטײל פון דער געבוירמוטער מאַכט אויך דורך שינויים בעת דער שוואַנגערשאַפט. בהסכם דערמיט, וואָס די געבוירמוטער הײבט זיך אַרויס פון קלײנעם בעקן, הײבט זיך אויך אויף דער שײדטײל פון דער געבוירמוטער, און צום סוף פון דער שוואַנגערשאַפט קאָן מען זי שווערער דערגרײכן מיט אַ פינגער דורך דער שײד. דער שײדטײל באַקומט זיך ווי אויסגעגליכן.

דאָס דאָזיקע אויסגלײַכן זיך קומט פאָר בײַ דער ערשטער געבורט אין די לעצטע וואָכן פון דער שוואַנגערשאַפט, בײַ די ווײַטערדיקע געבורטן — אין דער צײַט פון דער געבורט גופא.

צום סוף פון דער 36סטער וואָך שוואַנגערשאַפט דערגרייכט געווייגלעך די געבוירמוטער איר גרעסטע הייך. זי פילט דאַן אוים דעם גאַנצן בויך-חלל. נאָך דער צייט באַקומט זיך אַ כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג, דהיינו די געבוירמוטער *לאָזט זיך אַראָפּ.* דערביי לאָזט זי זיך אַראָפּ צו אונטן און נייגט זיך אָפּ צו פאָרנט. דער בויך-חלל ווערט פרייער און ווייכער, וואָס עס רעכנט זיך פאַר אַ סימן, אַז די געבורט דערנענטערט זיך.

צום סוף פון דער שוואַנגערשאַפט פאַרגרעסערט זיך באַטייטנדיק די וואָג פון דער געבוירמוטער. זי וועגט אָן דער פרוכט ביי 1000 גראַם (2 1/2 פונט). איר לענג איז 30 צמ, דער אָפּשטאַנד צווישן פאָדערשטן און הינטערשטן ווענטל — 20 צמ און אין דער ברייט — צווישן רעכטן און לינקן ווענטל — 25 צמ.

אין איינעם מיט די געוועבן פאַרגרעסערן זיך די בלוט- און לימפע-געפעסן פון דער געבוירמוטער. צו דער געבוירמוטער פליסט צו אַ דאַנק דעם אַ באַטייטנדיקער סכום בלוט, דער עיקר צו דעם אָרט, וו ס'געפינט זיך די פּלאַצענטע.

ניט נאָר די געבוירמוטער, נאָר אויך די *אַנדערע געשלעכט-אָרגאַנען* מאַכן דורך אין דער שוואַנגערשאַפט רעכט גרויסע שינויים. די שייד און די אויסווייניקסטע געשלעכט-אָרגאַנען קוועלן אָן. די שייד ווערט ווייכער, פייכטער, מער ציִעוודיק און באַקומט אַ בלוילעכע באַפאַרבונג. די גרויסע שאַנדליפּן ווערן טונקעלער. די אַרויסטיילונגען פון דער שייד ווערן אַ ביסל שטאַרקער.

די מוטערבענדער און רערן ווערן אויך גרעסער, ווייכער און מער אָנגעפילט מיט בלוט. אין איינעם פון די אייערנעסטן בלייבט איבער דער אַזוי גערופענער *געלער קערפּער*, דאָס איז דער בלעזל, וואָס האָט געגעבן די איי פאַר דער באַפרוכפערונג.

חוץ די געשלעכט-אָרגאַנען ביטן זיך אין דער שוואַנגערשאַפט אויך אַנדערע טיילן פון קערפּער. אין דער ערשטער ריי מערקן מיר שינויים אין די *ברוסטן*. זיי ווערן פולער, רונדער, און אין זיי הייבן זיך אָן לאָזן אָנטאַפּן קניפּל-ענלעכע פאַרדיקונגען, מחמת דער פאַרגרעסערונג פון די איינצלנע טיילכלעך. אין די שפּעטערדיקע חדשים טיילט זיך אוים פון די וואָרצלען אַ וואַסערדיקע פליסיקייט.

די וואָרצלען סטאַרטשען אַרוים מער צו פאָרנט, דער קרייזל אַרום די וואָרצלען ווערט טונקעלער צוליב דער פאַרמערונג פון דעם אַזוי גערופענעם הויטפּיגמענט. די בלוטגעפעסן אין די ברוסטן פאַרגרעסערן זיך, און אָפט זעען מיר דורך דער הויט די אונטערהויט-וועגעם. דער פּיגמענט לייגט זיך אָפּ אויך אויף אַנדערע טיילן פון גוף, למשל אַרום נאָפּל און אויף דער מיטלסטער בויך-ליניע.

שוין אין די ערשטע וואָכן פון דער שוואַנגערשאַפט פילט די פרוי געוויסע באַזונדערקייטן אין דעם מאָגן-געדערעם-טראַקט. איבלקייט און ברעכן, דער עיקר אין דער פרי אויפן ניכטערן האַרצן און אויך נאָכן עסן, זיינען די ערשטע ענדערונגען, וואָס די פרוי פילט אין דער ערשטער צייט פון דער

שוואַנגערשאַפט. אַ ווידערגעפיל צו געוויסע מינים שפּייז נעמט צייטנווייז אָפּ דעם אַפּעטיט. די פרוי האָט אַ פאַרלאַנג צו געזאַלצענע און פּיקאַנטע מאכלים און איז גרייט זיך צו דערנערן נאָר מיט אַזוינע עסנס. ביסלעכווייז אָבער לייגט זיך עס.

פון די שכנישע אָרגאַנען מאַכן דורך פאַרענדערונגען די געדע-רעם און דער אורינפענכער.

פאַר די ערשטע חדשים איז כאַראַקטעריסטיש פאַרשטאָפּונג (עצירות), וואָס האַלט אָפּטמאָל האַרטנעקיק אָן אין דער גאַנצער צייט פון שוואַנגערשאַפט. דער דרוק פון דער געבוירמוטער אויפן אורינפענכער רופט אַרויס אָן אָפּטן באַדאַרף אָפּצושלאָגן וואַסער, באַזונדערס צום סוף פון דער שוואַנגערשאַפט.

אַ באַזונדערע ווירקונג האָט די שוואַנגערשאַפט אויף די נירן. די נירן מאַכן דורך אין דער שוואַנגערשאַפט אַ פאַרשטאַרקטע טעטיקייט און דערפאַר ווערן זיי ניט זעלטן קראַנק. געבן אַכט אויף דער טעטיקייט פון די נירן, אונטערזוכן די אורין בנוגע ווייסל — איז אַ וויכטיקע זאַך אין דער שוואַנ-גערשאַפט.

די שוואַנגערע געבוירמוטער קאָן אויך אַרויסרופן אַ דרוק אויף די בלוטגעפעסן, דער עיקר אויף די גרויסע ווענעס פון די אונטערשטע ענדגלי-דער, און די וועגעס אויף די פיס הייבן זיך אָן צו פאַרברייטערן. אַ וועגע-פאַרברייטערונג וואַרפט זיך באַזונדערס אין די אויגן ביי פרויען, וואָס האָבן אָפּט געהאַט. דערביי, פאַרשטייט זיך, שפּילן ניט די לעצטע ראָל ירושהדיקייט, לעבנשטייגער און באַשעפטיקונג.

בשייכות מיטן דרוק פון דער געבוירמוטער אויף די בלוט-געפעסן, ווערן אויך אָפט געשוואָלן די פיס, אויך אַרום די קנעכלעך. מען דאַרף אָבער גע-דענקען, אַז די סיבה דערפון קאָן אויך זיין אַ קרענק פון די נירן אָדער פון האַרצן, וואָס נאָר דער דאָקטער קאָן באַשטימען די אמתע סיבה.

די בויכווענטלעך בייטן זיך באַטייטנדיק אין דער צייט פון דער שוואַנ-גערשאַפט. אויף זיי אַנטשטייען די אַזוי גערופענע קנייטשן פון דער שוואַנ-גערשאַפט. די דאָזיקע קנייטשן שטעלן מיט זיך פאָר בלוילעכע שטרייפן, וואָס שיינען דורך דורך דער הויט צוליב די איבערמאָסיק פונאַנדערגעצויגענע אונטערהויט-געוועבן. נאָך דער געבורט ווערן די קנייטשן ווייס און פאַרבלייבן אויפן גאַנצן לעבן ווי אַ סימן פון דער פאַרגעקומענער געבורט. מיר מוזן אָבער דערמאָנען, אַז געוויסע געשווילעכצן אין בויך קאָנען אויך אַרויסרופן אַזוינע קנייטשן, אויב זיי זיינען גורם אַ שטאַרקע פונאַנדערציִונג פון די בויכ-ווענטלעך.

דער פּנים פון דער שוואַנגערער פרוי האָט אַ באַזונדערן אויסדרוק: ער זעט אויס ווי אָנגעבלאָזן, די שטריכן פון פּנים ווערן מער גראָב, די פאַרב בלייכער, די הויט שלאַף. אויפן פּנים באַווייזן זיך געלע פלעקן, וואָס באַקומען זיך צוליבן אָפּלייגן פון פּיגמענט. די אַלע פאַרענדערונגען פאַרשווינדן נאָך דער געבורט.

דער גייסטיקער צושטאַנד פון דער פרוי ביים זיך אויך. נערוועזישקייט, אָפטער ביים פון דער שטימונג, שרעקעוודיקייט — מערקן זיך ניט זעלטן ביי דער שוואַנגערשאַפט. די מורא פאַר דער געבורט לייגט אויך איר שטעמפּל אויף דער פסיכיק פון דער פרוי. אָבער די דאָזיקע דערשיינונגען פאַרשווינדן נאָך דער געבורט, און די פרוי, ווערנדיק מוטער, רוקט אַוועק, קומט אויס, אויפן צווייטן פּלאַן איר אייגענע פסיכיק און פאַרפולט זי דער עיקר מיט דער זאָרג פאַר איר קינד.

V. די לאַגע פון דער פרוכט אין דער געבוירמוטער.

אונטער דער לאַגע פון דער פרוכט אין דער געבוירמוטער פאַרשטייען מיר די פאַרהעלטעניש פון קינדס רוקנדל צום חוט־השדרה פון דער מוטער. אויב די לענגאַקס פון דער פרוכט פאַלט צונויף מיט דער לענגאַקס פון דער מוטער, דאַן געפינט זיך דאָס קינד אין דער פאַרלענגיקער אָדער גראָדער לאַגע, למשל ביי דער קאָפּלאַגע, בעת די פרוכט געפינט זיך אין דער לענגליניע פון דער געבוירמוטער מיטן קעפּל צו אונטן. די דאָזיקע קאָפּלאַגע באַגעגנט זיך אין 95 פאַלן פון 100 און רעכנט זיך פאַר דער נאָרמאַלער לאַגע.



אילוסטר. 14.

די גראָדע לאַגע, דער נאַקן צו אונטן, דער רוקנדל צו לינקס, די קליינע טיילן צו רעכטס. (לויט בום).

אויב די לענגאַקס פון דער פרוכט ליגט פאַרקווער בנוגע דער אַקס פון דער מוטער, האָבן מיר אַ קווערע אָדער קרומע לאַגע פון דער פרוכט. די דאָזיקע קווערע לאַגע רעכנט זיך פאַר אַן אומנאָרמאַלער להיפוך צו דער נאָרמאַלער גראָדער לאַגע. אַ געבורט ביי דער קווערער לאַגע איז געפערלעך הן פאַר דער מוטער, הן פאַר דער פרוכט.

אונטער דער האַלטונג פון דער פרוכט פאַרשטייען מיר די פאַרהעלטעניש, אין וועלכער ס'געפינען זיך די קעפּל, דער קערפּער און די ענדגלידער

פון דער פרוכט צוזאַמען. שוין בײַ דער סאַמע פריסטער אַנטוויקלונג איז די קעפּל פון דער פרוכט צוגעבויגן צום קערפּער. צוגעבויגן אַנטוויקלען זיך אויך די אייבערשטע און אונטערשטע ענדגלידער און זיי פאַרבלייבן אין אַזאַ לאַגע במשך פון דער גאַנצער צייט.



אילוסטר. 16.

ד י ק וו ע ר ע ל אַ ג ע.

(לויט בום).

די נאָרמאַלע האַלטונג פון דער פרוכט איז אַזאַ: אַן אויסגעבויגענער רוקנדל, די קאָפּ צוגעבויגן צו דער ברוסט, די קני צוגעצויגן צו דער בויך, די פוסטריט צו די פיס. די הענט זיינען פאַרלייגט אויף דער ברוסט און געפינען זיך צווישן קעפּל און די פיס. אַ דאַנק דער דאָזיקער האַלטונג פאַרנעמט די פרוכט דעם קלענסטן מיג"עכן רוים אין דער געבוירמוטער און האָט די פאָרם פון אַן איי.

חוץ דעם לייגן מיר נאָך אכט אויף דער פ אָ ז י צ י ע פון דער פרוכט. זי איז אָפּהענגיק דערפון, ווי עס שטייט דער רוקנדל פון דער פרוכט. דער רוקנדל קאָן שטיין צו לינקס אָדער צו רעכטס. אויב ער שטייט צו לינקס, האָבן מיר צו טאָן מיט דער ערשטער פּאָזיציע, אויב צו רעכטס — מיט דער צווייטער.

אויף אַזאַ אופן קאָנען מיר איינשטעלן איניקע באַצייכענונגען פאַר דער לאַגע פון דער פרוכט אין דער געבוירמוטער. למשל, דאָס קינד געפינט זיך אין דער קאָפּלאַגע הייסט, אַז די פרוכט ליגט פאַר לענג מיטן קאָפּ אַראָפּ. אויב דערביי איז דער רוקנדל לינקס, האָבן מיר די ערשטע קאָפּלאַגע. ריכטי־קער וואָלט געווען צו זאָגן „די ערשטע פּאָזיציע פון דער קאָפּלאַגע", נאָר

אנשטאַט „ערשטע פּאָזיציע" איז אָנגענומען צו זאָגן סתם „ערשטע", וואָס עס ווערט צוגעגעבן צו דער לאַגע, למשל צו דער „קאָפּלאַגע", און מיר באַקומען קירצער „ערשטע קאָפּלאַגע".

אילוסטר. 16.

נאָרמאַלע האַלטונג פון דער פרוכט אין דער געבוירמוטער.

(לויט בום).

די פרוכט אין די ערשטע חדשים פון דער שוואַנגערשאַפט בײַט אָפט איר לאַגע און פּאָזיציע אין דער געבוירמוטער. אין די לעצטע חדשים קומט דאָס פאָר זעלטן, וואָס קלענער ס'איז די פרוכט, אַלץ מער איז פאַראַן אין דער געבוירמוטער וואַסער, און אַלץ מער איז די פרוכט באַוועגלעכער.

דער אונטערזוך פון דער שוואַנגערער פרוי.

אונטערזוכן אַ שוואַנגערע פרוי איז אַ קאָמפּליצירטע זאַך. אויף באַשטימטע אופנים קאָן מען פעסטשטעלן צי די פרוי איז שוואַנגער. אויב דער אונטערזוך ווערט אָבער דורכגעפירט ניט ריכטיק, קאָן מען די שוואַנגערע פרוי שעדיקן. דער עיקר מוז מען געדענקען, אַז בײַם אונטערזוך קאָנען אַרײַנדרינגען אין די געשלעכטס-אָרגאַנען שעדלעכע באַצילן, וואָס זײַנען געפערלעך פאַר איטלעכער ווונד. באַזונדערס פאָרזיכטיק מוז פאַרקומען דער אונטערזוך וואָס נעענטער צום

סוף פון דער שוואַנגערשאַפט. אַן אינעווייניקסטער אונטערזוך פון דער שוואַנגערער פרוי דאַרף דורכגעפירט ווערן נאָר אין אויסערסטן פאַל. אויך ניט יעדער אויסווייניקסטער אונטערזוך איז אומשעדלעך, ווייל אַ גראָבער און אָפטער באַריר קאָן אַרויסרופן אַ צערייץ פון דער געבוירמוטער. וואָס נעענטער ס'איז דער טערמין פון דער געבורט, אַלץ מער מוז די אונטערזוכנדיקע האַנט צוערשט דעזינפיצירט ווערן אין שטרענגן זינען פון וואָרט.

דער אונטערזוך קאָן זײַן אַן אויסווייניקסטער און אַן אינעווייניקסטער.

דער ציל פון אונטערזוך באַשטייט אין פעסטשטעלן, צי ס'איז בכלל פאַראַן אַ שוואַנגערשאַפט, ווי ס'איז די לאַגע פון דער פרוכט, דעם טערמין פון דער געבורט, צי דאָס קינד לעבט, צי איז די שוואַנגערשאַפט אַן ערשטע אָדער אַ זיך איבערחזרנדיקע.

קודם כּל פאַרנעמען מיר זיך מיטן באַקוקן די פרוי גופא. די טראָגעדיקע פרוי האָט אַ באַזונדערע פיגור און האַלט זיך ספּעציפיש. וואָס גרעסער עס ווערט די געבוירמוטער און וואָס מער זי נייגט זיך צו פאָרנט, אַלץ מער בייגט אָפּ די פרוי איר קערפּער צו הינטן, כּדי אײַנצוהאַלטן דעם גלײַכגעוויכט. די הויט פון בויך בײַט זיך. אין דער מיט פון בויך ציט זיך אַ טונקל-ברוינער פאַס. אויף דעם אונטערשטן טייל פון בויך באַווײַזן זיך רויטע שטרייפן, באַזונדערס בײַ ערשטגעבורטן, און דער צײַט ווען בײַ די ווײַטערדיקע געבורטן זײַנען די שטרייפן ווײַסע. ס'בײַט זיך אויך דער נאָפּל, וואָס סטאַרטשעט אַרויס צו פאָרנט.

נאָכן באַקוקן הייבט זיך אָן דאָס באַטאַפּן.

דערבײַ באַנוצן מיר זיך מיט דרײַ אופנים:



אילוסטר. 17.

דער אופן צו אונטערזוכן דעם מוטערדעק.

(לויט בום)

1 טער אופן:ביידע הענט ליגט מען ארויף אויפן בויך, דערביי מוזן די פינגער זיין צוזאמען. מיר טאפן גלייך אן די געבוירמוטער, וואס פילט זיך ווי א מער הארטער קערפער איידער די בויך־צורעקן. מיר באשטימען די גרייס פון דער געבוירמוטער, ד״ה ווי הויך ס׳איז דער מוטערדעק איבערן שויכסוויגן, איבערן נאפל אאז״וו. דער מוטערדעק טאפט זיך אן ווי א הארטער קופל. אויפן מוטערדעק לאזט זיך דאס רוב אנמאפן דער ווייכערער, ניט גלייכער געזעס פון קינד און דערביי די קליינע טיילן — די פיסלעך. מיר רופן אן די קעפל, דעם רוקנדל און דעם געזעס — די גרויסע טיילן, און די הענטלעך און פיסלעך — די קליינע טיילן.

2 טער אופן: באשטימט די הייך פון מוטערדעק, דעם גרויסן טייל אין אים, לאזן זיך די הענט אראפ פון ביידע זייטן געבוירמוטער, הארט צוגעלייגט צו זיי. דערביי טאפן מיר אן פון איין זייט די קליינע טיילן און אויף דער אנטקעגנדיקער א מער ברייטערן טייל — דעם רוקנדל פון דער פרוכט.

3 טער אופן: שטייענדיק מיטן רוקן צו דער פרויס פנים, דריקן מיר פאמעלעך און טיף אריין די פינגער אין ביידע זייטן פון בעקן, ווו עס גיט זיך איין אנצוטאפן דעם פארויסליגנדיקן טייל, ס׳רוב די קעפל. זי טאפט זיך אן, ווי א הארטער, רונדער, גלאטער קערפער.



אילוסטר. 18.
דער אופן אויסצופארשן דעם פארויסליגנדיקן טייל פון דער פרוכט.
(לויט בום).

ביים אונטערזוכן קאן מען אויך באשטימען דעם סכום וואסער. אויב ס׳איז פאראן פיל וואסער, איז ערשטנס דער פארנעם פון בויך גרעסער ווי געוויינלעך (מער ווי 98 צמ) און צווייטנס ביי א קורצן קלאפ אויפן בויך גיט

זיך איבער אַ כוואַליע, וואָס לאָזט זיך פילן מיט דער האַנט אויף דער צווייטער זייט בויך.

ס'טרעפט, אַז בײַם אונטערזוך פילט מען, אַז די געבוירמוטער ווערט האַרטער, ס'באַקומען זיך וויען. בעסער איז אָפּצוואַרטן ביז זיי פאַרגייען און דאַן ערשט ווײַטער צו פירן דעם אונטערזוך.

דער ווײַטערדיקער ציל פונעם אונטערזוך איז צו באַשטימען, צי דאָס קינד לעבט. דאָס ווערט דערגרייכט בײַם אויסהערן די האַרצטענער פון קינד.

בעסער פון אַלץ גיט זיך אײַן זיי אויסצוהערן פון קינדס רוקנזײַט. די האַרצטענער זײַנען ענלעך אויף דעם טיקטאַק פון אַ זייגער און גיבן אין אַ מינוט 120—140 קלעפּ. די האַרצטענער זײַנען אַ זיכערער באַווײַז, אַז דאָס קינד לעבט. אָנגעהויבן פון סוף זעקסטן חודש גיט זיך אײַן דײַטלעך די דאָזיקע טענער צו הערן.

חוץ די האַרצטענער קאָן מען אויף דער געבוירמוטער הערן די גערוישן, וואָס אַנטשטייען פון בלוטלויף אין די גרויסע מוטער-אַרטעריעס. זיי דערמאָנען אָן אַ זשומען און לויט דער אַפּטקייט זײַנען זיי גלײַך צום פולס פון דער מוטער. עס הערט זיך אויך דורך דער גערויש פון נאָפּל. ער דערמאָנט אַ פאַרשטיקטן פײַפן, וואָס פאַלט צונויף מיט די האַרצטענער פון קינד. דער גערויש אַנטשטייט בעת די נאָפּלשנור וויקלט זיך אַרום האַלדז אָדער אַרום אַן אַנדער טייל פון קינדס גוף. די באַוועגונגען פון קינד ווערן אויפגענומען בײַם אויסהערן ווי פאַרשטיקטע שטויסן.

וואָס שײַך דעם אינעווייניקסטן אונטערזוך מוז מען געדענקען, אַז ער פאַרלאַנגט אַ גרויסע געניטקײַט און אָפּגעהיטע ריינקייט. ניט שעדלעך איז ער נאָר דאַן, אויב ער ווערט דורכגעפירט פון אַ דאָקטער.

סימנים פון דער שוואַנגערשאַפט.

די שוואַנגערשאַפט האָט זיך אירע באַוווסטע סימנים. די דאָזיקע סימנים טיילן מיר אויף 1) זיכערע און 2) וואַרשײַנלעכע.

צו די זיכערע סימנים געהערן ערשטנס דעם קינדס האַרצטענער, וואָס מען קען זיי הערן דורך דער בויך פון דער פרוי. נאָר, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, לאָזן זיך די דאָזיקע טענער הערן ערשט צום סוף פון 6טן חודש. צווייטנס רעכענען זיך פאַר אַ זיכערן סימן די דײַטלעכע באַוועגונגען פון קינד. זיי שפירט מען געוויינלעך אויף פריִער פאַרן 6טן חודש. די פרוי הייבט זיי אָן צו פילן אין מיטן פון דער שוואַנגערשאַפט. אָפט אָבער נעמען פרויען אָן באַוועגונגען פון די געדערעם פאַר באַוועגונגען פון קינד, וואָס דורך דעם קאָנען זיי אַרײַנפירן אין טעות סײַ זיך, סײַ אַנדערע. ס'איז באַוווסט, אַז עקרות, בײַ וועמען עס איז דאָ אַ הייסן פאַרלאַנג צו האָבן אַ קינד, באַהויפּטן אָפטמאָל, אַז זיי פילן באַוועגונגען פון אַ קינד, אין דער צײַט ווען זיי זײַנען כלל ניט מעוברת.

פאַר אַ דריטן זיכערן סימן רעכנט זיך דאָס אָנטאַפּן טײלן פון קינדס קערפּער דורכן בויך־צודעק.

צו די וואַרשײַנלעכע סימנים געהערן פאָלגנדיקע דערשײַנונגען:

1) דאָס אויפהערן פון די רעגולן. מיטן אָנהייב פון דער שוואַנגערשאַפט הערן אויף די חודשדיקע בלוטונגען. מען מוז אָבער אָנווײַזן, אַז אויך בײַ אַנדערע קראַנקייטן קאָנען די רעגולן אויפהערן, למשל בײַ אַ שטאַרקער בלוטאָרעמקייט, בײַ אַן אָפּשוואַכונג פון אָרגאַניזם, בײַ טובערקולאָז, בײַם בײַטן דעם קלימאַט, בײַ אַן אָנגעשטרענגטער באַשעפטיקונג אד״גל.

2) די פאַרגרעסערונג פון דער געבוירמוטער. ניט שטענדיק קאָן מען אָבער די פאַרגרעסערונג פון דער געבוירמוטער רעכענען פאַר אַ סימן פון שוואַנגערשאַפט. דאָס טרעפט זיך אויך בײַ געשווילעכצן אין דער געבוירמוטער.

3) ענדערונגען אין די ברוסטן, בײַ דער שוואַנגערשאַפט, ווי ס׳איז שוין געזאָגט געוואָרן, ווערן די ברוסטן גרעסער און גיבן אַרויס בײַם אָנדריקן עט־לעכע טראָפּנס פליסיקייט. נאָר ס׳זײַנען פאַראַן אויך אַנדערע קרענק, וואָס בײַ זיי מערקן זיך די אייגענע דערשײַנונגען.

4) אַ בלוילעכע פאַרב פון דער שייד. נאָר דאָס קאָן זײַן ניט נאָר בײַ דער שוואַנגערשאַפט, נאָר אויך בײַ געשווילעכצן פון דער געבוירמוטער.

5) איבלקייט, ברעכן, אַ ווידערגעפיל צו דער געוויינלעכער שפּײַז, שטי־מונג־ענדערונגען, מידקייט, אַ גרויסע בויך וכדומה — דאָס זײַנען אַלץ וואַר־שײַנלעכע סימנים פון דער שוואַנגערשאַפט. ס׳איז איבעריק אָנצווײַזן, אַז די אַלע סימנים קאָנען זיך טרעפן בײַ אַ סך קראַנקייטן פון פאַרשיידענע אָר־גאַנען.

ס׳איז קלאָר, אַז אויב די אַלע סימנים פאַלן צונויף אַזוי, אַז מ׳קאָן פעסט־שטעלן צווישן זיי אַ באַשטימטע פאַרבינדונג און בהדרגהדיקייט, דאַן קאָן מען מיט זיכערקייט באַשטימען די שוואַנגערשאַפט. ס׳טרעפט אויך, אַז אין אָנהייב איז שווער מיט זיכערקייט צו באַהויפּטן, און דאַן קומט אויס אָפּצוּוואַרטן אַ ביסל צייט ביז אַלע סימנים וועלן זײַן בולט אויסגעשפּראָכן, כּדי ענדגילטיק צו זאָגן, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן די שוואַנגערשאַפט.

די שפּורן פון דער ערשטער און ווייטערדיקער שוואַנגערשאַפט.

איטלעכע שוואַנגערשאַפט לאָזט איבער נאָך זיך שינויים אין אָרגאַניזם פון דער פרוי. אָפט קאָן מען לויט די דאָזיקע שינויים אורטיילן, צי די פרוי האָט שוין דורכגעמאַכט אַ שוואַנגערשאַפט און אַ געבורט, אָדער זי איז צום ערשטן מאָל מעוברת.

די בויכוועגטלעך נאָך דער שוואַנגערשאַפט הערן אויף צו זײַן עלאַסטיש, באַזונדערס בײַט זיך די הויט פון בויך. בײַ אַ זיך איבערחזרנדיקער שוואַנגער־שאַפט האָבן מיר מער לאַבערדיקע בויכווענטלעך, איידער בײַ דער ערשטער שוואַנגערשאַפט. אויב דערצו קומען צו קנייטשן, באַקומט די בויך בײַ דער ווײַטער־

דיקער שוואַנגערשאַפט אַ באַזונדערן אויסזען. נאָר מען דאַרף געדענקען, אַז אַ לאַבערדיקע בויך און קנייטשן אויף איר קאָנען אַנטשטיין אויך נאָך אַנדערע קראַנקייטן, למשל נאָך שטאַרקע בלוטאָנלויפן, געשווילעכצן וכדומה. פון דער אַנדער זייט בלייבט ביי אַ טייל פרויען אויך נאָך דער געבורט עלאַסטיש דער בויך-צודעק, אויב זיי פאַרנעמען זיך מיט ספאָרט אָדער מיט אַן אַרבעט, וואָס שטאַרקט די בויכוועגטלעך, בכלל — אויב זיי פירן אַזאַ אַרט לעבן, וואָס דערלאָזט ניט, אַז פעטס זאָל זיך אָפליגן אויפן בויך-צודעק.

די ב ר ו ס ט ן פון אַ פרוי, וואָס האָט געבוירן, זיינען באַדייטנדיק ווייכער, ווי ביי אַ פרוי, וואָס איז דעם ערשטן מאָל שוואַנגער.

אָבער באַזונדערע שפורן לאָזט איבער אַ געבורט אויף די ג ע ש ל ע כ ט-אָ ר ג אַ נ ע ן. נאָך דער ערשטער געבורט ווערט די געשלעכטשפאַלט ברייטער, די עפענונג פון דער שייד איז מער פונאַנדער, פון דער מידל-היימל פאַרבלייבן נאָר קליינע רעשטלעך, די שייד ציט זיך מער פונאַנדער און אירע ווענטלעך ווערן גלאַטער. די דאָזיקע שפורן פאַרבלייבן אויפן גאַנצן לעבן.

טיפּישע שינויים רופט אַרויס אַ געבורט אין דעם שיידטייל פון דער געבוירמוטער. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז ביי דער ערשטער שוואַנגערשאַפט ווערט דער שיידטייל וואָס נענטער צו דער געבורט אַלץ קירצער און ער גלייכט זיך אויס. ביי אַן ערשטגעבורט איז דער מוטער-שלינג רונד און רעגלמעסיק, דער אַריינגאַנג אין אים איז אַן עפענונג, אין וועלכער מ'קאָן ניט אַריינדרינגען מיט אַ פינגער. גאָר אַן אַנדער בילד באַקומט זיך נאָך דער געבורט. דער מוטערשלינג האָט אָנגעוואָרן זיין רונדע און רעגלמעסיקע פאָרם, זיינע קאַנטן זיינען צעקאָרטשעט. דער קאַנאַל, וואָס פירט אין דער מוטער-העלדזל, האָט גיכער די פאָרם פון אַ טרעכטער מיטן באָזים צו אונטן. און הגם ביי די וויטערדיקע געבורטן ווערט אויך דער שיידטייל קירצער און אויסגעגליכן, קאָנען מיר אָבער אַריינקומען מיט אַ פינגער אין טרעכטער-ענלעכן קאַנאַל.

די באַרעכענונג פון דער שוואַנגערשאַפט.

כדי צו באַשטימען, ווי לאַנג עס געווערט שוין די שוואַנגערשאַפט און ווען ס'קומט אויס די געבורט, באַנוצן מיר זיך קודם-כל מיט די ידיעות, וואָס די פרוי גיט אונדז אָן ביים *אויספרעגן זי, און מיט אַ גענויעם אונטערזוך.

דער משך צייט פון דער שוואַנגערשאַפט ווערט גערעכנט 280 טעג פון די לעצטע רעגולן. בכן מוזן מיר וויסן, ווען עס זיינען געווען די לעצטע רעגולן. כדי צו באַשטימען דעם טערמין פון דער געבורט, לייגן מיר צו צו די לעצטע רעגולן 9 חדשים און 7—10 טעג. למשל, אויב די לעצטע רעגולן זיינען געווען דעם 1טן יאַנואַר, דאַן קומט אויס די געבורט דעם 8—10טן אָקטאָבער. פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע באַרעכענונג טאָר מען ניט באַטראַכטן פאַר אַבסאָלוט גענוי, נאָר פאַר מער אָדער ווייניקער ריכטיק. מיר זיינען ניט בכוח גענוי צו באַשטימען דעם טאָג, ווען ס'איז פאַרגעקומען די

באפּרוכפּערונג, ווײַל די באפּרוכפּערונג ווערט ניט באגלײט מיט קײן באזונדערע סימנים. פאראן זיכער פאלן, ווען די באפּרוכפּערונג נעמט זיך פון אן אײנמאליקן פאַרקער. אין אזא פאל מוז מען צולײגן צו דעם טאג 9 חדשים אויף צו באַרעכענען דעם טערמין פון דער געבורט.

דער צווײטער מאמענט, מיט וואס מיר רעכענען זיך בײַם באַשטימען די צײַט, איז דער טאג, ווען די פרוי האט דעם ערשטן מאל דערפילט דעם קינדס באוועגונגען. געווײנלעך פילט די פרוי די דאזיקע באוועגונגען אין דער מיט פון דער שוואנגערשאפט, ד״ה אין $4^1/_2$ חדשים ארום. נאר ס'זײַנען פאראן געוויסע אפּווײַכונגען פון דעם דאזיקן כּלל. בײַ ווײַטערדיקע געבורטן פילט מען באוועגונגען פריִער פאר $4^1/_2$ חדשים. חוץ דעם הענגט א סך אפּ דערפון, צי די פרוי האט א פאַרשטענדעניש פאר פאַרשײדענע שינוים אין איר ארגאניזם, איז גענוג אויפמערקדיק צו זיך און צו איר נײַער לאגע. דערפאר זײַנען ניט גענוג דער טערמין פון די לעצטע רעגולן און דער טערמין פון די ערשטע באוועגונגען, און מען מוז זיך רעכענען אויך מיט די געגעבענע, וואס באקומען זיך בײַם אונטערזוך.

אויפן צווײטן חודש מערקט זיך א ווײכקײט פון שײדטײל, די געבוירמוטער האט דאן די גרײס כּמעט פון א געגנדזענער אײ.

אויפן דריטן חודש האט די געבוירמוטער די גרײס פון א מענלעכן פויסט. די שײד און דער שײדטײל זײַנען שטארק פאַרווײכט. די ברוסטן זײַנען פולער.

אויפן פערטן חודש גײט די געבוירמוטער ארויס פון קלײנעם בעקן און לאזט זיך אנטאפּן פון אויסווײניק אויף דער הײך פון שויסבויגן.

אויפן פינפטן חודש איז דער דעק פון דער געבוירמוטער אין מיטן צווישן נאפּל און שאנד־ארט.

אויפן זעקסטן חודש דערגרײכט די געבוירמוטער מיטן דעק ביזן נאפּל, ס'הערן זיך די הארצטענער פון דער פרוכט, מען קאן אנטאפּן די קלײנע טײלן פון קינד און שפּירן זײַנע באוועגונגען.

אויפן זיבעטן חודש שטײט די געבוירמוטער אויף צוויי—דריי פינגער איבערן נאפּל.

אויפן אכטן חודש געפינט זיך דער מוטערדעק אין מיטן צווישן נאפּל און שווערד־אפּוווּקס. די נאפּל־גריבעלע גלײכט זיך אויס. ס'גיט זיך גרינג אײַן אנצוטאפּן סײַ די גרויסע, סײַ די קלײנע טײלן פון קינד.

אויפן נײַנטן חודש דערגרײכט די געבוירמוטער איר העכסטע הײך און דערגײט ביז צו דעם ריפּבויגן. דאס אטעמען איז פאַרשווערט. העכער קאן זיך די געבוירמוטער ניט הײבן. און דערפאר הײבט זי אן בײַ איר ווײַטערדיקן וווּקס זיך אראפּצולאזן צו פארנט און ציט פונאנדער די בויכווענטלעך.

אויפן צענטן חודש זעען מיר, אז דער מוטערדעק האט זיך אראפּגעלאזן צו פארנט. די בויך באקומט א מער אפּגערונדעטע פאָרם. דער מוטערדעק געפינט זיך אין מיטן צווישן נאפּל און שווערד־אפּוווּקס, ווי אין אכטן חודש. דער נאפּל שטאַרצט ארויס אין דער פאָרם פון א בלעזל. דעם קינדס

קעפל שטייט פעסט אין בעקן און דריקט אראָפּ די פאָדערשטע ווענטל פון דער שייד צו אונטן. דער שיידטײַל לאָזט זיך א ביסל אראָפּ, איז אָבער גע־נייגט צו הינטן.

אדאנק דעם וואָס דער מוטערדעק האָט זיך אראָפּגעלאָזן, ווערט די בויך א ביסל ווייכער און דאָס אָטעמען ווערט פרײַער. די פרוי פילט, אז די געבויר־מוטער האָט זיך אראָפּגעלאָזן, און נעמט עס אויף ווי א געוויסע פארלײַכטע־רונג.



אילוסטר. 19.
די הייך פון מוטערדעק אין די פאַרשיידענע חדשים פון דער שוואַנגערשאַפט.
(לויט בום)

היגיענע פון דער שוואַנגערשאַפט.

נייטיקט זיך די שוואנגערשאפט אין א וואָסער ניט איז היילונג? —— אויף דער דאָזיקער פראגע ענטפערן מיר מיט „ניין". די שוואנגערשאפט איז א נאָרמאלע דערשײַנונג און, מיר וועלן אויך צוגעבן, א געזונטער פראָצעס פארן ווײַבלעכן אָרגאניזם.

אין דער שוואנגערשאפט ווערן געשטעלט פארשטארקטע פאָדערונגען צו דעם אָרגאניזם פון דער פרוי, דערפאר דארף די פרוי, געשטעלט ווערן אין באזונדערס גינסטיקע היגיענישע לעבן־באדינגונגען, א ריכטיקער, ראציאָ־

נעלער לעבנשטייגער איז נייטיק פאר א גינסטיקן פארלויף פון דער שוואנ־גערשאפט. די מעוברתע פרוי דארף ניט בייטן איר געוויינלעכן לעבנשטייגער, אויב ער איז געווען א ריכטיקער.

די ערשטע פאדערונג פון היגיענע איז פרישע לופט און ריינקייט. פרישע לופט מיט א געהעריקן אינהאלט פון זויערשטאף איז נוצלעך ניט נאר פאר דער פרוי, נאר אויך פאר איר פרוכט. א שלעכטע, שטויביקע, פייכטע לופט רופט ארויס א גאנצע ריי שטערונגען פון הארץ און לונגען, ס'איז זייער נוציק, אז די שוואנגערע פרוי זאל אלע טאג מאכן א שפאציר אין משך פון 1—2 שעה, כדי זיך אנצואטעמען מיט פרישע לופט און גוט דורכווענטילירן אירע לונגען. ביי די שפאצירן שטארקט זיך די מוסקו־לאטור פון גאנצן קערפער, דער שטאף־אויסבייט פארבעסערט זיך און אין איינעם דערמיט הייבט דער מענטש אן זיך צו פילן א סך בעסער.

ס'וועט ניט זיין איבעריק צו דערמאנען, אז פארן שלאפקאמער דארף מען אפגעבן א גערוימען, ליכטיקן חדר.

די ציכטיקייט פון קערפער שטייט אויך אויפן ערשטן פלאן. דערצו זיינען צוגעפאסט ווארעמע וואנעס אלע וואך פון 35 גראד צעלסי. וואס מען דארף נעמען ביזן סוף פון דער שוואנגערשאפט. אלעטאגיקע אפרייבונגען פון קערפער, ברוסטן איז א וויכטיקער מיטל אויף גוט זיך צו פילן. וואס שייך קאלטע בעדער אין ים אדער אין טייך, מעג זיי די מעוברתע פרוי רויק נעמען אין די ערשטע 6 חדשים פון דער שוואנגערשאפט, אויב עס פונקציאנירט נאר נארמאל די הארץ.

אין דער שוואנגערשאפט פארשטארקט זיך אפט די ארויסטיילונגפון דער שייד אין דער פארם פון ווייסן שליים. קעגן דער דאזיקער נארמאלער דערשיינונג דארף מען ניט אננעמען קיין באזונדערע מיטלען, ווי למשל אינעוויניקסטע שפריצונגען, ווייל דאס קאן ארויסרופן א צערייץ פון דער געבוירמוטער און גורם זיין א מפיל. ס'זיינען געוונג אויסוויניקסטע ארומוואשונגען פון די גע־שלעכט־טיילן.

די שוואנגערע פרוי מוז ארבעטן. די פויערטע ארבעט אין פעלד, די ארבעטערין — אין פאבריק, די באלעבאסטע — אין שטוב. און די ארבעט קאן קיין שום שאדן ניט ברענגען. דערביי מוז מען איינהאלטן איין באדינג, — די פיזישע ארבעט טאר ניט זיין איבערמידנדיק און פארבונדן מיט א גרויסן אנווער פון כוחות. הייבן שווערע משאות איז דער שוואנגערער פרוי פארווערט. וואס שייך ספארט, ווי למשל טענים, טאנצן, רייטן, איז אזוי ווי ביי זיי קומען פאר פלוצעמדיקע רייסנדיקע באוועגונגען פון ניט נארמאלן כא־ראקטער, מוז מען אין דער צייט פון דער שוואנגערשאפט זיך אפזאגן דערפון.

די קליידונג פון דער שוואנגערער מוז זיין היגיעניש און בא־קוועם. קארסעטן, וואס ציען צונויף די בויך, מוז מען ארפנעמען, אנשטאט זיי ווערן רעקאמענדירט ספעציעלע באנדאזשן, וואס האלטן אונטער די בויך, אבער ציען זי ניט צונויף.

היות ווי אין דער שוואנגערשאפט קומט פאר א בלוטפארהאלט אין די

אונטערשטע ענדגלידער, דאַרף מען זאָרגן דערפֿאַר, אַז די זאָקנבענדלעך זאָלן ניט זײַן צו פֿעסט אויף די פֿיס.

די ברוסטן נייטיקן זיך אין דער צײַט פֿון דער שוואַנגערשאַפֿט אין אַ באַשטימטער אויפֿפּאַסונג. מען דאַרף זיי צוגרייטן צו דער פֿונקציע, וואָס זיי שטייט פֿאַר נאָך דער געבורט, דהײַנו צו זייגן דאָס קינד. דער הויפּט אויפֿמערק דאַרף דערבײַ געלייגט ווערן אויף די וואָרצלען. ס׳איז וויכטיק זיי צוצוגעבן אַ באַשטימטע עלאַסטישקייט און צוצוגרייטן די הויט פֿון די וואָרצלען קעגן שפּאַלטן. דערצו ווערט רעקאָמענדירט זיי אָפּצוּוואַשן אַלע טאָג מיט וואַסער און אײַנצורײַבן מיט אַ וואַסער ניט איז פֿעטקייט, למשל וואַזעלין, לאַנאָלין.

וואָס דאַרף די שוואַנגערע עסן? אויף דער פֿראַגע מוז מען ענטפֿערן, אַז די שוואַנגערע פֿרוי קאָן עסן אַלץ, וואָס ס׳איז פֿריש, געשמאַק און געזונט פֿאַר איטלעכן געזונטן מענטשן. זי דאַרף אָבער ניט עסן צו פֿיל. באַזונדערס צום סוף פֿון דער שוואַנגערשאַפֿט דאַרף מען אויסמײַדן צו פֿיל געווירצטע, געזאַלצענע און פֿעטע שפּײַזן און גרויסע פּאָרציעס פֿלייש, ווײַל אַזוינע וויכטיקע אָרגאַנען, ווי די נירן און דער לעבער, קאָנען ניט פֿאַרטיק ווערן מיט די דערמאָנטע פּראָדוקטן, אויב זיי קומען אַרײַן אין קערפּער אין אַ גרויסער מאָס. ספּירט־געטראַנקען, ווײַן, ליקער מוזן געשטריכן ווערן פֿון דער רשימה געטראַנקען פֿאַר דער שוואַנגערער פֿרוי.

עצירות. וואָס מערקט זיך בײַ דער שוואַנגערשאַפֿט, איז בעסער פֿון אַלץ צו באַזײַטיקן דורך אַ געהעריקער דיעט. נוציק דערבײַ זײַנען פֿרוכטן, גרינס, קאָמפּאָטן, פֿלוימען, זויערמילך, אַ גלאָז קאַלטע וואַסער אויף ניכטערן האַרצן. קיין שום שטאַרקע אָפּפֿיר־מיטלען טאָר מען ניט נעמען אָן דער עצה פֿון דאָקטער, ווײַל אין דער ערשטער צײַט רייצן זיי די געדערעם און שפּעטער געוווינען זיך די געדערעם צו צו זיי.

אויך די מויל און די ציינער פֿאָדערן אַן אויפֿפּאַסונג. אין דער שוואַנגערשאַפֿט טרעפֿט אָפֿט, אַז די ציינער ווערן געפּטרט, און דערפֿאַר מוז מען זיי היילן. די אַלטע אײַנרייִרעניש, אַז אין דער שוואַנגערשאַפֿט איז געפֿערלעך צו היילן די ציינער, מוז פֿאַרגעסן ווערן. בײַ אַ פֿאַרשטאַרקטער אַרויסטײלונג פֿון שפּײַעכץ און בײַ אָנצינדונג פֿון די יאַסלעס איז נוצלעך אָנצוּווענדן בינדנדיקע טינקטורן אָדער פֿאַרשיידענע מוילוואַסערן, וואָס זײַנען פֿאַראַן אין פֿאַרקויף.

די שוואַנגערע פֿרוי מוז פֿאַרהיט ווערן פֿון פֿאַרשיידענע אויפֿרעקונגען. אַ שטאַרקער שרעק, גײַסטיקע צעטרייסלונגען זײַנען שעדלעך, באַזונדערס פֿאַר פֿרויען מיט אַ צאַרטער נערוון־סיסטעם.

דער געשלעכט=לעבן אין דער צײַט פֿון דער שוואַנגערשאַפֿט מוז באַ=גרענעצט ווערן מיט אַ מינימום. ניט זעלטן פֿאַסירט אַ מפּיל אין דער ער=שטער צײַט פֿון דער שוואַנגערשאַפֿט פֿון אַן אָפֿטן און שטורמישן פֿאַרקער. אַ חודש פֿאַר דער געבורט מוז איטלעכער געשלעכטלעכער פֿאַרקער אויפֿהערן, ווײַל דאָס קאָן אַרויסרופֿן אַ בלוטונג און אַן אינפֿעקציע אין די געשלעכט=אָרגאַנען.

VI. אַסעפּטיק און אַנטיסעפּטיק אין דער אַקושעריע.

אישלעכער, וואָס איז באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון דער מעדיצין, דערמאָנט זיך מיט שרעק וועגן די אומצאָליקע קרבנות, וואָס ס'האָט געפאָדערט די געפערלעכע קרענק, וואָס רופט זיך בלוטפאַרגיפטונג. באַזונדערס פיל קרבנות האָט געפאָדערט די דאָזיקע קרענק בײַ פרויען, וואָס האָבן געשאָנקען דאָס לעבן אַ נײַער באַשעפעניש. אויב מיר זאָלן זיך דערמאָנען, אַז אין מיטן פון פאָריקן יאָרהונדערט איז די שטאַרבלעכקייט פון בלוטפאַרגיפטונג און פון קימפעט-פיבער דערגאַנגען ביז 10%, קאָנען מיר פאַרשטיין, ווי גרויס ס'איז דער פאַרדינסט פון דעם געניאַלן דאָקטער, וואָס האָט אַנטדעקט די סיבה פון קימפעט-פיבער.

דאָס איז געווען דער אונגאַרישער דאָקטער איגנאַץ-פיליפּ ז ע מ ל ו ו ײַ ס. זעמלווײַס איז געבוירן געוואָרן אין אָפען דעם 1טן יולי 1818, ער האָט זיך געלערנט אין פעשט און אין ווין, פון 1846 איז ער געווען אַסיסטענט אין אַקושערן-קליניק אין ווין. דאָ האָט ער אָנגעהויבן זײַנע אויספאָרשונגען און באַטראַכטונגען, וואָס זײַנען געוואָרן דער יסוד פאַר זײַן לערע וועגן די סיבות פון קימפעט-פיבער.

אין 1861 האָט זיך באַוויזן זײַן אַרבעט: „די סיבה, דער באַגריף און די פאַרהיטונג פון קימפעט-פיבער". צו דער אַנטדעקונג האָט אים געבראַכט דער טויט פון זײַן פרײַנט, דעם דאָקטער קאָלעטשעק, וואָס האָט זיך פאַרנומען ווי אַ פּאַטאָלאָג-אַנאַטאָם מיט פאַלמעסן מתים. די ענלעכקייט פון קאָלעטשעקס קרענק, וואָס ער האָט זיך אָנגענומען בײַם פאַלמעסן, מיט קימפעט-פיבער האָט זעמלווײַסן אין 1847 געפירט צום געדאַנק, אַז די סיבה פון קימפעט-פיבער איז אויך אַ פאַרגיפטונג מיט מתים-גיפט. זעמלווײַס האָט געפאָדערט, אַז דאָקטוירים, אַקושערקעס און סטודענטן, וואָס זײַנען דערבײַ בײַ געבורטן, וואָס אונטערזוכן געווינערינס און העלפן בײַם האָבן, זאָלן וואַשן זייערע הענט מיט כלאָר-וואַסער. און ווי דורך אַ נס איז די צאָל קראַנקע און טויטפאַלן פון קימפעט-פיבער געפאַלן אין 5—10 מאָל. אין דער אייגענער צײַט איז אין די קליניקן, וווּ מען האָט ניט געהאַלטן פון זײַן מיינונג, די שטאַרבלעכקייט געבליבן די אייגענע וואָס פריער. אָבער ניט מיט אַ מאָל האָט די לערע פון זעמלווײַס באַקומען אַן אַלגעמיינע אָנערקענונג. ווי יעדער נײַע לערע, וואָס קערט איבער מיטן קאָפּ אַראָפּ אַלע אַלטע באַגריפן, איז זי אויך פאַרבליבן אַ לאַנגע צײַט ניט אָנערקענט. ס'האָבן זיך אײַנגעפונען קעגנער, ס'זײַנען אָבער אויך געווען אָנהענגער, וואָס האָבן געקאָנט פאַרשטיין דעם גרויסן באַטײַט, וואָס די אַנטדעקונג האָט.

אין 1894 איז געשטעלט געוואָרן אַ דענקמאָל זעמלווײַסן, אַט דעם, וואָס האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַרן שטודירן די סיבות פון קימפעט-פיבער און די פאַרהיטונג דערפון.

די גרונט=הנחות פון זעמלווײַסן באַשטײען דערין, אַז די קימפּעטאָרין נעמט זיך אָן אין דעם פאַל, אויב אין איר בלוט דרינגען אַרײַן עפּעס אַזוינע פוילשטאָפן. די דאָזיקע פוילשטאָפן קאָנען שטאַמען פון אַ וואָסער ניט איז קראַנקן אָדער פון אַ טויטן אָרגאַניזם. דערפאַר האָט זעמלווײַס געפאָדערט, אַז אַלע קעגנשטאַנדן און באַזונדערס די הענט פון די דאָקטוירים און אַקושערקעס, וואָס קומען אין באַריר מיט דער קימפּעטאָרין, זאָלן דעזינפעצירט ווערן און אַז די אַרומיקע לופט זאָל זײַן ריין. ווי אַ דעזינפעציר-מיטל האָט ער פאָרגעלייגט כלאָר=וואַסער.

דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פון קאַמף קעגן וווּנדן=פאַרגיפטונג און קעגן קימפּעט=פיבער האָבן מיטגעהאָלפן די אַנטדעקונגען וואָס עס האָט געמאַכט דער פראַנצייזישער געלערנטער לוי פּאַסטער (1822—1895). אין 1857 האָט פּאַסטער אויסגעפונען, אַז בלעריי פּראָצעסן פון פוילן און יערן זײַנען מיגלעך נאָר דאַנק נידעריקע אָרגאַניזמען.

זיך שטיצנדיק אויף פּאַסטערס לערע האָט דער ענגלישער כירורג ליסטער אין 1867 פאַרעפנטלעכט זײַן אַרבעט וועגן היילן וווּנדן. ער איז געקומען צום אַרויספיר, אַז בלעריי שפּראָצן פון די נידעריקע אָרגאַניזמען געפינען זיך אין דער לופטן און זײַנען די סיבה פאַר דער פאַראייטערונג פון וווּנדן. כדי צו פאַרהיטן די קראַנקע נאָך אַן אָפּעראַציע ווי אויך נאָך אַ געבורט פון בלוטפאַרגיפטונג, מוז מען זאָרגן דערפאַר, אַז די דאָזיקע שפּראָצן זאָלן ניט אַרײַנקומען אין וווּנד. דערצו האָט ליסטער אויסגעפונען זײַן באַרימטן „אַנטיסעפּטישן פאַרבאַנד", וואָס האָט דעם ציל צו פאַרהיטן די וווּנד. דער הויפּט מיטל ליסטערס איז געווען קאַרבאָל=זײַערס, וואָס ער פלעגט אין פולווערייזירטער פאָרם דורך אַ פולווערייזאַטאָר אַרויפגיסן אויפן אָפּעראַציע=פעלד, אויף די אינסטרומענטן און דעם דאָקטערס הענט. נאָך דער אָפּעראַציע האָט ליסטער געצעהט אַרויפלייגן אַ פאַרהיטונג=פאַרבאַנד. צוליב דעם דאָזיקן מיטל האָט דאָס היילן וווּנדן אָנגעהויבן דורכצוגיין אָן אַ פאַראייטערונג און אָן היץ. פאַרשטייט זיך, אַז אַלע האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם דאָזיקן „ליסטערשן" אופן פון היילן וווּנדן.

די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג האָט די לערע פון היילן וווּנדן דערגרייכט דאַנק די אַרבעטן פון דײַטשן געלערנטן ראָב. קאָך, וואָס האָט אין 1878 אין זײַן אַרבעט „דער אויספאָרש פון די סיבות פון קלעפּיקע קרענק" באַוויזן, אַז ס'זײַנען פאַראַן פאַרשיידענע באַקטעריעס בײַ פאַרשיידענע קרענק. זײַנע שילער האָבן אין דער דאָזיקער ריכטונג געאַרבעט ווײַטער, און בײַ דער הײַנטיקער צײַט האָבן מיר זיך שוין אינגאַנצן קלאָר געמאַכט דאַנק די נײַסטע אויספאָרשן פון די הײַנטצײַטיקע געלערנטע (בערגמאַן, זײַן שילער שימלבוש) די סיבות פון וווּנדן=פאַראייטערונג, פיבער נאָך אַן אָפּעראַציע, קימפּעט=פיבער און בלוט פאַרגיפטונג. אָבער אונדז זײַנען באַוווּסט ניט נאָר די סיבות, ניט נאָר די אָדער אַנדערע שולדיקע באַקטעריעס,

נאָר אויך די מיטלען זיי צו באַקעמפן און די אופנים ווי צו פאַרהיטן דעם מענטשן פון די דאָזיקע קרענק.

אַ וווּנד, וווּנד־פאַרגיפטונג און דער קאַמף דערמיט.

וואָס איז אַזוינס אַ וווּנד? — אויף דער פראַגע ענטפערן מיר, אַז אַ וווּנד באַקומט זיך, ווען די גאַנצקייט פון אַ וואַסער ניט איז געוועב ווערט צעשטערט. דער ערשטער סימן פון אַ וווּנד איז אַ ריס פון בלוט־געפעסן, צוליב וואָס עס באַקומט זיך אַ בלוטונג. אויב אין וווּנד זיינען באַשעדיקט ניט גרויסע בלוטגעפעסן, דאַן איז די בלוטונג ניט קיין גרויסע, זי קאָן זיך אַליין פון זיך פאַרהאַלטן אדאַנק דעם, וואָס דאָס בלוט ווערט פאַרגליווערט און דער בלוטגליווער פאַרשטאָפּט דעם געפעס. אויב ס'איז אָבער באַשעדיקט אַ גרעסערער בלוטגעפעס, שפריצט דאָס בלוט פון דער וווּנד מיט אַ שטראָם. דאַן קומט אויס אָפּצוהאַלטן די בלוטונג מיט דער הילף פון אַ דרוק, אַ נאָט אָדער דורך אַ פאַרבאַנד. אויף אַזאַ אופן איז די ערשטע אויפגאַבע — אָפּצושטעלן די בלוטונג. די צווייטע אויפגאַבע איז צו פאַרהיטן די וווּנד פון פאַרגיפטונג. כּדי די וווּנד זאָל גוט פאַרהיילן, דאַרף מען זי האַלטן „ריין“.

אין וואָס באַשטייט די „ריינקייט“ פאַר דער



אילוסטר. 20.
סטרעפּטאָקאָקן.

ווונד! דאָס באַטײַט — פאַרהיטן זי פון דער מיגלעכקייט, אַז אין איר זאָלן אַרײַנקומען די באַקטעריעס, וואָס קאָנען גורם זײַן צו דער פאַרגיפטונג. די דאָזיקע באַקטעריעס, וואָס מיטן פשוטן אויג קאָן מען זיי ניט זען, נאָר מיט דער הילף פון פאַרגרעסער־אַפּאַראַטן (מיקראָסקאָפּן), זײַנען פאַראַן אומעטום — אין דער לופטן, אין וואַסער, אויף אַלע קעגנשטאַנדן און דער עיקר אויף די הענט, וואָס זײַנען געקומען אין באַריר מיט אײַטערדיקע ווונדן אָדער מיט פוילנדיקע שטאָפן.

באַזונדערס געפערלעך פאַר ווונדן זײַנען צוויי מינים באַקטעריעס. ערשטנס — סטרעפּטאָקאָקן; די דאָזיקע באַקטעריעס באַשטייען פון קליינע שטעקעלעך אָדער רונדע קײַקעלעך. זיי זײַנען פונאַנדערגעלייגט אין דער פאָרם פון קייטלעך. דערפון שטאַמט זייער נאָמען — קייטלדיקע באַקטעריעס (סטרעפּטאָקאָקן). צווייטנס זײַנען זייער געפערלעך די הענגל־ענלעכע באַקטעריעס — סטאַפּילאָקאָקן, וואָס ליגן אין קופּקעלעך.

די סאַמע געפערלעכסטע זײַנען די סטרעפּטאָקאָקן. זיי אַנטוויקלען זיך, וואַקסן אויף דער ווונד מיט אַן אומגלייבלעכער גיכקייט און רופן אַרויס אַ פאַראײַטערונג פון דער ווונד. אײַטער, וואָס ס׳טיילט אַרויס אַ ווונד, שטעלט פאָר מיט זיך אַ גרינלעך־געלע געדיכטע פליסיקייט.

יאַז מיר קוקן זיך צו צו אײַטער אין מיקראָסקאָפּ, זעען מיר אַ סך קעמערלעך, די אַזוי גערופענע אײַטער־קערפּערלעך, וואָס זײַנען ענלעך צו די ווײַסע בלוט־קערפּערלעך.

די פאַרגיפטונג פון דער ווונד דורך באַקטעריעס רופט אַרויס ניט נאָר אָרטיקע פאַרענדערונגען פון דער ווונד גופא, נאָר אויך שינויים אין גאַנצן אָרגאַניזם.

וואָס שײַך די אָרטיקע סימנים פון דער ווונד־פאַרגיפטונג, דריקן זיי זיך אויס דורך פאָלגנדיקן: די ווונד ווערט ווייטיקדיק, דער אַרום ווערט אָנגעשוואָלן, ס׳באַווײַזט זיך אַ רויטקייט. גוט איז, אויב די פאַרגיפטונג באַגרענעצט זיך מיט דער ווונד גופא. אָפט פאַרשפּרייטן זיך די באַקטעריעס ווײַטער אין די דערבײַיקע געוועבן דורך די געוועבשפּאַלטן און די לימפאַטישע געפעסן. עס ווערן דאַן מער און שטאַרקער געשוואָלן די שכנישע געוועבן, די קרענקלעכקייט פאַרשטאַרקט זיך און עס אַנטשטייט היץ. אַן אינפעקציע, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך באַזונדערס גיפטיקע באַקטעריעס, קאָן זיך פאַרשפּרייטן אויפן גאַנצן אָרגאַניזם און אַרויסרופן אַ פולע בלוטפאַרגיפטונג פון מענטשן דורך די עצם באַקטעריעס און דורך זייערע גיפטן. אַזאַ בלוטפאַרגיפטונג — איז די סאַמע שווערסטע פאָרם פון אַ קרענק, וואָס ענדיקט זיך דאָס רוב מיטן טויט. דערפאַר איז אונדזער חוב אָנצווווענדן אַלע אונדזערע כּוחות און ידיעות, כּדי די ווונד זאָל ניט פאַרסמט ווערן. מיר דאַרפן געדענקען, אַז דאָס בלוט פון דער ווונד און די ווונד גופא איז די בעסטע נאַרונג־סבֿיבֿה פאַר די באַקטעריעס.

ס׳זײַנען געמאַכט געוואָרן פרווון, וואָס באַווײַזן, ווי אַזוי ס׳וואַקסן און

פאַרמערן זיך באַקטעריעס. אויב מען זאָל נעמען אַ קליינעם טראָפּן אייטער און אַריבערטראָגן אים אויף פלייש, בלוט אָדער בוליאָן, קאָן מען אין אַ צייט אַרום זען, ווי די אייטער־באַקטעריעס פאַרמערן זיך. אויף די דאָזיקע נאַרונג־סביבות באַווייזט זיך אַ ווייסע היטל, וואָס האָט אַ שטרעבונג צו ווערן רק גרעסער און גרעסער.

דער דאָזיקער אופן פון פאַרפלאַנצן באַקטעריעס אויף נאַרונג־סביבות רופט זיך אָן דער פאַרפלאַנץ פון קולטורן. מיט זייער הילף קאָן מען דער־גיין, וואָסערע באַקטעריעס עס אַנטהאַלט אין זיך אַ באַליביקע ווונד. אויב פון אַזאַ קולטור זאָל מען נעמען אַ ביסל און עס איינאימפן דורך אַ קליינער ווונד ביי אַ האָסער ניט איז באַשעפעניש, באַקומט די דאָזיקע באַשעפעניש אָן אייטער־דיקע ווונד און דורך דער ווונד — בלוטפאַרגיפטונג.

דער קאַמף מיט באַקטעריעס ווערט די ער־שטע אויפגאַבע פון אונדזער אַרבעט.

ווו באַגעגענען זיך די דאָזיקע באַקטעריעס מער פון אַלץ? — אומעטום, ווו ס'איז פאַראַן אייטערדיקע ווונדן, פוילנדיקע בלוט, נאָכגעבורט־אַרויסטיילונ־גען, זיך צעפּאַלנדיקע געשווילעכצן. אַזוי ווי אונדזערע הענט קומען אין באַריר מיט אַלע מיגלעכע באַקטעריעס, זיינען זיי שטענדיק די טרעגער פון באַקטע־ריעס. באַזונדערס געפערלעך זיינען קראַנקע מיט אַ רויז, מיט שאַרלאַך, פּאָקן, טיפוס, דיפטעריט, אַנגינע א״אַנד.

מען מוז געדענקען נאָך אַ זייער וויכטיקן אומשטאַנד. דהיינו — די באַקטעריעס אַליין קריכן ניט אין ווונד. די אינפעקציע, ד״ה דאָס אַנגעמען זיך, אַנטשטייט דער עיקר דורך אַ באַריר, ד״ה ביים אַריבערטראָגן אין ווונד באַקטעריעס פון אַ קראַנקן דורך דריטע פּערזאָנען, דורך זייערע הענט אָדער דורך קעגנשטאַנדן. אויב אויף אַ ווונד איז אַרויפגעלייגט אַ ניט ריינער פאַרבאַנד, ד״ה אַזאַ, וואָס אַנטהאַלט באַקטעריעס, אָדער אויב אָן דער ווונד רירט זיך אָן אַ ניט ריינער אינסטרומענט, אָדער אויב די ווונד רירט זיך אָן אָן ניט ריינע קליידער, וועש,—דאַן איז די אינפעקציע אומפאַרמיידלעך.

דערפאַר איז די סאַמע אידעאַלסטע הילף דאָן, ווען אונדזערע הענט, אונדזערע אינסטרומענטן, וואַטע און מאַרלע, פאַרבאַנד־מאַטעריאַל, פּערעס צום נייען און וועש, וואָס קומט אין באַריר מיט דער ווונד, זיינען פריי פון באַק־טעריעס אָדער, ווי מען רופט עס, סטעריליזירט. סטעריליזירט רופט זיך אָן אַ קעגנשטאַנד דאַן, אויב אויף אים געפינען זיך ניט איין קיין באַקטעריעס. כּדי דאָס צו דערגרייכן, מוז מען דעם קעגנשטאַנד סטעריליזירן אָדער דעזינפּע־צירן. מיר גייען אַריבער צום קאַפּיטל וועגן דעזינפעקציע.

דעזינפעקציע.

ס'זיינען פאַראַן דריי אַרטן דעזינפעקציע: 1) מיט פייער, 2) מיט זודיקע וואַסער ביי אַ טעמפּעראַטור פון אַן ערך 100 גראַד און 3) מיט כעמישע מיטלען (אַנטיסעפּטישע מיטלען).

1) א דעזינפעקציע אָדער סטעריליזאַציע מיט פּליסנדיקע פּאַרע ווערט דורכגעפירט אין גרויסע קעסלען — אַפּאַראַטן, וואָס מען רופט אָן אויטאָקלאַוון. אין זיי ווערט וואַסער דערפירט ביזן זידן, ס'אַנטשטייט דאַן דאַמף, וואָס דרינגט אַרײַן אין די קלענסטע פּאָרן פון די קעגנשטאַנדן, וואָס ווערן סטעריליזירט.

אין אויטאָקלאַוון סטעריליזירט מען וואַטע, מאַרלע, בינדן, וועש. מען לייגט דאָס לכתחילה אַרײַן אין ספּעציעלע מעטאַלענע פּוּיקן, וואָס עס האָט אויסגע־פונען שימלבוש. די דאָזיקע פּויקן בלײַבן פאַרמאַכט און היטן אויף דעם מאַ־טעריאַל סטעריל.

2) מעטאַלענע אינסטרומענטן סטעריליזירט מען דורכן קאָכן אין וואַסער אין משך פון 10 מינוט. די הויכע טעמפּעראַטור פאַרניכט אינגאַנצן כּלערליי באַקטעריעס. כּדי די אינסטרומענטן זאָלן ניט פאַרדאַרבן אָדער פאַר־זשאַווערט ווערן, שיט מען אַרײַן אין די וואַסער אַ ביסל סאָדע, אַן ערך אַ טיי־ביז אַן עס־לעפל.

פאַראַן אַזוינע אינסטרומענטן, וואָס מיט זיי מוז מען זיך באַגיין באַזונ־דערס אָפּגעהיט. דאָס זײַנען שפּריצן, פאַר אונטערהויטיקע אײַנשפּריצן. זיי מוז מען אויך קאָכן, ווי יעדער אינסטרומענט, נאָר זיי הייבט מען אָן צו קאָכן אין קאַלטע וואַסער, אײַנגעוויקלט לכתחילה אין אַ שטיק מאַרלע אָדער וואַטע.

גלאָז־זאַכן מוז מען אויך אַרײַנלייגן אין קאַלטע וואַסער, וואָס ווערט דערפירט ביזן זידן. וואַרפן זיי דירעקט אין קאָכיקע וואַסער קאָן מען ניט, ווײַל זיי קאָנען פּלאַצן.

גומיע־זאַכן, ווי הענטשקעס, רערלעך, קאַטעטערס, ווערן אויך געקאָכט, פּונקט ווי אינסטרומענטן. אָבער זיי קאָן מען קאָכן נאָר 2—3 מינוט, ווײַל בײַ אַ לענגערן קאָכן פאַרלירן זיי זייער פעסטקייט.

3. כעמישע מיטלען. פאַר דעזינפעקציע ווערן אָנגעווענדט אויך כעמישע מיטלען אין אַ צעלאָזענעם צושטאַנד. דערצו געהערן: סובלי־מאַט, ליזאָל, ליזאָפאָרם, אַלקאָהאָל, באָר־זײַערס וכד'.

א) סובלימאַט איז אַ קוועקזילבער־פּרעפּאַראַט און שטעלט פאָר מיט זיך גאַנץ שטאַרקע גיפט. מען באַקומט עס געוויינלעך אין דער פאָרם פון פּאַס־טילן פון 1 גראַם. דעם גראַם סובלימאַט צעלאָזט מען אין אַ ליטער וואַסער, און עס באַקומט זיך אַ צעלאָזונג 1 אויף 1000. אזא צעלאָזונג פון סובלימאַט איז אַ גוטער דעזינפעציר־מיטל. געוויינלעך ווערט ער אָפּגעפאַרבן אין אַ ראָזער פאַרב, כּדי מען זאָל אים גרינגער אונטערשיידן פון אַנדערע פליסיקייטן.

ב) ליזאָל — איז אַ שוואַרץ־ברוינע פליסיקייט, לויטן ריח דערמאָנט ער דזעגעכץ, מיט וואַסער בילדעט ער אַ קוים מוטנע צעלאָזונג.

אַנשטאָט ליזאָל, וואָס פאַרמאָגט אַ שאַרפן, אַ ביסל ניט אָנגענעמען ריח, קאָן מען באַנוצן ליזאָפאָרם, וואָס האָט ניט דעם דאָזיקן ריח.

סײַ ליזאָל, סײַ ליזאָפאָרם באַנוצט מען צום דעזינפעצירן אין 1% צע־לאָזונג.

ג) אלקאָהאָל — איז אַ גרינג ברענענדיקע פליסיקייט, וואָס האָט אַ ספּעציפישן בײַסיקן טעם. אַלקאָהאָל מישט זיך גרינג צונויף מיט וואַסער. אַלקאָהאָל ווירקט אַנטיסעפּטיש, מחמת ער ברענגט גרינג אום מיקראָבן. ער ווערט באַנוצט דער עיקר אין דער פאָרם פון רעקטיפיצירטן ספּירט (spiritus rectificatus).

ד) באָר־זײַערס — קריסטאַלן פון אַ זיסלעך־צונויפציִענדיקן טעם. ווערט באַנוצט בײַ צעלאָזונג פון 1—4% צום שווענקען די מויל און אַרומצוּוואַשן ווונדן.

ה) וואַסערשטאָף־היפּעראָקסיד — איז אַן אָנפאַרביקע פליסיקייט מיט אַ צונויפציִענדיקן טעם. געוויינלעך ווערט ער באַנוצט אין אַ 3% צעלאָזונג. בעת ער קומט אין באַריר מיט פאַרשיידענע געוועבן, אַנטוויקלט זיך זויערשטאָף, און דערפאַר ווירקט ער אַנטיסעפּטיש אויף ווונדן, געשווירן, וכד'. וואַסערשטאָף־היפּעראָקסיד פאַרטרײַבט אויך דעם ריח פון פוילעניש.

ו) מאַנגאַן־זויערער קאַליום (kalium hypermanganicum) שטעלט פאָר מיט זיך טונקל־פיאָלעטע, כמעט שוואַרצע פּריזמעס מיט אַ מעטאַלישן גלאַנץ און אַ ניט אָנגענעמען צונויפציִענדיקן טעם, וואָס צעלאָזן זיך אין וואַסער. אין באַריר מיט פאַרשיידענע געוועבן פון חיות און פלאַנצן גיט ער אָפּ זויערשטאָף, ד"ה ער אָקסידירט זיי. דערויף באַזירט זיך זײַן אַנטיסעפּטישע ווירקונג. אויך ער פאַרטרײַבט דעם ריח פון פוילעניש. מען באַנוצט אים אין צעלאָזונגען 1:1000 ביז 1:4000.

ז) יאָד־טינקטור — אַ צעלאָזונג פון יאָד 1:10 — איז אַ טונקל־ברוינע פליסיקייט. אַדאַנק דער ווירקונג אויף באַקטעריעס, רעכנט זיך יאָד פאַר אַן אַנטיסעפּטישן מיטל.

דעזינפעקציע פון די הענט.

די הויפּטזאַך בײַ אַנטיסעפּטישער אַרבעט זײַנען דעזינפעצירטע הענט.

די דעזינפעקציע פון די הענט באַשטייט פון צוויי מאָמענטן:

1) פון מעכאַנישן רייניקן די הענט,

2) פון פאַרניכטן די באַקטעריעס אויף זיי.

כדי צו דערגרייכן אַ פולשטענדיקע דעזינפעקציע פון די הענט, איז מען זיך נוהג אַזוי: מיט אַ לכתחילה אָפּגעקאָכטער בערשטל וואַשט מען די הענט אין משך פון 5 מינוט מיט וואַרעמע וואַסער און זייף. וואַשן דאַרף מען די גאַנצע האַנט, אָנהייבנדיק פון די שפּיצפינגער און ענדיקנדיק מיטן איילנבויגן. בעסער פון אַלץ איז וואַרעמע פליסנדיקע וואַסער. אויב קיין פליסנדיקע וואַסער איז ניט פאַראַן, מוז מען די וואַסער אַ פּאָר מאָל בײַטן. דערנאָך שערט מען אָפּ די נעגל און מיט אַ ספּעציעלן נעגלרייניקער רייניקט מען אויס אונטער די נעגל און אַרום זיי. נאָכן ערשטן פינפמינוטיקן וואַשן נעמט מען אַ צווייטע

בערשטל און מען וואַשט ווײַטער די הענט 5 מינוט. אויף אַזאַ אופן ווערן די הענט מעכאַניש אָפּגערייניקט פון בּלערליי אומרייניקייטן. נאָר דאָס איז נאָך ניט גענוג.

נאָך דער מעכאַנישער רייניקונג קומט די כעמישע דעזינפעקציע, וואָס ווערט דורכגעפירט מיט צוויי שטאַרקע דעזינפעצירנדיקע מיטלען, דהײַנו — אַ צעלאָזונג פון סובלימאַט און ספּירט. נאָכן וואַשן ווערן די הענט אָפּגעטונקט אין אַ צעלאָזונג פון סובלימאַט און דערנאָך רייניקט מען זיי מיט אַלקאָהאָל במשך פון 1—2 מינוט.

דעזינפעצירטע הענט טאָרן ניט קומען אין באַריר מיט אַ וואַסער ניט איז ניט סטערילן קעגנשטאַנד, זיי הערן דאַן אויף צו זײַן ריין.

פאַר אַ בעסערער אַסעפּטיק ווערן בײַ היינטיקן טאָג אָנגעטאָן אויף די הענט גומיענע הענטשקעס, וואָס ווערן דעזינפעצירט דורכן קאָכן אין וואַסער.

VII. די נאָרמאַלע געבורט.

מיטן נאָמען געבורט באַצייכענען מיר דעם פּראָצעס, בײַ וועלכן דאָס קינד אין איינעם מיט די הײַטלעך און פּלאַצענטע ווערט ארויסגעשטויסן פון מוטערלײַב דורך נאַטירלעכע כּוחות. די געבורט רעכנט זיך פאַר איינער פון די נאַטור־דערשײַנונגען, וואָס קומען פאָר אין דער וועלט נאָך אַנאַנד און אָן אויפהער, פּונקט אַזוי ווי עס שײַנט די זון און עס פליסט וואַסער. דערפאַר מוזן מיר געדענקען, אַז די נאַטור גופא ווערט פאַרטיק מיט דעם דאָזיקן פּראָצעס און אַז זי האָט פאַרזאָרגט די פרוי מיט די געהעריקע כּוחות און ענער־גיע. די נאַטירלעכע כּוחות, וואָס שטויסן דאָס קינד ארויס, זײַנען די צוזאַמענציִונגען פון דער געבורמוטער און די טעטיקייט פון בויכפּרעס, ד״ה פון די בויך־מוסקלען.

דאָס קינד גייט דורך בײַם געבוירן ווערן אַ באַשטימטן וועג, דעם אַזוי גערופענעם געבורט־קאַנאַל. ער גייט דורך דורכן בעקן, וואָס שטעלט פאָר מיט זיך דעם האַרטן געבורט־קאַנאַל, און דורך די ווייכע געשלעכט־וועגן.

די געבורט קומט געוויינלעך פאָר אויף דער 40סטער וואָך פון דער שוואַנגערשאַפט. אַ געבורט צו דעם טערמין רופן מיר אָן אַ צײַטיקע געבורט. אויב די געבורט קומט פאָר פאַר דער 28סטער וואָך, רופט מען זי אַ ניט־צײַטיקע געבורט אָדער אַ מפּיל. די געבורט צווישן דער 28סטער און 39־סטער וואָך רופט זיך אַ פריצײַטיקע געבורט.

די לאַגע פון קינד.

דאָס קינד אליין נעמט נישט קיין שום אַקטיוון אָנטייל אין דער געבורט, ער איז נאָר דער אָביעקט פון געבורט, וועלכער ווערט ארויסגעשטויסן דורך די געבורט־וועגן.

אין דער געבוירמוטער ליגט דאָס קינד אויף אַ באַשטימטן אופן. מיר שיידן אונטער: 1) די פאַרלענגיקע לאַגע פון קינד, ד״ה בעת די אַקס פון קינדס קערפּער פאַלט צונויף מיט דער אַקס פון דער מוטערס קערפּער, און 2) די קווערע לאַגע, ווען דעם קינדס אַקס קומט אויס פאַר קווער דער אַקס פון דער מוטערס קערפּער. די לאַגע פאַר לענג רעכנט זיך פאַר דער נאָר־מאַלער לאַגע, און אין דעם פאַל גייט דורך די געבורט מיט דער הילף פון נאַטירלעכע כּוחות. בײַ דער לאַגע פאַר קווער איז די געבורט נאָר מיגלעך בײַ דער מיטהילף פון אַ דאָקטער.

בײַ דער לאַגע פאַר לענג ליגט פאָרויס ס׳רוב (אין 95 פאַלן פון 100) דעם קינדס קעפּל, און מיר האָבן דאַן אַ קאָפּלאַגע, אין 4 פאַלן פון 100 ליגן פאָרויס דער געזעס אָדער די פיסלעך, האָבן מיר אַ געזעס־אָדער אַ

פוס=לאַגע. די קווערע לאַגע איז זייער זעלטן און טרעפט זיך אויף 1000 געבורטן נאָר אין 4—6 פאַלן.

אָפטער פון אַלץ ליגט פאָרויס ביַי דער קאָפּלאַגע דער נאַקנביין, דערפאַר באַנוצן מיר דאָ די באַצייכענונג נאַקנלאַגע. חוצדעם קומט אויס זיך צו רעכענען מיט דער פּאָזיציע פון רוקנדל: אויב ביַי דער פאַרלענגיקער לאַגע איז דער רוקנדל געווענדט צו לינקס, רופן מיר די לאַגע אָן די ערשטע. למשל „די ערשטע נאַקנלאַגע" באַטיַיט — ס'ליגט פאָרויס דער נאַקן, און דער רוקנדל איז צו לינקס. אויב דער רוקנדל איז געווענדט צו רעכטס, האָבן מיר די „צווייטע לאַגע".

די ווירקנדיקע כּוחות ביי דער געבורט.

די ווירקנדיקע כּוחות, וואָס שטויסן דורך די פרוכט דורכן בעקן און דורך די ווייכע געשלעכט=וועגן, זיַינען די צונויפציִונגען פון דער געבוירמוטער און די טעטיקייט פון בויכפּרעס.

די ווייען — דאָס זיַינען די צונויפציִונגען פון דער געבוירמוטער, וואָס באַשטייט פון גלאַטער מוסקולאַטור. זיי זיַינען פאַר דער מוטער ווייטיקדיק און דערפאַר טאַקע רופט מען זיי ווייען. די ווייען קומען ניט פאַר נאָך אַנאַנד, נאָר מיט הפסקות, וואָס רופן זיך אָן פּויזעס. יעדער מאָל האַלטן אָן די ווייען פון 60 ביז 90 סעקונדעס און די הפסקה צווישן זיי געווערט נאָרמאַל פון 3—5 מינוט. די ווייען ביַי דער געבורט הענגען אינגאַנצן ניט אָפּ פון דער מוטערס ווילן און פון איר באַוווסט און קומען פאָר אומווילקירלעך. ביַי די ווייען קומען פאָר צונויפציִונגען פון דער געבוירמוטער, דער עִיקר ציט זיך צונויף איר אייבערשטער טייל, דערביַי ווערט ער האַרט און דיק, אין דער ציַיט ווען דער אונטערשטער טייל — אָן ערך אָנהייבנדיק פון אינעווייניקסטן שלינג — ווערט להיפּוך דין און פונאַנדערגעצויגן. איטלעכע פאַרקירצונג פון דער געבוירמוטער קאָנען מיר אָנטאַפּן מיט דער האַנט. מיר פילן דערביַי ווי די געבוירמוטער ווערט האַרט און ווי איר דעק הייבט זיך אַ ביסל אויף.

דער ווייטיק ביַי די ווייען הענגט אָפּ פון דער פרוים פיַינפילעוודיקייט. אַנדערע פילן דעם ווייטיק שטאַרקער, אַנדערע — שוואַכער. אין אָנהייב איז דער ווייטיק ניט קיין באַזונדערער און לאָקאַליזירט זיך אין קרייץ און אין די לענדן, שפּעטער גייען די ווייטיקן אַריבער פון הינטן צו פאָרנט אין דער ריכטונג פון אונטערשטן טייל בויך. די ווייען ווערן רק אָפטער, זיי חזרן זיך איבער פריִער אַלע 5 מינוט, דאַן אַלע 3 מינוט און ווערן אינטענסיווער. די ווייטיקן קאָנען אויך ווערן זייער שטאַרק און אַרויסרופן ביַי דער פרוי קרעכצן און אפילו געשרייען. נאָר אַדאַנק די הפסקות באַקומט די פרוי די מיגלעכקייט, הגם ניט אויף לאַנג — ביז די קומענדיקע ווייען, זיך אַ ביסל צו פאַררוען.

וואָסער באַטיַיט האָבן די צונויפציִונגען פון דער געבוירמוטער — די ווייען?

בײַ די צונויפציִונגען פון דער געבוירמוטער קומט פאַר זייער אַ וויכטיקע דערשײַנונג פאַר דער געבורט — אין דער געבוירמוטער אַנטשטייט אַ פאַרשטאַרקטער דרוק. צוליב דעם אינעווייניקסטן דרוק ווערט דער אינהאַלט פון דער געבוירמוטער אַרויסגעשטויסן אין דער ריכטונג צום אַרויסגאַנג, צום אינעווייניקסטן מוטערשלינג. דער כּוח, וואָס עס אַנטוויקלט די מוסקולאַטור פון דער געבוירמוטער, איז אויף אַזוי פיל שטאַרק, אַז ער איז גובר די מניעות, וואָס עס שטעלן פאַר מיט זיך בײַ דער געבורט דער בעקן און די ווייכע געבורטוועגן.

דער צווייטער ווירקנדיקער כּוח בײַ דער געבורט איז די טעטיקייט פון בויכפּרעס (די פּרעס-ווייען). דער בויכפּרעס הייבט אָן צו אַרבעטן אין דעם מאָמענט, ווען דעם קינדס קעפּל האָט זיך שוין אַראָפּגעלאָזן אויפן דעק פון בעקן. די פרוי שפּאַרט זיך דערבײַ אײַן מיט די הענט און פיס און קוועטשט זיך. די פּרעס-ווייען העלפן מיט דעם ווײַטערדיקן פאַרויסגייִן פון קעפּל. די פּרעס-ווייען הענגען אָפּ פון דער פרויס ווילן, נאָר די באַדערפעניש נאָך זיי איז אַזוי שטאַרק, אַז די פרוי קאָן זיך ניט אײַנהאַלטן און זי לאָזט אין גאַנג איר בויכפּרעס. בײַ די פּרעס-ווייען איז דער ווייטיק ניט אַזוי גרויס ווי בײַ די ווייען, און אַ סך פרויען ווערן באַטײַטנדיק רויִקער, ווי נאָר די פּרעס-ווייען הייבן זיך אָן. דערבײַ ווערט דער פּנים פון דער פרוי רויט און באַדעקט מיט שווייס, די טעטיקייט פון האַרץ פאַרשטאַרקט זיך.

דער פאַרלויף פון דער נאָרמאַלער געבורט.

די געבורט האָט אירע אָנזאָגער. בײַם סוף פון דער שוואַנגערשאַפט טרעפן זיך אָפט קליינע צוגרייט-ווייען. זיי חזרן זיך איבער מיט הפסקות פון 3—4 טעג. די דאָזיקע צוגרייט-ווייען שטעלן אַרײַן די קעפּל אין אַרײַנגאַנג פון בעקן, פאַרקירצן דעם שיידטייל פון דער געבוירמוטער בײַ ערשטגעבורטן, און בײַ ווײַטערדיקע געבורטן עפענען זיי אַ ביסל פונאַנדער דעם אויסווייניקסטן מוטערשלינג. באַזונדערס דײַטלעך פילן די דאָזיקע ווייען פרויען, וואָס גייען דעם ערשטן מאָל צו קינד, און זיי נעמען זיי אָפט אויף פאַר אמתע געבורט-ווייען. די ווייען אָבער הערן אָפט אויף און די עצם געבורט הייבט זיך אָן ערשט אין עטלעכע טעג אַרום. בײַ ווײַטערדיקע געבורטן גייען די דאָזיקע צוגרייט-ווייען פאַרבײַ אָן ווייטיקן און אומבאַמערקט.

די געבורט טיילט זיך אײַן אין דרײַ הויפּט פּעריאָדן:

1. דער פּעריאָד, ווען די געבוירמוטער עפנט זיך.

2. דער פּעריאָד, ווען דאָס קינד ווערט אַרויסגעשטויסן. ער געדויערט פון דעם מאָמענט, ווען די געבוירמוטער האָט זיך געעפנט, ביז דעם מאָמענט, ווען דאָס קינד איז שוין אינגאַנצן אַרויסגעקומען.

3. דער פּעריאָד, ווען ס'קומט אַרויס די נאָכגעבורט.

דער עפן-פּעריאָד ווערט באַגלייט מיט ווייען.

אין אָנהייב זעלטענע און שוואַכע, ווערן זיי רק אָפטער און שטאַרקער. די הפסקות צווישן די ווייען האַלטן אָן 3—5 מינוט, די עצם ווייען יעדער מאָל פון 60—90 סעקונדעס.



אילוסטר. 21.
די העלדזל פון דער געבוירמוטער ביי אַן ערשטגעבורט. (לויט בום).

די הויפּט-אויפגאַבע פון עפן-פעריאָד איז — עפענען די מוטער-העלדזל און דעם אויסוויניקסטן מוטערשלינג. דאָ שפּילט אַ גרויסע ראָל דער פרוכט-פענכער, וואָס טיילט זיך אָפּ ביי די ווייען אין זיין אונטערשטן טייל פון די געבוירמוטער-ווענטלעך און שטעלט זיך אַריין אין מוטערהעלדזל, דערביי פּילט ער זיך אָן צוליבן אינעוויניקסטן דרוק מיט פרוכט-וואַסער. ביי אַן אינעוויניקסטן אונטערזוך קאָן דער פינגער אָנטאַפּן, ווי דער פענכער ווערט ביי די ווייען אָנגעשפּאַנט און לאָזט נאָך די ווייען ווידער אָפּ. נאָך אַ גאַנצער ריי ענערגישע ווייען, וואָס חזרן זיך רעגלמעסיק איבער, עפנט בהדרגה דער פאָרויס-ליגנדיקער פענכער די מוטערהעלדזל און דעם מוטערשלינג. דערביי רינט אַרויס אַ ביסל בלוט, אויסגעמישט מיט שליים, און מיר זאָגן, אַז די געווינערין האָט אָנגעהויבן צו „פאַרבן".

וואָס מער דער מוטערשלינג עפנט זיך פונאַנדער, אַלץ דינער ווערן זיינע קאַנטן, און ביי דער פולער פונאַנדערעפענונג קאָן מען די קאַנטן מער ניט אָנטאַפּן.

אויף צו באַצייכענען, ווי שטאַרק דער מוטערשלינג האָט זיך געעפנט, באַנוצן מיר זיך מיט דער דורכגאַנג-מיגלעכקייט פון פינגער. אַזוי למשל זאָגן מיר: דער שלינג האָט זיך געעפנט אויף 3 פינגער — ס'הייסט, אַז דורכן שלינג קאָנען דורכגיין דריי פינגער אאַז"וו. אַז דער אויסוויניקסטער שלינג ווערט אינגאַנצן אויסגעגליכן, איז דער עפן-פעריאָד פאַרענדיקט. אין דעם מאָמענט האָט דער פרוכטפענכער אָפּגעטאָן זיין אַרבעט און מעג פּלאַצן. ביי די ווײַ-

טערדיקע ווייען פילט ער זיך טאקע אָן מיט די פרוכטוואסער, ציט זיך פונ־אַנדער און פּלאַצט, דערביי „גייט אָפּ די וואסער" אין א פארשיידענעם סכום. דערמיט פארענדיקט זיך געווינלעך איינגאנצן דער עפן־פעריאָד.



אילוסטר. 22.
די העלדזל האָט זיך געעפנט.

(לויט בום).

מען דאַרף אָבער באמערקן, אז ניט שטענדיק פאַלט צונויף דאָס אָפּגייַן פון די וואסער מיטן פולן עפענען זיך פון שלינג. אָפט טרעפט זיך, אז די וואסער גייט אָפּ אין מיטן פעריאָד פון עפענען און א מאָל אויך אין אָנהייב פון דער געבורט. מיר ריידן דאַן וועגן א „טרוקענער" געבורט, וואָס פאָדערט מער צייט פארן עפענען דעם שלינג.

נאָך דעם ווי די וואסער גייט אָפּ, נעמט אויף זיך די ארבעט פון עפע־נען די געבורט־וועגן דעם קינדס קעפּל, וואָס הייבט אָן זיך אַרייַנצושטעלן אין שלינג און אין דער שייד.

אין פעריאָד פון ארויסשטויסן די פרוכט הייבט זיך אָן די ארבעט פון בויכפּרעס. צוליב דעם, וואָס די קעפּל האָט זיך אַראָפּגע־לאָזן נידעריקער אויפן דעק פון בעקן, הייבט די פרוי אָן צו פילן א „שפּאַרן" אויף דער אנאלער עפענונג, וואָס עס רופט ארויס די באדערפעניש ארויס־צודריקן די פרוכט. עס הייבן זיך אָן די פרעסווייען. די קעפּל רוקט זיך אונטער דער דאָזיקער ווירקונג אַלץ נענטער און נענטער צו דער אויסווייניק־סטער געשלעכט־שפּאַלט, און באַלד הייבט מען אָן זי צו זען פון אויסווייניק.

די קעפּל מאַכט דורך בייַם דורכגיין דורכן בעקן און דורך די ווייכע געשלעכט־וועגן געוויסע פארענדערונגען. ערשטנס בייַטן די ביינער פון קינדס קעפּל זייער לאַגע צווישן אנאנד, און די קעפּל נעמט אָן די פאָרם, וואָס איז גינסטיקער פארן דורכגיין דורך די געבורט־וועגן. ביי דער קאָפּלאַגע אנטשטייט



אילוסטר. 23.

די קעפּל שניידט זיך אַריין ביי דער נאַקנלאַגע אין דער געשלעכט-שפּאַלט.
(לויט בום).

אויף דער הויט פון איינעם פון די שיטלביינער דער געבורט-געשוויל ע כ ץ, ס'ווערט אָנגעשוואָלן די הויט און דער אונטערהויט-געוועב. ביי דער גזעסלאַגע באַקומט זיך דער געבורט-געשווילעכץ אויפן געזעס. וואָס מער עס דערנענטערט זיך די קעפּל צום אַרויסגאַנג, ווערן די פּרעסווייען רק שטאַרקער און אָפטער (אַן ערך אַלע 2—3 מינוט). די געווינערין האָט אַ פאַרלאַנג צום שטול און דריקט אַרויס עקסקרעמענטן. אורין קאָן מען לאָזן נאָר מיט שוועריקייטן, ווייל די קעפּל דריקט צונויף דעם אורינקאַנאַל. דער צווישנטייל ציט זיך פונאַנדער אונטערן דרוק פון קעפּל און ווערט דין. די עפענונג פון דער דיקער קישקע איז אָפן און פון איר קומען אַרויס עקסקרעמענטן.

די וויטיקן ביי די פּרעסווייען ווערן שטאַרקער, וואָס נענטער עס קומט דער סוף פון דער געבורט. אונטער דער ווירקונג פון די לעצטע ווייען הייבט די קעפּל אָן זיך דורכצושניידן דורך דער אויסווייניקסטער עפענונג און שפּאַרט זיך צום סוף אַרויס. נאָך דער קעפּל קומען גיך די פּלייצקעלעך, דער גוף און די פיסלעך. די געבוירמוטער הערט אויף צו אַרבעטן און די וויטיקן פאַרענדיקן זיך.

דאָס קינד ווערט געבוירן אין איינעם מיט אַ געוויסן סכום פרוכטוואַסער, אָפטמאָל באַרעקט מיט בלוט. גלייך נאָך דער געבורט טוט עס אַ הויכן געשריי. דאָס קינד ליגט צווישן דער מוטערס פיס, איז נאָך פאַרבונדן מיט איר דורך דער נאָפּלשנור, וואָס ציט זיך דורך דער געבוירמוטער צו דער פּלאַצענטע.

מיט דעם מאָמענט איז דער צווייטער פּעריאָד פון דער געבורט פאַרענדיקט. ס'הייבט זיך אָן די זאָרג פאַרן קינד, וואָס מען טיילט אָפּ פון דער מוטער — מען פאַרבינדט און מען שניידט איבער די נאָפּלשנור. דערביי מוז אָבער אויך די מוטער ווייטער פאַרבלייבן אונטער אַ געהעריקער אויפפּאַסונג, מחמת די געבורט האָט זיך נאָך ניט פאַרענדיקט. עס דאַרף נאָך פאַרקומען דער דריטער פּעריאָד — דער נאָכגעבורט־פּעריאָד.

דאָס אַרויסקומען פון דער נאָכגעבורט איז אַ נאָרמאַלע דערשיינונג, וואָס קומט פאָר נאָר מיט נאַטירלעכע כּוחות, דורך די אייגענע צונויפציִונגען פון דער געבוירמוטער. ביי אַ פּרווו אַרויסצודריקן די פּלאַצענטע פון דער געבוירמוטער אָדער ביים צערייצן זי דורך מאַסאַזש און אָפטן באַרירן, קאָן מען נאָר אַרויסרופן אַ בלוטונג פון דער געבוירמוטער, אָפטמאָל אַ גענוג געפערלעכע פאַר דער מוטער.



פּלאַצענטע
אילוסטר. 24.
די פּלאַצענטע האָט זיך אָפּגעטיילט פון די מוטערווענטלעך און זיך אַראָפּגעלאָזן צום אַרויסגאַנג.

(לויט בום)

נאָכן האָבן דאָס קינד פאַרקלענערט זיך באַשטייענדיק די געבוירמוטער, איר דעק לאָזט זיך אַראָפּ ביז צום נאָפּל. געווייגלעך קומט דערביי פאָר אַ ניט גרויסע בלוטונג פון דער געבוירמוטער, וואָס עס איז אַ גאַנץ נאָרמאַלע דערשיינונג. אין אַ 15 מינוט אַרום הייבט די געבוירמוטער ס'רוב ווידער אָן זיך צונויפצוציִען. ס'הייבן זיך ווידער אָן ווייען. אַדאַנק זיי טיילט זיך די פּלאַצענטע אָפּ פון די מוטערווענטלעך און לאָזט זיך אַראָפּ דורכן שלינג אין דער שייד. די פרוי האָט ווידער אַ פאַרלאַנג צו קוועטשן און דריקט אַרויס די פּלאַצענטע מיט אַלע אירע הייטלעך, וואָס אין זיי געפינט זיך איין אַ שטיק פאַרגליווערטע בלוט. בכדי די פּלאַצענטע זאָל אַרויסקומען, זיינען נייטיק בכן

צוויי דערשיינונגען: ערשטנס דארף זי אָפּגעטיילט ווערן פון דער געבוירמוטער און צווייטנס ארויסגעשטופּט ווערן.

מען טאָר זיך קיין מאָל ניט איילן מיטן ארויסדריקן די נאָכגעבורט. ס'איז פאַראַן אַ גאַנצע ריי סימנים, וואָס לויט זיי לאָזט זיך אורטיילן, צי די פּלאַצענטע האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער געבוירמוטער.

ערשטנס, נאָכן אָפּטיילן זיך פון דער פּלאַצענטע הייבט זיך דער מוטער-דעק אויף איבערן נאָפּל אַ ביסל רעכטס, ער ווע־ט שמאָל און אויף אים טאַפּט זיך אָן אַן איינגאַרטיקער האַרטער „קאַם".

צווייטנס, אויב ביים אָנדריקן איבערן שאַנדגעביט ציט זיך די נאָפּלשנור ניט אַריין צוריק אין שייד, איז די פּלאַצענטע ענדגילטיק אָפּגעטיילט פון דער געבוירמוטער, אין פאַרקערטן פאַל גייט די נאָפּלשנור אַריין צוריק.

נאָכן ארויסקומען מוז די פּלאַצענטע גוט באַטראַכט ווערן. אויב ס'איז פאַראַן דער קלענסטער חשד, אַז עס פעלט אַ טייל אָדער אַ שטיקל פון דער פּלאַצענטע, מוז מען זי באַהאַלטן ביז עס קומט דער דאָקטער, וואָס וועט קאָנ-טראָלירן דעם פאַרדאַכט און וועט אָננעמען די געהעריקע מיטלען.

די געבוירמוטער ווערט דערנאָך קלענער, ציט זיך צונויף און לאָזט זיך אָנטאַפּן ווי אַ האַרטער רונדער קערפּער אָן ערך צווישן נאָפּל און שוים-בויגן.

אַז די ווענטלעך פון דער געבוירמוטער פאַרקירצן זיך, פאַרמאַכן זיך די בלוטגעפעסן און ווייטערדיקע בלוטונגען זיינען ניט מיגלעך. די געבורט רעכנט זיך פאַר געענדיקט.



אילוסטר. 25.

די נאָכגעבורט ווערט אָפּגענומען מיט די הענט, די הייטלעך ווערן דערביי צונויפגעדרייט ווי אַ שטריקל.

די ווירקונג פון דער געבורט אויף דער מוטער און אויפן קינד.

די געבורט פאָדערט פון דער פרוי א גרויסן פאַרברויך פון ענערגיע. נאָר די נאַטור פאַרזאָרגט די פרוי מיט די נייטיקע כוחות. די האַרץ פון א געזונטער פרוי ווערט פאַרטיק מיט די אָנשטרענגונגען ביי דער געבורט. דער פולס מאַכט ביי דער געבורט ניט דורך קיין גרויסע וואַקלונגען, נאָר ביי די פּרעסווייען פאַרגיכערט ער זיך. גלייך נאָך דער געבורט ווערט דער פולס ווידער נאָרמאַל. די טעמפּעראַטור פון קערפּער בלייבט כמעט שטענדיק נאָרמאַל. א גרויסע פיזישע אַרבעט מאַכט דורך די פרוי ביי די פּרעסווייען. וואָס בעסער ס'איז אַנטוויקלט די מוסקולאַטור פון די בויכווענטלעך, וואָס מער די פרוי האָט זיך פאַרנומען אין איר לעבן מיט פיזישער אַרבעט אָדער ספּאָרט, וואָס וויניקער פעטס ס'איז פאַראַן אין די בויכווענטלעך, — אַלץ בעסער אַרבעטן די בויכמוסקלען און אַלץ גרינגער האָט זי איר קינד.

ביי איטלעכער געבורט באַקומען זיך קליינע שפּאַלטן און קראַצן אין די ווייכע געבורט-וועגן, נאָר זיי פאַרהיילן זיך גיך, אויב ביי דער געבורט איז ניט אַרייַנגעקומען אומרייניקייט אין די געשלעכט-טיילן.

די געבורט האָט איר באַשטימטן פאַרלויף. ביים ערשטן קינד געדויערט די געבורט נאָרמאַל פון 18—24 שעה, דערביי גייט אַוועק דער גרעסטער טייל צייט אויף דעם עפן-פּעריאָד. דער צווייטער פּעריאָד געדויערט געוויינלעך 1—2 שעה. ביי די ווייטערדיקע געבורטן קומט פאָר די געבורט א סך גיכער — פון 3—12 שעה. בכלל הענגט אָפּ דער פאַרלויף פון דער געבורט פונעם קערפּערבוי, פון דער רעגלמעסיקייט פון בעקן, פון דער שטאַרקייט פון די ווייען און פון דער נאָכגיביקייט פון די ווייכע געשלעכט-וועגן. וואָס יינגער ס'איז די פרוי, וואָס מער רעגלמעסיק ס'איז איר בעקן און וואָס עלאַסטישער עס זיינען ביי איר די געוועבן, אַלץ אידעאַלער גייט דורך די געבורט.

וואָס שייך די ווייטיקן ביי דער געבורט, מוז מען אויף זיי קוקן ווי אויף א נאַטירלעכער דערשיינונג. ווי נאָר די ווייען גייען אַוועק, פאַרשווינדן די ווייטיקן. אויף דער נערוון-סיסטעם פון דער פרוי לאָזן זיי ניט איבער קיין שפּורן. ווי נאָר ס'ווערט געבוירן דאָס קינד, פאַרגעסט תיכף די פרוי די אָקערשט געהאַטע ווייטיקן, און איר גאַנצע פּסיכיק קאָנצענטרירט זיך אויפן קינד. אַנשטאָט די פריערדיקע קרעכצן — איז איצט א גרויסע באַפרידיקונג און פרייד. דערפאַר איז ניטאָ קיין נייטיקייט אָנצוקומען צו וואָסערע ניט איז קינסטלעכע מיטלען קעגן די ווייטיקן, מכל שכן אַז אַלע מיטלען, וואָס זיינען דער מעדיצין באַוווּסט, זיינען ווייט ניט אומשעדלעך, אָפּטמאָל קאָנען זיי אפילו ווערן דירעקט שעדלעך. נאָר אויב די ווייטיקן גייען אַריבער די נאָרמאַלע גרענעצן און די פרוי הייבט אָן שטאַרק צו ליידן, מוזן די ווייטיקן באַזייטיקט ווערן דורך נאַרקאָטישע מיטלען.

וואָס שייך דער ווירקונג, וואָס די געבורט האָט אויפן קינד, מוז מען באַמערקן, אַז דאָס קינד שפּילט ניט דערביי קיין אַקטיווע ראָל, ער ווערט מיטן כוח פון די ווייען אַרויסגעשטויסן פון דער געבוירמוטער. כל זמן די וואַסער

איז נישט אָפּגעגאַנגען, איז דאָס קינד פון אַלע זײַטן אַרומגענומען מיט די פּרוכטוואַסער, וואָס עס איז פאַר אים די בעסטע פאַרהיטונג. די ווייען האָבן אויף אים קיין שום ווירקונג נישט. וועגן צושטאַנד פונעם קינד אורטיילן מיר לויט זײַנע האַרצטעטנער, וואָס ווערן אויסגעהערט דורך אַ טרײַבל פון זײַן רוקנזײַט און וואָס זײַנען גלײַך 120 קלאַפּ אין אַ מינוט. הגם איטלעכע צונויפציִונג פון דער געבוירמוטער פאַרקלענערט דעם בלוטצופלוס צו דער פרוכט און אויך די צאָל האַרצטעטנער, נאָר אין די הפסקות באַקומט דאָס קינד ווידער דעם נייטיקן סכום בלוט און די האַרצטעטנער נעמען אָן זייער נאָרמאַלן כאַראַקטער. אויב די וואַסער גייט אָפּ, נעמט די געבוירמוטער בײַ די ווייען שטאַרק אַרום די פרוכט. און דער בלוטצופלוס ווערט צוליב דעם קלענער. בײַ דער „טרוקענער" געבורט, וואָס געדויערט אין כּלל לענגער, געפינט זיך דאָס קינד אין סכּנה. בײַ זייער אָפטע און שטאַרקע ווייען קאָן דאָס קינד לײַדן, באַקומענדיק ווייניקער בלוט. וועגן דער סכּנה פאַרן קינד אורטיילן מיר תּמיד לויט די האַרצטעטנער, צי זיי קומען נישט פאַר צו פאַמעלעך, נישט רעגלמעסיק אָדער גאָר צו גיך.

נישט דער קאָפּגעשווילעכץ, נישט דער פאַררוק פון די שייטלביינער זײַנען נישט פאַרבונדן מיט קיין שום פאָלגן פאַרן קינד. אין עטלעכע טעג אַרום נאָך דער געבורט נעמט די קעפּל אָן די נאָרמאַלע פאָרם און דער געשווילעכץ פאַרשווינדט.

הילף בײַ דער געבורט.

הגם מיר האַלטן די געבורט פאַר אַ פיזיאָלאָגישן פּראָצעס, וואָס קומט פאָר דורך נאַטירלעכע כּוחות, האָבן די מענטשן שטענדיק זיך גענומען צו געבן דער פרוי אין דער שווערער מינוט פון איר לעבן אַ געוויסע הילף. מיר מוזן זאָרגן דערפאַר, אַז די געווינערין זאָל בעת דער געבורט זיך אײַנגעפינען אין די סאַמע גינסטיקע באַדינגונגען. ספּעציעלע אַקושערישע קליניקן, אַ ספּעציעל צוגעגרייטער פּערסאָנאַל פון אַקושערקעס, שוועסטער און דאָקטוירים — אויף דעם האָט רעכט בײַ הײַנטיקן טאָג איטלעכע פרוי, וואָס גייט צו קינד.

דער צימער, וואָס איז באַשטימט פאַר דער געבורט, מוז אַנטשפּרעכן אַלע פאָדערונגען פון היגיענע: אַ סך ליכט, אַ גוטע לופט, אַ געהעריקע ווענטילאַציע, פון מעבל די סאַמע נייטיקסטע; ס'טאָרן נישט זײַן אין צימער קיין ווייכע מעבל, קיין דיוואַנעס, קיין פאָרהענגלעך און אַנדערע קענגשטאַנדן, וואָס אויף זיי קלײַבט זיך גרינג אָן שטויב. פאַר אַ געבורטצימער טויג קיין אופן נישט אַ חדר, וווּ ס'האָט זיך פריִער אײַנגעפונען אַ קראַנקער מיט אַ וואַסער נישט איז אינפעקציע-קרענק אָדער מיט אַן אייטערדיקער וווּנד. מען מוז אויך אויסמײַדן די שכנות מיט קראַנקע, באַזונדערס מיט קראַנקע קינדער.

די באַלײַכטונג פון דעם געבורטצימער שפּילט אַ גרויסע ראָל. די נײַ-

מיקיט צו פארהיטן דעם צווישנטייל און א פאל פון אן אפעראציע פאדערן א גוטע באלייכטונג.

די טעמפעראטור מוז זײַן אן אנגענעמע, פון 18 ביז 20 גראד צעלסי, ווײַל ס'קומט אפט אויס די געווינערין צו אנטבלויזן, כדי זי צו באקוקן און צו אונטערזוכן.

אין שכנישן צימער מוז זײַן די געהעריקע אײַנארדענונג צום קאכן די אינסטרומענטן און צום זידן וואסער אין נייטיקן סכום.

די געבורט קומט פאר בײַ הײַנטיקן טאג נאר אין ליגנדיקן צושטאנד. אין די פריערדיקע צײַטן פלעגט די געבורט דורכגיין זיצנדיק. דערצו זײַנען אפילו געווען דאן ספּעציעלע צוגעפּאסטע שטולן, בראכשטולן. נאר א געבורט ליגנדיק האט זייער א פולע מעלות. די געווינערין רוט זיך בעסער אויס, ס'איז גרינגער זי צו אונטערזוכן, צו קאנטראלירן די הארצטענער פון קינד, צו פארהיטן דעם צווישנטייל וכד'.

וואס שײַך דער בעט זײַנען איצט פאראן ספּעציעלע געבורטבעטן, וואס באשטייען פון צווי זיך פונאנדערדרוקנדיקע העלפטן. אויף דער אייבערשטער העלפט געפינען זיך אײַן די קאפ, דער גוף, די הענט, דער בעקן פון דער געווינערין, אויף דער אונטערשטער אירע פיס. די אונטערשטע העלפט קאן מען לויט באדארף אוועקרוקן. אויף דער אייבערשטער קאן מען די געווינערין באקוועמער וואשן, דערבײַ רינט די וואסער אראפ אין א ספּעציעלן עמער, וואס שטייט אונטן, די אייבערשטע העלפט לאזט זיך גרינג אײַנשטעלן פאר קווער. דאס גיט די מיגלעכקייט גרינגער צו אונטערזוכן בײַ דער פרוי די געשלעכטטיילן. די געבורט קאן אויך פארקומען אין א געוויינלעכער בעט מיט א הארטן מאטראץ, אז דער בעקן זאל ניט אײַנזינקען צו טיף אין בעט. די בעט מוז שטיין אזוי, אז מ'זאל צו איר קאנען צוקומען פון אלע זײַטן. אן אונטערבעט, וואס נעצט ניט דורך, גענוג ריינע וועש — זײַנען פאדערונגען פארשטענדלעכע פאר זיך.

אין צימער מוז זיך געפינען א טיש, וואס אויף אים קאנען באקוועם פונאנדערגעלייגט ווערן אלע נייטיקע אינסטרומענטן, פארבאנד־מאטעריאל, וואסטע. ס'זײַנען נייטיק עטלעכע שיסלען, וואס לאזן זיך גרינג דעזינפעצירן. אין די דאזיקע שיסלען דארפן זיך אײַנגעפינען אלע נייטיקע דעזינפעציר־פליסיקייטן, וואס וועגן זיי איז געווען די רייד אין איינעם פון די פריערדיקע קאפּיטלען.

פארן קינד מוז זײַן צוגעגרייט א באזונדערע בעטל און א ריינע וועש אים צו באדן.

בײַם אנהייב פון די ווייען איז די ערשטע זאך אויסצורייניקן די געדערעם פון צוואה, וואס קאן ערשטנס זײַן א שטער פאר די ווייען און פארן קינדס קעפל בײַם דורכגיין דורך די געבורט־וועגן, און צווייטנס קאן צוואה, אויב עס קומט ארויס אין דער צײַט פון דער געבורט, ארײַנטראגן אן אינפעקציע אין דער שייד. אויף אויסצורייניקן די געדערעם באנוצט מען זיך מיט

אַ קליסטיר, דערבײַ לאָזט מען אַרײַן אין דער גראָדער קישקע אַן ערך 2 גלאָז לעפּלעכע וואַסער מיט אַ צומיש פון זייף.

דער פרויס גוף מוז בײַ דער געבורט זײַן ריין. הארט פאַרן האָבן ווערט ניט רעקאָמענדירט צו נעמען אַ וואַנע, מחמת די וואַנעוואַסער קאָן אַרײַנדרינגען אין דער שייד און אַרײַנטראָגן אומריינקייט. באַזונדערס בײַ ווײַטערדיקע געבורטן. זיכערער פון אַלץ איז אַ וואַרעמער דוש. דערבײַ קאָן מען דעם גאַנצן גוף גוט אָפּוואַשן מיט זייף. נאָכן וואַשן מוז מען דער געווינערין אָנטאָן ריינע וועש.

אין אָנהייב פון עפּן־פּעריאָד מעג די געווינערין ניט זײַן אין בעט. ס'ווערט איר דערלויבט אַרומצוגיין איבערן צימער. טייל פרויען טראָגן גרינגער אַריבער די ווייען זיצנדיק, אײדער ליגנדיק. אויב די וואַסער איז אָפּגעגאַנגען און דעם קינדס קעפּל איז ניט אַרײַן אין בעקן, מוז די געווינערין בלײַבן אין בעט.

די סאַמע באַקוועמסטע לאַגע פאַר דער פרוי אין בעט איז די לאַגע אויפן רוקן מיט אַן אַ ביסל אויפגעהויבענעם גוף. אָפט איז נוצלעך אוועקצולייגן די געווינערין אויף דער רעכטער אָדער לינקער זײַט, אָפּהענגיק פון דעם קינדס לאַגע, וואָס עס ווערט גענוי פאַרגעשריבן דורכן דאָקטער אָדער דורך דער אַקושערקע.

מ'דאַרף אַכט געבן, אַז דער אורינפּענכער זאָל ניט פול ווערן און דערפאַר מוז די געווינערין פון צײַט צו צײַט דעם אורינפּענכער אויסליידיקן. אַ פולער אורינפּענכער שטערט בײַ די ווייען און דער פּענכער גופא ווערט פון שטאַרקן דרוק קראַנק.

די פליסיקייטן, וואָס קומען אַרויס פון דער שייד, די פרוכטוואַסער, דאָס בלוט וכדו' מוזן געגוי באַקוקט ווערן. פאַר דער גאַנצער צײַט פון דער געבורט מוזן אויסגעהערט ווערן דעם קינדס האַרצטענער.

מען מוז זיך אויך זאָרגן פאַרן גײַסטיקן צושטאַנד פון דער געווינערין, באַזונדערס אין עפּן־פּעריאָד. די געווינערין האָט ווייטיקן און איר דוכט זיך, אַז זיי זײַנען אינגאַנצן אומזיסטע, מחמת זי מערקט ניט אינעם עפּן־פּעריאָד, אַז די געבורט גייט פאָרויס. אָפּטמאָל בעט זי זיך „גיכער צו פאַרענדיקן", „זי אײַנצושלעפערן מיט כלאָראָפאָרם", „אַרויסצונעמען דאָס קינד מיט צוואַנגען" וכדו'. אונדזער אויפגאַבע איז דאַן זי צו באַרויִקן. מען מוז איר דערקלערן, אַז איטלעכע ווייען איז אַ טריט פאָרויס, אַז די ווייען זײַנען ניט קיין אומזיסטיקע, אַז וואָס שטאַרקער עס זײַנען די ווייען, אַלץ נענטער איז דער סוף פון דער געבורט.

בײַם אָנהייב פון צווייטן פּעריאָד מוז זיך די פרוי לייגן אויפן רוקן און אַ ביסל אײַנבייגן די פיס. דער פאַרלאַנג צו די פּרעסווייען אַנטשטייט נאַטירלעך, און די פרוי זוכט געוויינלעך אַן אָנשפּאַר פאַר אירע הענט, בכדי בעסער צו קוועטשן. מען גיט דער געווינערין אין יעדער האַנט אַ האַנטעך, וואָס איז אָנגעפעסטיקט צוקאָפּנס פון דער בעט.

נאָר דאָס וויכטיקסטע איז צו דעזינפעצירן בײַ דער געווינערין די אויסווייניקסטע געשלעכט־אָרגאַנען און זייער אַרום. דערצו מוז די פּערזאָן, וואָס

גיט הילף בײַ דער געבורט, לכתחילה זיך אַליין דעזינפֿעצירן די הענט לויט אַלע פֿאָדערונגען פֿון דער אַסעפּטיק און ערשט מיט דעזינפֿעצירטע הענט צוטרעטן ארומצוּוואַשן די אויסווייניקסטע געשלעכט־אָרגאַנען בײַ דער פֿרוי. — די האָר אויף די געשלעכט־אָרגאַנען מוז מען קורץ אָפּשנײַדן אָדער אָפּגאָלן. וואַשן מוז מען מיט זייף און וואַרעמע וואַסער, מיט סטעריליזירטע וואַטע, דערבײַ מוז מען עטלעכע מאָל בײַטן די וואַסער. נאָכן וואַשן לייגט מען דער געווינערין אונטער אַ סטעריליזירטן לײַלעך אָדער האַנטעך.

ווײַטער מוז די פּערזאָן, וואָס גיט די הילף, זיך צוגרייטן צו פֿאַרהיטן דעם צווישנטייל, אָפּצונעמען דאָס קינד און צו געבן דעם קינד די ווײַטערדיקע הילף.

דערצו פֿאָדערט זיך, אַ צווייטן מאָל צו דעזינפֿעצירן די הענט. און נאָר מיט דעזינפֿעצירטע הענט מעג מען צוטרעטן צו פֿאַרהיטן דעם צווישנטייל און אָפּצונעמען דאָס קינד.

צום סוף ווילן מיר אונטערשטרײַכן די סאַמע וויכטיקסטע פֿאָדערונג:

אין קיין פֿאַל טאָר מען בײַ דער געבורט ניט דורכפֿירן קיין אינעווייניקסטן אונטערזוך, אַפֿילו מיט דעזינפֿעצירטע הענט. דאָס רעכט אויף אַן אינעווייניקסטן אונטערזוך האָט נאָר דער דאָקטער. מיר האַלטן אַן אינעווייניקסטן אונטערזוך פֿאַרן סאַמע ערנצטן אַרײַנמישן זיך, ווײַל דאָס קאָן פֿירן צו אַן אינפֿעקציע. און אויך דער דאָקטער מאַכט אַזאַ אונטערזוך נאָר דאַן, אויב בײַ דער געבורט איז פֿאַראַן אַ חשד אויף וואָסערע ניט איז קאָמפּליקאַציעס, וואָס פֿאָדערן אַ גענויע אויפֿקלערונג.

אויב איר ווילט, אַז די געווינערין זאָל ניט ווייסן פֿון קיין קימפּעט־פֿיבער, מאַכט ניט קיין אינעווייניקסטע אונטערזוכן און היט אײַן אין אַלץ די געבאָטן פֿון אַסעפּטיק.

פֿאַרהיטמיטלען פֿאַרן צווישנטייל.

דער צווישנטייל נייטיקט זיך בײַ דער געבורט אין אַ באַשטימטן פֿאַרהיט. ער רײַסט זיך אָפֿט, אין 20% פֿאַלן, בעת דעם קינדס קעפּל גייט דורך דורך דער עפֿענונג פֿון שייד. כּדי צו פֿאַרהיטן דעם צווישנטייל פֿון ריסן אָדער לכל הפּחות צו פֿאַרמינערן די גרייס פֿון ריס, ווערן בײַם דורכגיין פֿון קעפּל אָנגעווענדט פֿאַרהיט־מיטלען. באַזונדערס אָפֿט רײַסט זיך דער צווישנטייל בײַ ערשטגעבורטן. אויב דער אַרויסשטופּ־פּעריאָד פֿאַרציט זיך לענגער ווי געוויינלעך און דער געוועב פֿון צווישנטייל ווערט צוליב דעם אָנגעשוואָלן פֿון

דרוק, — איז אַ ריס פֿון צווישנטײל ניט אויסצומײַדן. אַ גרויסע קעפּל בײַם קינד אָדער אַ ניט נאָכגיביקײט פֿון די קאָפּבײנער זײַנען אויך אָפֿט גורם אַ ריס.

מיט וואָס קאָן מען פֿאַרהיטן דעם צווישנטײל! — דער עיקר דערמיט, אַז די קעפּל זאָל אַרויסקומען וואָס מער פּאַמעלעך. דערצו צווינגט מען די פֿרוי זיך אָפּצוהאַלטן פֿון צו שטאַרקן קוועטשן, מען עצהט איר בײַ די לעצטע פּרעסווייען פּאַמעלעך און טיף צו אָטעמען. בײַ אַ טיפֿן אָטעמען הערט אויף די בויכפּרעס צו אַרבעטן.

ווײַטער איז וויכטיק, אַז די קעפּל זאָל דורכגײן דורך דעם געשלעכט־שפּאַלט מיט איר קלענערן פֿאַרנעם. דערצו איז נײטיק, אַז פֿריִער זאָל אַרויס־קומען דער נאַקן, דערנאָך ערשט דער שטערן און דער פּנים.

בײַם פֿאַרהיטן דעם צווישנטײל דאַרף די געווינערין ליגן אויפֿן רוקן מיט אײַנגעבויגענע און פֿונאַנדערגעשפּרייטע פֿיס. די פּערזאָן, וואָס נעמט אָפּ דאָס קינד, שטעלט זיך בײַ דער רעכטער זײַט פֿון בעט, רוקט דורך די רעכטע האַנט אונטער דער רעכטער פֿוס פֿון דער געווינערין און לײגט אַרויף די האַנט אויפֿן צווישנטײל אַזוי, אַז דער גראָבער פֿינגער זאָל זײַן געווענדט צו רעכטס און די איבעריקע פֿינגער — צו לינקס. די לינקע האַנט ווערט אַרויפֿ־געלײגט אויפֿן קינדס נאַקן, וואָס האַלט זיך אין דורכשנײַדן. בעת די פּרעס־ווייען דריקט מען מיט דער לינקער האַנט דעם נאַקן אַראָפּ צו אונטן אין דער ריכטונג צום צווישנטײל, ביז דער נאַקן קומט אינגאַנצן אַרויס פֿון אונטערן שויסבויגן. אַז דאָס איז שוין געשען, מ׳יט זיך די לינקע האַנט בײַ די ווײַטערדיקע ווייען אויפֿצוהייבן צו אויבן דעם שטערן און פּנים, וואָס גליטשן זיך דאַן פֿרײַ דורך דעם צווישנטײל. דאָ איז זייער וויכטיק, אַז די גע־ווינערין זאָל ניט צו שטאַרק קוועטשן, ווײַל אין דעם מאָמענט איז דער צווישנ־טײל שטאַרק פֿונאַנדערגעצויגן. די אַרויסגעקומענע קעפּל ווערט אָוועקגעדרייט צו דער רעכטער אָדער לינקער פֿוס, עס קומען דאַן די פּלייצקעס. אָפּטמאָל פֿאַרהאַלטן זײ זיך אַ ביסל, נאָר ס׳איז גענוג, אַז די געווינערין זאָל אַ קוועטש טאָן און די פּלייצקעס גליטשן זיך גרינג אַרויס. עס טרעפֿט, אַז בעת די פּלייצקעס פֿאַרהאַלטן זיך, מוז מען צוהעלפֿן מיט די הענט. דערצו נעמט מען אָן מיט בײדע הענט די קעפּל און מען דריקט זי אַראָפּ צו אונטן צו דעם צווישנטײל. די פֿאָדערשטע פּלייצקע גײט דאַן אַרויס פֿון אונ־טערן שויסבויגן. ווי נאָר די פֿאָדערשטע פּלייצקע איז אַרויס, ווערט די קעפּל אויפֿגעהויבן צו אויבן צום שויסבויגן, און די אַנדער פּלייצקע רוקט זיך אַרויס.

נאָך די פּלייצקעס קומען גיך אַרויס דער איבעריקער טײל פֿון קינדס גוף און די פֿיסלעך. אויב ניט געקוקט אויף די פֿאַרהיטמיטלען רײַסט זיך פֿאָרט דער צווישנטײל, מוז דער ריס אומבאַדינגט פֿאַרנייט ווערן פֿון אַ דאָק־טער. אַ ניט פֿאַרנייטער ריס האָט זײַנע פֿאָלגן פֿאַר דער פֿרוי. מיט דער צײַט פֿירט עס צו פֿאַרשײדענע קראַנקייטן פֿון די געשלעכט־אָרגאַנען, דער עיקר

קאָן די שייד זיך אָראָפּלאָזן אָדער די געבוירמוטער אַרויספאַלן. אויף צו פאַר־נייען אַ ריס פאָדערט זיך ניט פיל צײַט. ריכטיק פאַרנייט, פאַרהיילט זיך דער ריס גוט, און דער צווישנטייל באַקומט צוריק זײַן נאָרמאַלע פאָרם און האַפט.



אילוסטר. 26.
דאָס פאַרהיטן דעם צווישנטייל (מיט דער לינקער האַנט).
(לויט בום).

די ערשטע הילף דעם ניי געבוירענעם קינד.

דאָס קינד, אַרויסגעשטויסן פון דער מוטערס געשלעכט־אָרגאַנען, ליגט צווישן דער פרויס פיס. דערבײַ איז ער נאָך פאַרבונדן מיט איר דורך דער נאָפּלשנור. תיכּף נאָכן געבוירן ווערן שרײַט דאָס געזונטע קינד אויף אַ שטאַרקן קול. דאָס איז דער אויסדרוק פאַר דעם, אַז דאָס קינד האָט אַליין אָנגעהויבן צו אָטעמען, ווײַל אָן אָטעמען איז ניט מיגלעך צו שרײַען. גאָר אָפטמאָל אָטעמט דאָס קינד שוואַך און שרײַט ניט גענוגנדיק, דאַרף מען אים אַ פּאָר מאָל אַ פּאַטש טאָן איבערן געזעס, און עס וועט אָנהייבן שרײַען. אויב דאָס קינד ווערט געבוירן אַ בלויער, זאָגן מיר, אַז ער איז אַספיקטיש, ד"ה אַז ער איז אָן אָטעם און אין בלוט בײַ אים געפינט זיך אײַן ווייניק זויערשטאָף און מער קוילנזײַערס. כּדי צו צווינגען אַזאַ קינד אָטעמען, זײַנען פאַראַן אייניקע אופנים פון קינסטלעכן אָטעמען, וואָס וועגן זיי וועט זײַן די רייד שפּעטער.

די הויפּט אויפגאַבע נאָכן געבוירן ווערן איז אָפּצוטיילן דאָס קינד פון

דער מוטער. דערצו ווערט די נאָפּלשנור אין צוויי ערטער צונויפגעבונדן און צווישן זיי דורכגעשניטן.

אויף צו פאַרבינדן די נאָפּלשנור מוז מען שוין פאַר דער געבורט צו־גרייטן ספּעציעלע דינע, אָבער צו גלײַכער צײַט פעסטע בענדלעך, אבסאָלוט סטערילע, אַן ערך 20 צם לאַנגע. די בענדלעך ווערן באַצײַטנס געקאָכט אין זודיקע וואַסער און אויפגעהיט דערנאָך אין ספּירט.

די נאָפּלשנור ווערט פאַרבונדן אויף אַזאַ אופן: די ערשטע בענדל ווערט אַרויפגעלייגט האַרט בײַם נאָפּל, אַן ערך צוויי צענטימעטער פון אים, ווערט פעסט פאַרבונדן מיט אַ קניפּל און איבער אים ווערט געמאַכט אַ צווייטער צײַטווײַליקער קניפּל. די צווייטע בענדל ווערט אַרויפגעלייגט אויף אַן אָפּשטאַנד פון 4 צם פון דער ערשטער און ווערט אויך פאַרבונדן מיט צוויי קניפּלעך. צווישן די ביידע פאַרבונדענע ערטער ווערט די נאָפּלשנור דורכגעשניטן מיט אַ סטעריליזירטער שער. אויף דורכצושנײַדן די נאָפּלשנור איז פאַראַן אַ ספּע־ציעלע פעסטע שער. בײַם דורכשנײַדן דאַרף מען איין האַנט אונטערלייגן אונטער דער שער, כּדי צו פאַרהיטן דעם קינד, וואָס צאַפּלט זיך מיט די הענט און פיס, ער זאָל ניט אָנטרעפן אויף דער שער.

בײַם פאַרבינדן די נאָפּלשנור דערגרייכט מען אַ טאָפּלטן ציל. דער ער־שטער פאַרבאַנד פאַרהיט די דורכגעשניטענע נאָפּלשנור פון אַ בלוטונג. בײַ אַ פאַלשן פאַרבינדן קאָן טרעפן, אַז דאָס קינד זאָל אָפּלויפן מיט בלוט. דער צווייטער פאַרבאַנד פאַרהאַלט דאָס בלוט אין דער נאָפּלשנור און אין דער פּלאַצענטע, מחמת וואָס די פּלאַצענטע טיילט זיך דערנאָך גרינג אָפּ פון די מוטערוועגטלעך.

נאָכן דורכשנײַדן די נאָפּלשנור פאַרוויקלט מען דאָס קינד אין אַ סטע־ריליזירטער ווינדל און מען לייגט עס אַוועק אויף אַ זיכערן אָרט, אײַנגעדעקט מיט אַ וואַרעמער קאָלדרע. דאַן קען מען צוטרעטן צום באָדן.

דער נײַ געבוירענער איז באַדעקט מיט פּרוכטפעטס. בעסער פון אַלץ גייט דאָס אַראָפּ מיט ווייכע סטערילע אייל. מען נעמט דערצו וואַזעלין־אייל, פּראָוואַנסער אייל א״אַ.

די ערשטע וואַנע.

די קינדערוואַנע דאַרף באַנוצט ווערן נאָר אויף צו באָדן דאָס קינד און טאָר ניט אויסגענוצט ווערן פאַר אַנדערע צילן, למשל אויף צו וואַשן זײַנע וועש וכד'. זי מוז זײַן ריין. די טעמפּעראַטור פון די וואַסער מוז זײַן 35^0 צעלסי. די טעמפּעראַטור מעסט מען מיט אַ וואַנעגראַדל. מען טאָר זי ניט באַשטימען דורכן אַרײַנשטעקן די האַנט אין וואַסער, ווײַל עס טרעפט, אַז מען לאָזט אַראָפּ דאָס קינד אין אַ צו הייסער וואַנע, וואָס קאָן אים פאַרשאַטן.

אויף צו וואַשן דאָס קינד דאַרף מען באַנוצן סטעריליזירטע וואַטע, און

ניט קיין שוואָמען. די זייף פאַרן קינד מוז זײַן ווייך. די וואַנע־וואַסער טאָר ניט צוקומען צום קינדס אויגן. זיי מוז מען ספּעציעל צוועָן און באַזונדער אויסוואַשן נאָכן באָדן.

נאָך דער וואַנע מוז מען דאָס קינד טרוקן אָפּווישן. מען דאַרף קאָנטראָלירן, צי די נאָפּלשנור איז גוט איבערגעבונדן, און כּדי אויסצומײַדן מיגלעכע בלוטונגען, אַ צווייטן מאָל זי פאַרפעסטיקן. האָט מען זיך איבערגעצײַגט, אַז די בענדל איז פעסט, וואַשט מען אָפּ דעם נאָפּל מיט ספּירט, מען שיט אַרויף אויף אים דערמאַטאָל אָדער קסעראָפאָרם. מען לייגט אַרויף אַ דינעם שיכט סטעריליזירטע וואַטע אָדער מאַרלע און מען פאַרבינדט אַרום בויך מיט אַ דרײַ פינגער ברייטן בינד.

דאָס קינד באַקוקט מען, צי ער פאַרמאָגט ניט וואָסערע ניט איז מיטגעבוירענע חסרונות, און מען טוט אים דאָן אָן. דער אָנטאָן באַשטייט פון אַ העמדל, וואָס פאַרמאַכט זיך פון הינטן מיט בענדלעך און וואָס גרייכט ביזן געזעס. אויפן העמדל — אַ וואָלענער אָדער אַ זײַדענער יאַקעלע. דער אונטערשטער טייל פון קינדס גוף ווערט פאַרדעקט מיט אַ ווינדל, וואָס האָט די פאָרם פון אַ דרײַעק. דער דרײַעק ווערט אונטערגעלייגט אונטערן קינד און די שפּיצן זײַנע ווערן דורכגענומען צווישן די פיסלעך צו אויבן צו. אויפן דרײַעק ווערט אַריבערגעלייגט אַ פלאַנעלענע ווינדל. לייגן צווישן די ווינדלעך אַ גומיענעם לײַלעכל איז ניט צוועקמעסיק, ווײַל בײַם נאַס ווערן פון דער ווינדל באַקומט זיך אַ וואַרעמער קאָמפּרעס, וואָס איז גורם צו אַ פּריִענען. די ווינדלעך דאַרף מען שפּעטער אָפּט בײַטן.

מען דאַרף נאָך אָנווײַזן אויף זייער אַ וויכטיקן פּרט — **ווי זיך נוהג צו זײַן מיטן קינדס אויגן.**

איטלעכן קינד מוז מען נאָך דער געבורט אַרײַנשפּריצן אין די אויגן רפואות, וואָס פאַרהיטן פון אָנגעמען זיך מיט גאָנאָרייע. די אָנשטעקונג קאָן זיך נעמען בײַם דורכגיין פון קינדס קעפּל דורך דער שייד, ווו עס זײַנען מיגלעך פאַראַן גאָנאָקאָקן. די גאָנאָרייע־באַצילן זעצן זיך גרינג אויף דעם קינדס וויִעס און פירן צו אַן אויגן־אָנצינדונג. אויגן־גאָנאָרייע בײַם קינד רעכנט זיך פאַר זייער אַן ערנצטער קרענק, וואָס קאָן זיך ענדיקן מיט בלינד ווערן.

אין 1880 האָט קרעדע (לײַפּציג) אײַנגעפירט אַן אײַנשפּריצונג פון טראָפּנס, וואָס באַשטייען פון 1% צעלאָזונג פון אַזאָט־זויערן זילבער (אַרגענטום ניטריקום). די דאָזיקע טראָפּנס ווערן אַרײַנגעשפּריצט אין די אויגן פון איטלעכן נײַ געבוירענעם קינד און פאַרהיטן זיי. אנשטאָט דער צעלאָזונג פון אַזאָט־זויערן זילבער ווערן באַנוצט אויך אַנדערע מיטלען, ווי פּראָטאַרגאָל, סאָפּאָל א"אַ, וואָס האָבן די אייגענע ווירקונג.

דאָס אַרײַנשפּריצן אין די אויגן דאַרף געמאַכט ווערן אויף אַזאַ אופן: מיט די פינגער עפנט מען די וויִעס און אין יעדער אויג לאָזט מען אַרײַן

מיט דער הילף פון אַ ספּעציעלער אויגן־פּיפּעטקע צו איין טראָפּן פון דער צעלאָזונג. נאָכן אַרײַנשפּריצן טאָר מען די וויִעס ניט מאַסירן.

נאָך דער דאָזיקער אויסגערעכנטער הילף, וואָס דאָס קינד באַקומט, דאַרף מען אים וואַרעם אײַנדעקן און אײַנוויקלען אין בעטל. ס'ווערט רעקאָמענדירט דערבײַ אײַנצוגעבן א פּאָר פלעשן וואַרעמע וואַסער, אָבער ניט קיין צו הייסע און ניט צו נאָענט צום קינד, בכדי ער זאָל זיך ניט אָפּבריִען. דאָס קינד ליגט רויִק, אויפגעפּאַסט דורך דער וואַכנדיקער אויג פון דער פּערזאָן, וואָס זאָרגט זיך פאַר אים.

VIII. דער פּעריאָד נאָך דער געבורט (דער קימפּעט).

דער קימפּעט דאָס איז דער פּעריאָד, וואָס הייבט זיך אָן גלײַך נאָך דעם, ווי די נאָכגעבורט קומט אַרויס, און פאַרענדיקט זיך דאַן, ווען די געשלעכט־אָרגאַנען קומען צוריק אין זייער פריערדיקן צושטאַנד און קערן זיך אום צו זייערע פריערדיקע פונקציעס.

געוויינלעך געדויערט דער קימפּעט 6 וואָכן. אין קימפּעט הייבן אָן צו פונקציאָנירן די ברוסטדריזן, וואָס זײַנען דער איינציקער מקור פון נערונג פאַר דעם נײַ געבוירענעם קינד.

די הויפּט באַזונדערקייט פון קימפּעט באַשטייט אין דער פאַרקערטער אַנטוויקלונג פון דער געבוירמוטער און אין דער פאַרהיילונג פון דער פאַרוווּנדעטער איבערפלאַך פון דער געבוירמוטער און שייד. די געבוירמוטער, וואָס נאָרמאַל איז זי 6—7 צם לאַנג, קאָן אַרײַננעמען אין זיך צום סוף פון דער שוואַנגערשאַפט ביז 5 ליטער. נאָך דער געבורט הייבט זי אָן בהדרגה זיך צו פאַרקלענערן און צו 8 וואָכן דערגרייכט זי איר נאָרמאַלע גרייס. די דאָזיקע פאַרקלענערונג פון דער געבוירמוטער רופט זיך אָן די פּאַרקערטע אַנטוויקלונג אירע. תּיכּף נאָכן אַרויסקומען פון דער פּלאַצענטע הייבט זיך אָן די פאַרקערטע אַנטוויקלונג. די געבוירמוטער פאַרקלענערט זיך שטאַרק און לאָזט זיך אַראָפּ ביז אונטערן נאַפּל. ביסלעכווײַז קומט פאָר אַ צונויפקאָרטשען זיך פון די מוסקלפעדעם פון דער געבוירמוטער און די געבוירמוטער האַלט אין איין צונויפציִען זיך. די דאָזיקע צונויפציִונגען רופן מיר אָן די נאָכוויען. בײַם ערשטן קינד פילט מען כמעט ניט די דאָזיקע נאָכגעבורט־צונויפציִונגען, בײַ די ווײַטערדיקע געבורטן אָבער פילט מען זיי זייער שטאַרק, באַזונדערס אין די ערשטע דרײַ טעג נאָך דער געבורט. די נאָכוויען פילט מען אויך שטאַרק בײַם זייגן דאָס קינד מיט דער ברוסט. דערפון איז קלאָר, אַז זויגן די ברוסט האָט אויך אַ גוטע ווירקונג אויף דער פאַרקערטער אַנטוויקלונג פון דער געבוירמוטער.

אַ גרויסע ווירקונג בײַם אַראָפּלאָזן זיך פון דער געבוירמוטער האָט דער אורינפּענכער. אויב דער אורינפּענכער איז פול, הייבט ער אויף די געבוירמוטער צו אויבן. אַ שטאַרק אָנגעפולטער אורינפּענכער קאָן זי אויפהייבן אַזש ביזן לעבער, דערבײַ קלײַבן זיך אָן אין דער געבוירמוטער פיל בלוט־פאַרגליווערונגען. אויפן צווייטן טאָג נאָך דער געבורט געפינט זיך די געבוירמוטער געוויינלעך אויף איין—צוויי פינגער אונטערן נאָפּל, אויפן 5טן—6טן טאָג — צווישן נאָפּל און שויסבויגן, אַפן 9טן—10טן טאָג מוז זי פאַרשווינדן אונטערן שויסבויגן.

חוץ דער געבוירמוטער קומט פאָר אין קימפּעט אַ פאַרקערטע אַנטוויקלונג אויך פון די איבעריקע טיילן פון די געבורט־וועגן. דער מוטערשלינג איז אין אָנהייב שטאַרק פונאַנדער. דער שיידטייל פון דער געבוירמוטער נעמט

אָן זײַן פרי׳ערדיקע פאָרם במשך פון 2 וואָכן. דורך דעם אינעווייניקסטן שלינג קאָן מען ניט דורכדרינגען מיט קיין פינגער. אויפן אויסווייניקסטן שלינג בלײַבן שפורן פון דער פאָרגעקומענער געבורט אין דער פאָרם פון קלײנע ריסן, און ער באַקומט אַן אויסזען פון אַ קווערן שפּאַלט. דער אויסווייניקסטער שלינג פאַרמאַכט זיך אין 3—4 וואָכן אַרום. די שייד באַקומט בהדרגה ווידער איר פרי׳ערדיקע לענג און אָנגעצויגנקייט.

אַ באַזונדערע אַכט דאַרף מען לייגן אויף דער פאַרקערטער אַנטוויקלונג פון די בויכווענטלעך. כּדי אויסצומײַדן אַ לאַבערדיקייט פון די ווענטלעך, איז נוצלעך פון ערשטן טאָג אָן נאָך דער געבורט אַרומצובינדן די בויך מיט אַ גוטן בינד. דער בינד האָט אַ פעולה דאַן, אויב ער איז גענוג גרויס און נעמט אַרום די גאַנצע בויך פון די ריפּן ביז די לענדן.

אַ בינד אַלײן איז אָבער ניט גענוג. עס זײַנען נייטיק איבונגען פון די מוסקלען. דערצו ווערט פאָרגעלייגט שוין אויפן צווייטן טאָג נאָך דער געבורט צו מאַכן באַוועגונגען אין בעט. כּדי צו שטאַרקן די בויכווענטלעך, מוז מען אַלע טאָג בײַ דער לאַגע אויפן רוקן אויפהייבן דעם גוף און פּאַמעלעך אים אַראָפּלאָזן. די פרוי אָבער, וואָס האָט אין איר לעבן ניט געשטאַרקט איר מוסקולאַטור דורך אַרבעט אָדער ספּאָרט, קאָן ניט האָפן, אַז איר בויך וועט נאָך דער געבורט באַקומען איר פרי׳ערדיקע עלאַסטישקייט.

קימפּעט-אַרויסטיילונגען.

דער אינעווייניקסטער איבערפלאַך פון דער געבוירמוטער שטעלט מיט זיך פאָר נאָך דער געבורט אַ גרויסע פאַרווונדעטע איבערפלאַך. ווי יעדער ווונד, וואָס היילט זיך פּאַמעלעך, טיילט זי אויך אַרויס פון זיך אַ פליסיקייט, וואָס רופט זיך ק י מ פּ ע ט = פ ל ו ס (לאָכיעס).

אין די ערשטע טעג זײַנען די קימפּעט=אַרויסטיילונגען בלוטיק. פון 5טן ביזן 6טן טאָג ווערן זיי העלער, מער געל און מיט זיי מישן זיך דורך פיל קעמערלעך, וואָס טיילן זיך אָפּ פון דעם אינעווייניקסטן איבערפלאַך פון דער געבוירמוטער. באַזונדערס פיל טיילן זיך אַרויס לייקאָציטן (ווײַסע בלוט=קערפערלעך). בכן שטעלן די לאָכיעס פאָר מיט זיך אַ געמיש פון ווונד=אַרויסטיילונגען מיט פאַרשיידענע קעמערלעך. די לאָכיעס פאַרשווינדן ענדגילטיק אויפן 10טן—12טן טאָג. ס׳טרעפט אָבער, אַז בעת די קימפּעטאָרין שטייט אויף פון בעט, באַווײַזט זיך פון דאָס נײַ אַ צומיש פון בלוט.

וואָס בעסער ס׳קומט פאָר די פאַרהיילונג פון די ווונדן און די פאַרקערטע אַנטוויקלונג, אַלץ גיכער פאַרשווינדט דער פלוס.

דער קימפּעט=פלוס האָט אַ באַזונדערן פריקרען ריח. אין אײנצלנע פאַלן האָט ער אַ ריח פון פוילעניש, הגם ס׳איז קיין שום דערקראַנקונג ניטאָ. די סיבה דערפון איז די צעלייגונג פון די קימפּעט=אַרויסטיילונגען אונטער

דער ווירקונג פון די מיקראָבן, וואָס געפינען זיך איין אין דער שייד.

ענדגילטיק הערן אַלע אַרויסטײַלונגען אויף געוויינלעך אויף דער 4־6טער וואָך נאָך דער געבורט. די מענסטרואַציע הייבט זיך אָן בײַ אַ העלפט פרויען אויף דער 6—8טער וואָך נאָך דער געבורט, דערבײַ ווערט די מענסטרואַציע דורכן זייגן ניט אויסגעמיטן.

דער פאַרלויף פון קימפעט.

תיכף נאָך דער געבורט פילט זיך די געווינערין אויסגעצייכנט: די ווייטיקן זײַנען פאַרבײַ, די געבורט איז פאַרענדיקט, די פרוי איז געוואָרן די מוטער פון אַ קינד, וואָס זי זעט אים נעבן זיך — דער מוטער־אינסטינקט האָט זיך אויפגעכאַפּט אין דער פרוי.

מען מוז זי וואַרעם אײַנדעקן, שטילן בײַ איר דעם געפיל פון דאָרשט. אָפט טרעפט זיך נאָך דער געבורט, אַז עס שוידערט אַ ביסל, די טעמפּעראַטור בלײַבט דערבײַ אָבער נאָרמאַל. דאָס שוידערן איז אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס דער קערפּער האָט בײַ דער געבורט זיך אָפּגעקילט. די געווינערין האָט פאַרלאָרן אַ סך וואַרעמקייט צוליב די פּרעס־ווייען און דורכן שוויצן.

נאָך דער געבורט טרעפט, אַז די געווינערין דרעמלט איין, נאָר אָפט איז זי אויף אַזוי פיל אויפגערעגט, אַז זי שלאָפט איין מיט מי. בײַ די ווײַטערדיקע געבורטן הייבט מען אָן גלײַך נאָך דער געבורט צו פילן די נאָכווייען, וואָס עס פאָדערט אָפטמאָל אָנצווענדן באַרויִקנדיקע מיטלען.

די טעמפּעראַטור און די האַרצטעטיקייט.

די טעמפּעראַטור אין קימפעט טאָר ניט שטײַגן, ווײַל די געבורט איז אַ פיזיאָלאָגישער נאָרמאַלער פּראָצעס.

די טעמפּעראַטור מוז געמאָסטן ווערן סיסטעמאַטיש 2 מאָל אין טאָג, אין דער פרי 8 אַ זייגער און נאָך מיטאָג 5 אַ זייגער. שוין 60 יאָר ווי מ׳האָט אײַנגעפירט צו מעסטן די טעמפּעראַטור בײַ אַ קימפּעטאָרין.

דעם טערמאָמעטער שטעלט מען אַרײַן אונטערן אָרעם און מען האַלט אים 10 מינוט. דעם רעזולטאַט פאַרשרײַבט מען אויף אַ ספּעציעלן טעמפּעראַטור־בויגן. דער פאַרלויף פון קימפעט רעכנט זיך פאַר נאָרמאַל, אויב די טעמפּעראַטור שטײַגט ניט איבער 37,9, הגם אַנדערע רעכענען שוין אַ טעמפּעראַטור פון 37,3 פאַר אַן אָפּנייג פון דער נאָרם.

אין די פריערדיקע צײַטן האָט מען געהאַלטן, אַז דער 3טער און 9טער טאָג פון קימפעט זײַנען „קריטישע" טעג, ווײַל אין די דאָזיקע טעג פלעגט

בײַ קימפּעטאָרינס זייער אָפט שטײַגן די טעמפּעראַטור. בײַ הײַנטיקע צײַטן, ווען עס הערשט די אַסעפּטיק, טאָר ניט זײַן קיין היץ בײַ דער קימפּעטאָרין אויפן 3טן און 9טן טאָג; פּונקט ווי אין די איבעריקע טעג. פריִער האָט מען געהאַלטן, אַז די היץ נעמט זיך פון פאַרשטאָפּונג (עצירות), פון אויפרעקונג און פון מילך־צופלוס אין די ברוסטן. די דאָזיקע אַלטע אײַנרײדענישן האַלטן זיך נאָך ביז איצט בײַ די פרויען. נאָר מ י ר מוזן געדענקען, אַז היץ איז אַ רעזולטאַט פון אַן אינפעקציע.

אַ ניט ווייניק וויכטיקער סימן איז דער פּ ו ל ס, ד״ה די ה אַ ר צ־ ט ע ט י ק י י ט בעתן קימפּעט. מיגלעך, אַז דער פּולס איז נאָך אַ בעסערער באַווײַז פאַרן נאָרמאַלן פאַרלויף פון קימפּעט ווי די טעמפּעראַטור. תּיכּף נאָך דער געבורט קאָן דער פּולס אונטער דער ווירקונג פון אָנגעשטרענגטקייט און אויפרעקונג זײַן אַ ביסל פאַרגיכערט. נאָר שוין אויפן צווייטן טאָג איז דער פּולס גלײַך 60—80 קלעפּ אין אַ מינוט און מוז אַזוי פאַרבלײַבן במשך פון דעם גאַנצן קימפּעט. בײַ אַ טייל קימפּעטאָרינס קאָן דער פּולס ווערן זייער פּאַמעלעך — ביז 40 קלעפּ אין אַ מינוט, וואָס עס רעכנט זיך פאַר אַ נאָרמאַ־לער דערשײַנונג.

אַ פאַרגיכערונג פון פּולס מערקט זיך אויך למשל בײַם באַזוך פון דאָק־טער, פון די קרובים, בײַ שרעק, בײַ פרייד און בײַם פּלוצעמדיקן אויפכאַפּן זיך פון שלאָף. אַ פּולס־פאַרגיכערונג מערקט זיך אויך בײַ פרויען, וואָס האָבן בײַ דער געבורט פאַרלאָרן אַ סך בלוט.

גאָר אַ פאַרגיכערטער פּולס במשך פון אַ לענגערער צײַט אָן אַ פאַר־געקומענער אויפרעקונג אָדער בלוטפאַרלוסט איז שטענדיק אַ סימן פאַר אַ וואָסער ניט איז קאָמפּליקאַציע.

ד אָ ס אָ ט ע מ ע ן בעתן קימפּעט קומט פאָר פּאַמעלעכער און טיפער, איידער אין דער צײַט פון דער שוואַנגערשאַפט, און איז גלײַך 15—20 מאָל אין אַ מינוט.

דאָס אורין־לאָזן.

אין דער צײַט פון געבורט ווערט געלאָזן ווייניקער אורין. גאָר תּיכּף נאָך דער געבורט ווערט דער סכום אורין גרעסער און אויפן 1טן—2טן טאָג קאָן ער ווערן גאָר שטאַרק. פון 3טן טאָג אָן ווערט דער סכום אורין קלע־נער און בהדרגה ווערט ער נאָרמאַל. אָבער אין די ערשטע 3 טעג פאַרהאַלט געוויינלעך דער אורינפּענכער די אורין. די קימפּעטאָרין קאָן ניט לאָזן קיין אורין צוליב אַ סך טעמים. די ערשטע סיבה איז די רוקן־לאַגע, מחמת וואָס דער בויכפּרעס קאָן ניט גוט אַרבעטן. אויב מ׳זאָל די קימפּעטאָרין אוועקזעצן, וועט זי קאָנען לאָזן אורין.

צווייטנס, ווערט דער פּענכער בײַ דער געבורט אַ ביסל צונויפגעדריקט

מצד דעם קינדס קעפל און דער אורינקאנאל א ביסל געשוואָלן, וואָס ס'איז אויך גורם צו אן אורין-פאַרהאַלט. ניט זעלטן קומט אויס צו מאַכן א קאַטעטעריזאַציע פון אורינפענכער, ווײַל אן איבערגעפולטער פענכער איז א שטער פאַר דער צונויפציִונג פון דער געבוירמוטער. קלאָר, אַז בײַם אַרײַנשטעלן אין אורינפענכער א קאַטעטער, מוזן אָפּגעהיט ווערן אַלע אַסעפּטישע באַוואָרעניש, בכדי ס'זאָל ניט אַנטשטיין קיין נאָכגעבורט-אָנצינדונג פון פענכער, וואָס עס רעכנט זיך פאַר זייער א האַרטנעקיקער און שווערער קראַנקייט.

וואָס שײַך נקיוּת (שטולגאַנג), איז אין קימפּעט-פּעריאָד פאַראַן א שלאַפקייט פון מאָגן-געדערעם-טראַקט. דאָס ליגן אין בעט, די אָפּגעשוואַכטקייט פון די בויכווענטלעך, די ענדערונג אין דער לאַגע פון די געדערעם און בויך-חלל נאָכן פאַרקלענערן זיך פון דער געבוירמוטער, — דאָס אַלץ איז גורם דערצו, אַז די געדערעם פאַרהאַלטן די צואה. נאָר אין קיין פאַל טאָר מען ניט אָנערקענען, אַז א פאַרשטאָפּונג קאָן אַרויסרופן א באַשטײַנדיקן שטײַגן פון דער טעמפּעראַטור. פון צײַט צו צײַט הערן מיר נאָך איצט: „די קימפּעטאָרין האָט היץ, ווײַל זי האָט ניט געהאַט קיין שטולגאַנג". דער דאָזיקער קוק איז ניט קיין ריכטיקער און מען טאָר זיך דערמיט ניט טרייסטן, אויב די קימפּעטאָרין האָט באַקומען פיבער. די סיבה פון פיבער מוז מען זוכן אין דער נאָכגעבורט-וווּנד פון דער געבוירמוטער.

פאַרשטאָפּונג קאָן אַרויסרופן נאָר געוויסע שטערונגען, ווי א געפיל פון שווערקייט אין בויך, איבלקייט, קאָפּווייטיק אָדער אין אַלגעמיין א צעקראָכנקייט. פאַרשטאָפּונג קאָן אויך זײַן א שטער פאַר דער צונויפציִונג פון דער געבוירמוטער, ווײַל פולע געדערעם, פונקט ווי א פולער אורינפענכער, שטערן דער געבוירמוטער זיך אַראָפּצולאָזן. די אַלע ניט באַשטײַנדיקע ענדערונגען קאָנען אַרויסרופן א שטײַגן פון דער טעמפּעראַטור אויף איין אָדער צוויי צענטל גראַד, אָבער ניט קיין פיבער.

היגיענע אין קימפּעט-פּעריאָד.

די קימפּעטאָרין נײטיקט זיך אין א געוויסער היגיענע. בײַם אויפּפּאַסן זי מוז מען זיך רעכענען מיט די געבאָטן פון דער אַסעפּטיק, פונקט ווי בײַ דער געבורט. היות ווי אויף דער קימפּעטאָרין קאָן מען קוקן ווי אויף א מענטשן, וואָס אין זײַן קערפּער געפינט זיך א גרויסע וווּנד, מוז אַלץ, וואָס קומט מיט איר אין באַריר, זײַן ריין און סטעריליזירט.

קודם-כל פאָדערט זיך א געוויסע רו, לכל הפּחות אין די ערשטע 24 שעה נאָך דער געבורט. דערפאַר מוז דער אָנפלייץ פון קרובים, וואָס קומען אָפּגעבן מזל-טוב, באַוועטיקט ווערן.

די הויפּט אַכט בײַ דער קימפּעטאָרין מוז געלייגט ווערן אויף דער ריינקייט פון די געשלעכט-אָרגאַנען. במשך פון טאָג מוזן די אויסווייניקסטע גע-

שלעכט־אָרגאַנען אַ פּאָר מאָל אײַנגעפּײַכט װערן מיט אַ דעזינפעצירנדיקער פליסיקײט (ליזאָל, ליזאָפאָרם), כּדי זײ צו רײניקן פון די נאָכגעבורט־אַרױסטײלונגען. פאַר דער שײד װערט אַװעקגעלײגט אַ שיכט סטעריליזירטע װאַטע אָדער סטעריליזירטע ליגנין, כּדי די אַרױסטײלונגען זאָלן זיך אַרײַנזאַפּן אין דעם און זיך ניט פונאַנדערשמירן אױף די פיס, אױפן געזעס און אױפן בעט. די װאַטע אָדער ליגנין מוז מען אָפט בײַטן, דערבײַ איז גוט דאָס אַװעקצונעמען מיט דער הילף פון אַ פּינצעט, די האַנט גופא זאָל ניט קומען אין באַריר מיט די אַרױסטײלונגען. די אומרײנע װאַטע מוז מען פאַרברענען. באַזונדערס דאַרף מען היטן, אַז די קימפּעטאָרין זאָל ניט אָנרירן מיט אירע הענט די אַרױסטײלונגען, װײַל זײ זײַנען פאַר די ברוסטן אַ מקור פון אָנשטעקונג. אינעװײניקסטע אײַנשפּריצן אין דער שײד טאָר מען בײַ אַ נאָרמאַלן פאַרלױף ניט מאַכן. נאָר בײַ אַ פאַרשריפט פון דאָקטער מעג מען זײ מאַכן, אָבער אױך ניט פריִער פאַרן 3טן—4טן טאָג נאָך דער געבורט.

די שפּײַזן פון דער קימפּעטאָרין נײטיקן זיך ניט אין קײן באַזונדערן פאַרשרײַבן. די קימפּעטאָרין מעג עסן אַלץ, װאָס איז פריש און גרינג צו פאַרדײַען. אין די פריִערדיקע צײַטן האָט מען די קימפּעטאָרין געהאַלטן אױף דיעט, מײנענדיק, אַז דאָס שטײַגן פון דער טעמפּעראַטור הענגט אָפּ דערפון, װאָס די געדערעם זײַנען איבערגעפולט. מען פלעגט אױך לאָזן זי די ערשטע טעג הונגערן. פון דעם דאָזיקן אַלטן קוק האָבן מיר זיך איצט אָפּגעזאָגט. פונדעסטװעגן, אין די ערשטע דרײַ טעג, כּל זמן ס'איז נאָך פאַראַן אַ שלאַפקײט פון די געדערעם, גיבן מיר דער קימפּעטאָרין גרינגערע שפּײַזן. נאָך דער ערשטער אָפּפירונג קאָן מען די שפּײַזן פאַרשטאַרקן.

בײַם זײגן דאָס קינד מוז די פרױ באַקומען גענוג שפּײַז פאַר זיך און פאַרן קינד. דערפאַר קאָן מען רעקאָמענדירן אַ ביסל צו פאַרגרעסערן דעם סכום פליסיקע שפּײַזן, זאָל דאָס זײַן מילך, מילכזופּן וכד'. אַלקאָהאָל מײַדן מיר אױס צו געבן, הגם אַ גלאָז ביר קאָן ניט שאַטן ניט דער מוטער, ניט דעם קינד.

אָפט קומט אױס די ערשטע אָפּפירונג אַרױסצורופן דורך אָפּפירמיטלען. דערצו גיט מען אײַן ריצנאײל אַן עסלעפל אָדער גרינעם פולװער (לאַקריץ־פולװער) אַ טײלעפל אױף אַ גלאָז װאַסער. אַנשטאָט אָפּפירמיטלען קאָן מען מאַכן אַ קאַנע (אַ קליסטיר), נאָר דערבײַ מוז מען זײַן אָפּגעהיט, ניט צו פאַראומרײניקן די געשלעכט־אָרגאַנען.

װען מעג די קימפּעטאָרין אױפשטײן? די קימפּעטאָרין מעג אױפשטײן אױפן 7—8טן טאָג, אױב די טעמפּעראַטור און דער פולס זײַנען נאָרמאַל און אױב די געבערמוטער האָט זיך גוט צונױפגעצױגן. נאָר ס'איז לחלוטין ניט נײטיק, אַז זי זאָל די גאַנצע צײַט ביזן אױפשטײן ליגן אױפן רוקן. די נײַסטע אָבסערװירונגען האָבן געװיזן, אַז פרײַע באַװעגונגען פון דער קימפּעטאָרין אין בעט זײַנען נוצלעך. זײ שטאַרקן די מוסקולאַטור, פאַרגרינגערן דאָס לאָזן אורין און דעם שטולגאַנג, פאַרבעסערן די בלוט־צירקולאַ־

ציע, וועקן די הארצטעטיקייט און זיינען גורם א בעסערע פארקערטע אנטוויק=לונג פון די געשלעכטס=טיילן.

בכן איז ניט פאראן קיין נייטיקייט צו האלטן די קימפעטארין לאנג אין בעט, ווי דאס איז געווען אין די פריערדיקע יארן — ביז 3—4 וואכן.

די פונקציע פון די ברוסטדריזן.

נאך דער געבורט האבן די געבוירמוטער און די שייד אויסצושטיין א פארקערטע אנטוויקלונג, אין דער צייט ווען די ברוסטן הייבן אן שטארק צו פונקציאנירן און ווערן דער נאטירלעכער מקור פון נארונג פארן קינד. שוין אין דער צייט פון דער שוואנגערשאפט גרייטן זיך די ברוסטן בהדרגה צו צו דער דאזיקער טעטיקייט. אין די ערשטע טעג נאך דער געבורט טיילט זיך ארויס פון זיי א העל=געלע פליסיקייט, וואס רופט זיך אן פ א ר מ י ל ך. בהדרגה גייט די פארמילך איבער אין ריכטיקע מילך.

אויפן דריטן—פערטן טאג נאך דער געבורט ווערן די ברוסטן אנגע=קוואלן. ס'ווערן אויך אנגעקוואלן די דריזן, וואס ציען זיך צו די פאכוועס. פאר דער פרוי ווערט דאס אפט ניט אנגענעם. אויף צו פארגרינגערן איר ווענדט מען אן א ווארעמען קאמפרעס.

פריער פלעגט מען זאגן, אז היץ ביי א קימפעטארין נעמט זיך פון מילך=צופלוס, און מען פלעגט די היץ רופן מ י ל ך = פ י ב ע ר. מיטן ארייננפירן אסעפטיק האבן מיר זיך איבערגעצייגט, אז דער צופלוס פון מילך רופט ניט ארויס קיין פיבער.

אנגעהויבן איין מאל צו פונקציאנירן, גיבן די ברוסטן מילך ביי א ריכטיקן זייגן במשך פון א לאנגער צייט, ביז איין אדער אפילו ביז אנדערהאלבן יאר, ביי א טייל פעלקער זייגן די מוטערס זייערע קינדער מיט דער ברוסט ביז 5 יאר. ביי די עסקימאסן ווערט די פונקציע פון די ברוסטן אויפגעהאלטן במשך פון נאך א לענגערער צייט.

פ ר ו י ע נ מ י ל ך איז א ווייסע פליסיקייט מיט א ספעציפישן גע=וויכט פון 1026—1036. זי באשטייט פון פאלגנדיקע באשטאנדטיילן: 87,5 טיילן וואסער און 12,5 אנדערע געדיכטע טיילן. די געדיכטע שטאפן פארטיילן זיך אויף אזא אופן: ווייסל — 2,29, פעטס — 2,78 און מילכצוקער — 6,21 טיילן.

ווייסל פון פרויענמילך רופט זיך אן קאזעין און ווערט בעסער פארדייט דורכן מאגנזאפט פון קינד, איידער אלע אנדערע ווייסל. דאס וויכטיקסטע, וואס ס'רופט ארויס מילך, איז דאס זויגן פון קינד די ברוסט. וואס שטארקער און פולשטענדיקער דאס קינד זויגט אויס די ברוסט, אלץ בעסער פילט זי זיך אן פון דאס ניי. אבער ניט קיין קליינע ראל שפילט אויך די דערנערונג פון דער קימפעטארין. ביי א שלעכטער דערנערונג וועלן די ברוסטן ניט געבן

געגוג מילך, דערפאר איז א גוטע דערנערונג וויכטיק אויך פאר א גוטן פונק־ציאנירן פון די ברוסטן. די שפייזן מוזן זיין פארשיידנארטיקע. די פארשטע־לונג, וואס איז פארשפרייט צווישן פרויען, אז וואס מער די קימפעטארין טרינקט טיי מיט מילך, אלץ מער מילך האט זי, — איז א פאלשע. אגפילנדיק איר מאגן מיט טיי און מילך, פארלירט זי דעם אפעטיט צו אנדערע שפייזן. און טיי איז הויפטזעכלעך וואסער, פון וואס עס קאן זיך באין אופן ניט באקומען ניט קיין פעטס, ניט קיין צוקער, וואס גייט אריין אין באשטאנד פון פרויענ־מילך.

אפט היטן זיך די פרויען צו עסן זויערע אדער געזאלצענע שפייזן מיי־נענדיק, אז דאס קאן פארשאטן די מילך. מורא צו האבן דערפאר איז אינגאנצן איבעריק. זויערס און געזאלצנס ווירקט ניט אויפן באשטאנד פון די מילך. להיפוך, אזוינע שפייזן קאן מען נאר רעקאמענדירן, ווייל זיי רייצן אויף א באשטימטן אופן דעם אפעטיט און העלפן מיט דער פארדייונג.

דאס זייגן פאדערט א באשטימטע אסעפטיק. די הענט פון דער מו־טער ווי אויך פון איטלעכער פערזאן, וואס קומט אין באריר מיט דער ברוסט און מיט די ווארצלען, מוזן זיין ריין און פריי פון שעדלעכע באקטעריעס. די אייגענע פאדערונג מוז מען שטעלן צו די וואטע אדער מארלע, מיט וואס מען וואשט אפ די ברוסט פארן זייגן. די ווארצלען מוז מען אפוואשן מיט וואטע, איינגעטונקטע אין א 2% צעלאזונג פון באר־זיירעס. נאכן זייגן מוז מען די ווארצלען טרוקן אפווישן און זיי טארן ניט בלייבן פייכט.

דאס זייגן איז די איינציקע נאטירלעכע דערנערונג פארן קינד. דאס איז די בעסטע גאראנטיע פאר א גוטער אנטוויקלונג פון קינד און א פארהיטונג פון קראנקייטן, וואס ס'האבן אויסצושטיין קינדער, אויפגעהאדעוועטע קינסטלעך מיט א פלעשל. דאס זייגן לאזט איבער ביים קינד שפורן אויפן גאנצן לעבן — דאס איז דער יסוד, וואס אויף אים בויט זיך דער וויטערדיקער פיזישער וווּל פון קינדס ארגאניזם.

דערפאר מוזן מיר פאדערן, אז די געזונטע מוטער זאל אליין זייגן איר קינד, מכל שכן אז כמעט איטלעכע פרוי קאן זייגן איר קינד, וואס זי האט געקאנט אויסטראגן און האבן.

IX. דערקראַנקונגען אין קימפעט־פעריאָד.

קימפעט-פיבער איז די הויפּט קראַנקייט, וואָס שטעלט פאָר מיט זיך אַ גרויסע סכּנה פאַר דער קימפעטאָרין.

קימפעט-פיבער איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי פיבער, וואָס נעמט זיך פון אַ פאַרגיפטונג אויפן פאַרווונדעטן איבערפלאַך פון דער געבוירמוטער אָדער פון אַנדערע געשלעכט-וועגן.

מיר ווייסן, אַז נאָכן געבוירן ווערן פון קינד און נאָכן אַרויסקומען פון דער נאָכגעבורט שטעלט דער אינעווייניקסטער איבערפלאַך פון דער געבוירמוטער מיט זיך פאָר אַ גרויסע וווּנד. איטלעכע וווּנד אין מענטשנס גוף פאַרהיילט זיך אָן פיבער און אָן אַלגעמיינע צעשטערונגען, אויב זי ווערט ניט אינפעצירט. למשל, די גרעסטע אָפּעראַציעס, בײַ וועלכע מען מאַכט גרויסע שנײַדווונדן, גייען דורך אָן קאָמפּליקאַציעס, אויב ס'ווערט אײַנגעהיט די אַסעפּטיק. דאָס אייגענע קומט פאָר אין דעם נאָכגעבורט-פעריאָד. אויב אָבער פון אויסווייניק ווערט פאַרטראָגן אַן אינפעקציע, דאַן אַנטשטייט אומפאַרמײַדלעך קימפעט-פיבער.

באַזונדערס מוז מען אויסמײַדן אינעווייניקסטע אונטערזוכן. די אויסווייניקסטע געשלעכט-אָרגאַנען און טיילווײַז די שייד בײַ דער פרוי אַנטהאַלטן אין זיך פאַרשיידענע באַקטעריעס. בײַ אַן אינעווייניקסטן אונטערזוך, אויב מען זאָל אַפילו אונטערזוכן מיט געוואַשענע הענט, קאָן מען די באַקטעריעס גרינג אַריבערטראָגן פון די אויסווייניקסטע געשלעכט-טיילן און פון אונטערשטן טייל שייד אין די העכערע וועגן, דהײַנו — אין מוטערשלינג און מוטערהעלדזל.

אַדאַנק דעם וואָס בײַם הײַנטיקן טאָג האַלטן מיר זיך שטרענג בײַ דער אַסעפּטיק און מײַדן אויס אינעווייניקסטע אונטערזוכן בײַ דער געבורט, טרעפט זיך קימפעט-פיבער זייער זעלטן.

אויב אין פּאַריז זײַנען אין 1829 פון 100 געווינערינס געשטאָרבן 10 פון קימפעט-פיבער און אין ווין אין 1828 אַפילו 20 פון 100, שטאַרבן לויט די לעצטע סטאַטיסטישע ידיעות אין גוט אײַנגעשטעלטע געבורט-אַנשטאַלטן 1—2 פרויען פון 1000.

אָבער ניט געקוקט אויף דער הויכער מדרגה פון אַסעפּטיק, באַווײַזט פאָרט די סטאַטיסטיק, אַז אויך איצט ווערן 10—15 פּראָצענט געווינערינס נאָך דער געבורט קראַנק מיט קימפעט-פיבער. דאָס באַווײַזט, אַז אויך בײַ הײַנטיקן טאָג ווערן ניט שטענדיק גענוי אָפּגעהיט די כּללים פון אַסעפּטיק און אַז מען פאַרנעמט זיך צו פיל מיט אינעווייניקסטע אונטערזוכן.

וואָסערע באַקטעריעס שפּילן אַ ראָל בײַ דער נאָכגעבורט-אינפעקציע:

א) דער סטרעפּטאָקאָק — דער קיטלדיקער קאָק — רעכנט זיך פאַרן הויפּט אַרויסרופער פון קימפּעט־פיבער. ס'איז באַוויזן געוואָרן, אַז נײַן צענטל פון אַלע נאָכגעבורט־פאַרגיפטונגען נעמען זיך פון סטרעפּטאָקאָקן.

ב) דער סטאַפילאָקאָק — איז ניט ווייניקער געפערלעך פאַר דער געווינערין איידער דער סטרעפּטאָקאָק.

ג) דער געדערעם־שטעקעלע, וואָס געפינט זיך באַשטענדיק אין די געדערעם, קאָן גרינג אַרײַנקומען אין דער שייד און פון דאָרטן אין דער געבוירמוטער.

ד) די גאָנאָקאָקן — די באַצילן פון טריפּער — שפּילן אויך ניט קיין קליינע ראָל אין דעם נאָכגעבורט־פּעריאָד.

ה) די באַצילן פון דיפטעריט, פון שטאַרק־אמף א"א.

ווי ווירקן די דאָזיקע באַצילן?

אַריבערגעטראָגן אויף דער וווּנד, הייבן זיי אָן אין איר זיך צו אַנטוויקלען און רופן אַרויס וווּנד־פאַרגיפטונג. אַ טייל באַקטעריעס הייבן אָן אַרויסצוטיילן גיפטן (טאָקסינען), וואָס זײַנען בכּוח צו פאַרסמען דעם גאַנצן אָרגאַניזם. אַנדערע דרינגען אַרײַן אין די קעמערלעך גופא, פאַרניכטן אַלע פאַרצוימונגען, קומען אַרײַן אין די בלוט־ און לימפע־געפעסן און פאַרשפּרייטן זיך דורך זיי איבערן גאַנצן גוף. דער אָרגאַניזם פון זײַן זײַט שטאַרעט זיך אויסצואַרבעטן אַנטקעגן זיי קעגנגיפטן (אַנטיטאָקסינען) און עס הייבט זיך אָן אַ קאַמף פון אָרגאַניזם מיט די באַקטעריעס אויף לעבן און טויט.

אויב דער אָרגאַניזם איז אָפּגעשוואַכט, איז ער ניט בכּוח אויסצוהאַלטן דעם קאַמף מיט די באַקטעריעס. אָפּגעשוואַכט ווערט דער אָרגאַניזם צוליב באַטײַטנדיקע בלוט־פאַרלוסטן בײַ דער געבורט, צוליב אַ שלעכטער דערנערונג און בײַ גלײַכצײַטיקע אַנדערע אויסמוטשענדיקע קראַנקייטן.

מיר וועלן איצט אַריבערגיין צום באַטראַכטן די איינצלנע קראַנקייטן אין דעם קימפּעט־פּעריאָד.

1) אַ פאַרגיפטונג מיט פוילשטאָפן.

די געבוירמוטער נאָך דער געבורט ציט זיך געוויינלעך גוט צונויף, די וועגטלעך אירע קומען זיך האַרט צוזאַמען, אין מוטער־חלל איז פאַראַן ווייניק בלוט. אויב עס זאָלן אַהער אַרײַנקומען באַקטעריעס פון דער שייד, וועלן זיי געפינען אַ שלעכטן באָדן פאַר זייער אַנטוויקלונג.

גאָר אַן אַנדער בילד באַקומט זיך אָבער, אויב די געבוירמוטער בלײַבט נאָך דער געבורט שלאַף און ציט זיך שלעכט צונויף. דאַן קלײַבן זיך אָן אין איר חלל אַ סך בלוט־פאַרגליווערונגען. דאָס אייגענע באַקומט זיך, אויב עס בלײַבן איבער די איי־הײַטלעך און שטיקלעך פון דער נאָכגעבורט. די דאָזיקע רעשטלעך שטאַרבן גיך אָפּ און שאַפן אַ גוטן באָדן פאַר דער אַנטוויקלונג פון

אלע מינים באַקטעריעס, וואָס עס פירט צום פוילן. ווי אַ רעזולטאַט פון פוילן באַקומט זיך פיבער.

געוויינלעך צווישן דריטן און זעקסטן טאָג שטייגט אין דעם פאַל די אָוונט־טעמפּעראַטור איבער 38, דער פּולס אָבער בלייבט נאָרמאַל אָדער אַ ביסל פאַרגיכערט. אין דער פרי פאַלט די טעמפּעראַטור, אָבער צום אָוונט צו שטייגט זי ווידער. קיין ווייטיקן פילט מען ניט דערביי. עס טיילן זיך ארויס אַ ביסל ווייניקער לאָכיעס, וואָס האָבן אָבער אַ ריח פון פוילעניש.

נאָר ס'איז גענוג זיך צו זאָרגן דערפאַר, אַז די געבווירמוטער זאָל זיך גוט צונויפציִען, כדי די פאַראַנענע פוילמאַסן און לאָכיעס זאָלן זיך ארויס־טיילן, און די טעמפּעראַטור וועט אָנהייבן צו פאַלן.

דער גוטער אויסגאַנג פון דער דאָזיקער אינפעקציע באַקומט זיך אדאַנק דעם, וואָס אין דער געבווירטמוטער זיינען פאַראַן אַריינגעדרונגען ניט קיין שטאַרק שעדלעכע באַקטעריעס, נאָר די אַזוי גערופענע סאַפּראָפיטן, ד"ה אַזוינע, וואָס צו זיי איז דער אָרגאַניזם שוין צוגעוווינט און וואָס זיי קאָן ער גרינג מאַכן אומשעדלעך.

2) אַן אָרטיקע אָנצינדונג פון דער געבווירמוטער.

אויב עס ווערן פאַרטראָגן אין די געשלעכט־אָרגאַנען שעדלעכע באַקטע־ריעס (סטרעפּטאָקאָקן), פאַרמערן זיי זיך דאָרטן זייער גיך און קאָנען ארויס־רופן אַן אָרטיקע אָנצינדונג פון דער געבווירטמוטער. שוין ביים אונטערזוכן די שייד זעען זיך וווּנדן אין דער פאָרם פון גראָע אָדער געלע באַלייגן. פּונקט אַזוינע באַלייגן בילדן זיך אויס אויף דעם אינעווייניקסטן אייבערפלאַך פון דער געבווירמוטער. נאָר דער אָרגאַניזם סטאַרעט זיך ניט צו דערלאָזן, אַז די דאָ־זיקע באַקטעריעס זאָלן אַריינדרינגען אין די ווענטלעך פון דער געבווירמוטער.

עס בילדעט זיך אויס אַ פאַרהויט־וואַנט פון ווייסע בלוט־קערפּערלעך, וואָס פאַרהאַלט דעם ווייטערדיקן פאַרשפּרייט פון אָנצינדונג־פּראָצעס.

די סימנים פון דער געבווירמוטער־אָנצינדונג.

די געבווירטמוטער־אָנצינדונג דריקט זיך אויס אויף אַזאַ אופן. אין 2—1 טעג נאָך דער געבורט הייבט זיך גיך די טעמפּעראַטור ביז 41—40 גראַד. אַזאַ טעמ־פּעראַטור האַלט זיך עטלעכע טעג. אין דער פרי איז זי אַ ביסל קלענער, ביי 39 גראַד. דער פּולס פאַרגיכערט זיך ביז 120 אין אַ מינוט. ביים אָנטאַפּן די געבווירמוטער פילן זיך ווייטיקן. אויף די שאַנדליפּן און ביים אַריינגאַנג אין שייד זעען זיך וווּנדן, דער צווישנטייל איז אָנגעשוואָלן און רויט. דערביי האָט מען קאָפּווייטיק, עס ברעכן די ביינער, מען פילט זיך דערשלאָגן און אומרויִק.

ביי אַ גינסטיקן פאַרלויף האַלטן די דאָזיקע דערשיינונגען אָן 5—4 טעג, די טעמפּעראַטור פאַלט נאָך אַנאַנד, דער פּולס ווערט פּאַמעלעכער און די וווּנדן פאַרלירן דעם באַלייג.

זייער וויכטיק איז דער צושטאַנד פון פולס. אַ שטאַרקע פאַרגיכערונג איז אַ סימן פון אַ שטאַרקער אינפעקציע.

די היילונג קומט פאָר מיט נאַטור=כוחות. די פאַרהיטוואַנט פון די לייקאַציטן נעמט אויף זיך דעם קאַמף מיט דער אָנצינדונג. די געבוירמוטער מוז מען לאָזן צו רו. אַ פענכער אײַז אויפן בויך איז זייער נוצלעך. דער דאָקטער פאַרשרייבט רפואות, וואָס העלפן מיט דער געבוירמוטער זיך צונויפצוציִען. ס'מוזן אויסגעמיטן ווערן כלערליי אינעווייניקסטע אײַנשפּריצן. אַ גוטע דערנערונג, אַ גוטע אויפפּאַסונג וועלן דער קראַנקער געבן כוחות פאַרן קאַמף מיט דער אינפעקציע.

3) אַן אָנצינדונג פון די רערן.

אויב דער אָנצינדונג=פּראָצעס שטעלט זיך נישט אָפּ אין דער געבוירמוטער, קאָן ער גרינג אַריבערגיין פון דער געבוירמוטער דורך דער עפענונג אין די רערן. די שליימהייטל פון רער ווערט אָנגעצונדן און פאַראייטערט. די רער ווערט אָנגעפילט מיט אַן אייטער=פליסיקייט און ציט זיך פונאַנדער. די בויך=עפענונג פון דער רער פאַרקלעפּט זיך געוויינלעך, און אין רעזולטאַט באַקומט זיך אַ מין רערזאַק פול מיט אייטער. אויב די רערן באַווייזן נישט זיך צו פאַרמאַכן בײַ די בויך=עפענונגען, קאָן די אייטער אַריבערגיין אין בויך=חלל און פאַרכאַפּן די אייערנעסט. געוויינלעך אָבער באַגרענעצט זיך די אָנצינדונג מיט די רערן אַליין.

די אָנצינדונג פון די רערן דריקט זיך געוויינלעך אויס דערין, וואָס נאָך אַ פאַרגעקומענער געבוירמוטער=אָנצינדונג הייבן זיך אָן שטאַרקע ווייטיקן אויף ביידע זייטן געבוירמוטער, אין געביט פון די רערן. די טעמפּעראַטור האַלט זיך האַרטנעקיק ווײַטער. בײַ אַן אונטערזוך קאָן מען אָנטאַפּן די געשווילעכצן פון די רערן.

אַן אָנצינדונג פון די רערן היילט זיך אויס זייער פּאַמעלעך. דער עיקר איז נייטיק רו, אײַז אויפן בויך. בעת די טעמפּעראַטור ווערט נאָרמאַל, גייט מען אַריבער צו וואַרעמע קאָמפּרעסן.

צו פרי אויפצושטיין פון בעט איז שעדלעך און קאָן גורם זײַן דערצו, אַז די אָנצינדונג זאָל פון דאָס נײַ זיך אויפכאַפּן.

4) סעפּסיס (בלוטפאַרגיפטונג).

סעפּסיס אָדער בלוטפאַרגיפטונג איז אַ קראַנקייט, וואָס ווערט אַרויסגערופן דורך אַן אָנפאַלייע פון באַקטעריעס אין די בלוט. די סיבה פון סעפּסיס

איז, וואָס שעדלעכע, גיפטיקע באַקטעריעס, דער עיקר סטרעפּטאָקאָקן, ווערן פאַרטראָגן אויפן ווונדיקן אײבערפלאַך פון דער גאַבוירמוטער, און פון דאָרטן פאַלן זיי אַרײַן דורך די בלוטגעפעסן אין אַלגעמײנעם קרײַז פון דער בלוט-צירקולאַציע. מיט דעם וועג דערגרייכן זיי פאַרשיידענע לעבנס-וויכטיקע אָרגאַנען און רופן אַרויס אַ דערקראַנקונג בײַ זיי. באַזונדערס גיך ווערן קראַנק די ג ע ל ע נ ק ע ן, דערבײַ באַקומען זיך אײטער-אָנצינדונגען פון די גע-לענקען. אויף דער הויט בילדן זיך פלעקן. בלוטאויסגאָסן און איינ-צלנע פינטלעך פון דער הויט גיבן איר צו אַ געשפּרענקלטן אויסזען, אָפט בילדן זיך אויף איר בלעזלעך. די אויגן ווערן שטאַרק קראַנק, זיי ווערן אין גאַנצן אָנגעצונדן.

דאָס סאַמע ערנצטע בײַ סעפּסיס איז די דערקראַנקונג פון ה אַ ר ץ און ל ו נ ג ע ן.

אין די ל ו נ ג ע ן בילדן זיך פאַרשיידענע אײטער-נעסטן, אַרום די לונגען קלײַבט זיך אָן אַן אויסשווייסונג.

די ה אַ ר ץ פאַרענדערט זיך שטאַרק, אויף די האַרצקלאַפּן בילדן זיך פאַרשיידענע באַליגן.

די נ י ר ן ווערן צוליב דער אָנצינדונג שטאַרק פאַרענדערט.

באַשטענדיקע פאַרענדערונגען מאַכט אויך דורך דער רוקן-און קאָפּ-מאַרך, וואָס עס דריקט זיך אויס דורך קראַמפּן.

די ס י מ נ י ם פ ו ן ס ע פּ ס י ס. ס'זײַנען פאַראַן צוויי פאָרמען פון סעפּסיס — אַן אַקוטע און אַ כראָנישע פאָרם.

בײַ דער אַ ק ו ט ע ר פ אָ ר ם שטײַגט אויפן ערשטן—צווייטן טאָג נאָך דער אינפעקציע די טעמפּעראַטור מיט אַ מאָל ביז 40—41 גראַד, די קימ-פּעטאָרין שוידערט עס מאַומדיק, גלײַכצײַטיק פאַרגיכערט זיך באַשטענדיק דער פּולס. די טעמפּעראַטור פאַלט ניט מער, האַלט זיך בײַ 40 גראַד, די האַרצטעטיקייט ווערט ניט בעסער, די געווינערין הייבט אָן צו ריידן פון היץ און אין 2—4 טעג אַרום קומט אָפט דער טויט.

די כ ר אָ נ י ש ע פ אָ ר ם פון סעפּסיס גייט דורך ניט אַזוי שטור-מיש, ווי די באַשריבענע אַקוטע פאָרם. בײַ דער כראָנישער פאָרם קאָן דער אָרגאַניזם נאָך קעמפן מיט דער פאַרגיפטונג, נאָר דאָס רוב נעמען די באַצילן די איבערהאַנט איבער די כוחות פון אָרגאַניזם.

בײַם כראָנישן פאַרלויף פון סעפּסיס איז דער בילד פון דער קראַנקייט זייער אַ שווערער. דער אָרגאַניזם קעמפט מיט דער אָנשטעקונג. די שטײַגנ-דיקע טעמפּעראַטור פאַלט ווידער אין דער פרי. די האַרצטעטיקייט קאָן זיך אַ ביסל פאַרבעסערן, נאָר די באַקטעריעס קומען פון דאָס נײַ אַרײַן אין בלוט, די פאַרגיפטונג פאַרשפרייט זיך שטאַרקער, די טעמפּעראַטור שטײַגט ווידער, דער פּולס פאַרגיכערט זיך. בײַם כראָנישן סעפּסיס ענטפערן אָפט די קראַנ-קע אויף דער פראַגע, ווי זיי פילן זיך, אַז אויסגעצייכנט. נאָר דאָס ראַזיקע גוט פילן זיך איז פאַרפירעריש. דער אַפּעטיט פאַרשווינדט אין גאַנצן, די קראַנקע פילן אַ שטאַרקן דאָרשט און איבלקייט, אָפטמאָל טרעפט זיך אַ

שילשול (דורכפאַל). אַ דערקראַנקונג פון די געלענקען, אַן אויסשיט אויף דער הויט, אַ פּאַרטונקל פון באַוואוסטזיין, אַ שלעכטע האַרצטעטיקייט — זיינען די סימנים פון בלוט־פאַרגיפטונג.

היילן ספּסיס איז זייער אַ שווערע אויפגאַבע. בלייבט אָפט אָן רעזולטאַטן. דער עיקר איז שטאַרקן די כוחות פון דער קראַנקער און זי גוט אויפפּאַסן. דער אײַנציקער מיטל צו קעמפן מיט ספּסיס איז אָפּהיטן אַסעפּטיק, בכדי צו פאַרהיטן די געווינערין פון בלוט־פאַרגיפטונג.

ביי היינטיקן טאָג ווערן פאַרגעלייגט כלערליי אײַנשפּריצונגען אין בלוט פון פאַרשיידענע מעטאַלן, נאָר דערווייל האָבן מיר נאָך קיין ריכטיקע רעזולטאַטן ניט באַקומען.

5. פּיעמיע (בלוטפּאַראײַטערונג).

בעת אין דער געבוירמוטער דרינגען אַריין באַקטעריעס (סטרעפּטאָקאָקן) און באַזעצן זיך אויף די בלוטפאַרגליווערונגען, וואָס פאַרקאָרקעווען די בלוט־געפעסן, דער עיקר די ווענעס, רופן די באַקטעריעס אַרויס אַ צעלייג און אַ פאַראײַטערונג אין די עפענונגען פון די דאָזיקע געפעסן און אין געוועב אַרום די געפעסן. אַזאַ אָנשטעקנדיקער מאַטעריאַל קאָן זיך אָפּרײַסן פון די געפעס־ווענטלעך און אַרײַנפאַלן אין אַלגעמיינעם קרײַז פון דער בלוט־צירקולאַציע און דורך אים אָפּלייגן זיך אין פאַרשיידענע אָרגאַנען, ווי למשל אין די לונגען, מילץ, לעבער, נירן א״א. אַזאַ דערשײַנונג רופט אַרויס אַן ערנצטע דערקראַנקונג, וואָס ווײַזט זיך אַרויס דורך באַשטימטע סימפּטאָמען.

דער פאַרלויף פון דער קראַנקייט: אין די ערשטע טעג נאָך דער געבורט שטעלט זיך איין אַ פיבער, וואָס האַלט אָן אַזוי 7—8 טעג, דערבײַ פילט מען זיך ניט שלעכט. אויפן 8טן—9טן טאָג הייבט זיך אָן מיט אַ מאָל דער ערשטער אָנפאַל פון אַ מאַווימדיקן שוידערן, וואָס באַווײַזט, אַז אין בלוט זײַנען פאַרטראָגן געוואָרן אײַטערדיקע שטאָפן. דער קראַנקער וואַרפט עס שטאַרק, די הענט און די פיס ווערן ביי איר בלוי, דער פולס קלאַפּט זייער גיך. די טעמפּעראַטור שטײַגט ביי איר תיכף ביז 40—41 גראַד. אין איין—צוויי שעה אַרום פאַלט די טעמפּעראַטור, דער פולס ווערט בעסער און מע הייבט זיך אָן פילן גוט. אַזוינע דערשײַנונגען קאָנען זיך איבערחזרן איבער אַ טאָג אָדער איבער צוויי טעג. די דאָזיקע קראַנקייט רופט זיך שטאַרק אָפּ אויפן אַלגעמיינעם צושטאַנד פון אָרגאַניזם. די קראַנקע שעפּן זיך אוים, ווערן מאָגער, בלייך און שוואַך, דער אַפּעטיט פאַרשווינדט.

דער אויסגאַנג פון דער קרענק הענגט אָפּ פון די כוחות, וואָס עס פאַרמאָגט דער אָרגאַניזם. די קראַנקייט ציילט זיך צו די זייער שווערע קראַנקייטן און ענדיקט זיך אָפט מיטן טויט.

היילן זי איז זייער אַ שווערע אויפגאַבע. מע קאָן קיין מאָל ניט פאַרויסזען,

ווען ס'וועט נעמען אַ סוף צו די אָנפאַלן פון שווידערן און דער אָרגאַניזם וועט בײַקומען די קראַנקייט. ס'איז קלאָר, אַז די קראַנקע מוז שטאַרק אויפגעפאַסט ווערן, מען מוז טאָן אַלץ, וואָס קאָן נאָר שטאַרקן די כוחות פון דער קראַנקער, בכדי מיטצוהעלפן אין קאַמף מיט דער קרענק.

6. ווענע-פאַרשטאָפּונג אויף די אונטערשטע ענדגלידער.

די ווענעס אויף די אונטערשטע ענדגלידער קאָנען אין קימפעט פאַרשטאָפּט ווערן מיט בלוט-קאָרקן. די סיבה פון אַזאַ דערקראַנקונג ליגט דערין, וואָס נאָך דער געבורט פליסט דאָס בלוט דורך די געפעסן פאַמעלעכער און קאָן זיך גרינג פאַרגליווערן. עס באַקומט זיך אַ קאָרק, וואָס פאַרשטאָפּט די ווענע. באַזונדערס העלפן מיט דער פאַרשטאָפּונג אָנצינדונג-פּראָצעסן אין די ווענט-לעך פון די מוטערגעפעסן, פון וואַנען עס שטאַמען דער עיקר די קאָרקן. ביי דער דערקראַנקונג שטײַגט די טעמפּעראַטור ניט שטאַרק, נאָר עס טרעפט זיך אויך אַ העכערע טעמפּעראַטור. די פוס הייבט אָן ווייטאָן, ביים אָנדריקן מערקן זיך דערשײַנונגען פון בלוט-פאַרהאַלט. די קראַנקע קאָן מיט שוועריקייט אויפהייבן די פוס. די אָנגעשוואָלנקייט אויפן פוסטריט גייט אַריבער העכער און די גאַנצע פוס ווערט באַטײַטנדיק דיקער. די הויט באַקומט אַ בלייכן אויסזען מיט דורכשײַנענדיקע בלויע שטרייפן פון די אונטערהויט-ווענעס. די פוס האָט אַן אויסזען פון מאַרמאָר. דער פולס איז פאַרגיכערט און דערגרייכט אָפטמאָל ביז 120 אין אַ מינוט.

אַזאַ צושטאַנד קאָן אָנהאַלטן פון 3 ביז 4 וואָכן. דערנאָך ערשט פאַרשווינדט די אָנגעשוואָלנקייט און די ווענעס ווערן ווידער פרײַ.

בעת ווענע-פאַרשטאָפּונגען מוז די קראַנקע די גאַנצע צײַט ליגן רויִק אויפן רוקן. מען טאָר זי ניט רירן, ביים אורינלאָזן און בײַ נקיות מוז מען די קראַנקע אונטערהייבן. אויף צו שטילן די ווייטיקן באַקומט די קראַנקע רפואות.

די פוס מוז ליגן אויפגעהויבן, בכדי דאָס בלוט זאָל גרינגער אָפּלויפן. מען לייגט אונטער אונטער דער פוס אַ קישן, מען הייבט אויף די בעט צופוסנס, אונטערשטעלנדיק ציגל אָדער עפּעס אַנדערש.

יעטווידער מאַסאַזש אָדער טאַפּן די פוס מוז אויפן שטרענגסטן אופן פאַרווערט ווערן. *צו פרי אויפשטיין איז זייער געפערלעך*, ווײַל פון דער ווענע קאָן זיך אָפּרײַסן אַ בלוט-קאָרק און אַרײַנפאַלן אין האַרץ, פאַרשטאָפּן די הויפּט-געפעסן און אַרויסרופן אַ פּלוצעמדיקן טויט. ערשט נאָך 6—7 וואָכן מעג די קראַנקע אויפשטיין פאָרזיכטיק בײַ דער אויפפאַסונג פון אַ דאָקטער.

7) אָנצינדונג פון דער בויכהייטל.

אַז שטאַרק שעדלעכע באַקטעריעס, דער עיקר סטרעפּטאָקאָקן, דרינגען

דורך דורך די מ ו ט ע ר־וו ע נ ט ל ע ד, קאָנען זיי אריבערגיין אויף דער ב ו י כ ה ײ ט ל.

אַן אָנצינדונג פון דער בויכהײטל ווערט באַגלײט מיט אַ הויכער טעמ־פּעראַטור ביז 40 גראַד, דער פּולס פאַרגיכערט זיך באַטײטנדיק ביז 120—140 אין אַ מינוט. אין גאַנצן בויך באַקומען זיך שטאַרקע ווייטיקן, וואָס פאַר־שטאַרקן זיך באַזונדערס בײַ די באַוועגונגען פון די געדערעם. די קראַנקע ברעכט אָפט אין גרויסע סכומען. די אויסגעבראָכענע מאַסן באַקומען ביסלעכווײַז אַ ריח פון עקסקרעמענטן, די קישקעס ווערן בהדרגה אומבאַוועגלעך. אין זיי קלײַבן זיך אָן אַ פולע גאַזן, זיי ווערן אויפגעבלאָזן און צוליב דעם ווערט שטאַרק אויפגעבלאָזן די גאַנצע בויך. עס פירט ניט אָפּ, אויך די גאַזן פאַרהאַלטן זיך. דאָס אָטעמען פאַרגיכערט זיך שטאַרק. דער אָטעם איז ניט קיין טיפער, מחמת די בויך באַטייליקט זיך ניט אין אָטעמען צוליב די שטאַרקע ווייטיקן. דער פּנים ווערט אײַנגעפאַלן, דער נאָז פאַרשפּיצט זיך, די אויגן פאַלן טיף אַרײַן, דער צונג איז טרוקן. דער באַוווסטזײַן פאַרטונקלט זיך. עס טרעפט אויך, אַז מען בלײַבט בײַם באַוווסטזײַן און עס שאַפט זיך אַ פאַלשע פאַר־שטעלונג, אַז מען פילט זיך גוט.

די קראַנקייט איז זייער אַ געפערלעכע. אין בויך־חלל קלײַבט זיך אָן א י ט ע ר־פּ ל י ס י ק י י ט. עס קומט דערבײַ צו אַ פאַרסמונג מיט בלערלײַ גיפטן, וואָס עס פירט צום טויט.

די היילונג איז זייער אַ שווערע. מע קאָן אָפּטמאָל ראַטעווען די קראַנקע דורך אַן אָפּעראַציע. די אויפפאַסונג דאַרף זײַן געווענדט אויפן אויפהאַלטן און שטאַרקן די כּוחות בײַ דער קראַנקער.

8. גאָנאָרייע אין קימפּעט־פּעריאָד.

גאָנאָרייע, וואָס איז פאַרטראָגן געוואָרן בײַם געשלעכט־פאַרקער אין די ווײַבלעכע געשלעכט־אָרגאַנען, קאָן זיך ווידער אויפכאַפּן אין דעם קימפּעט־פּעריאָד. די גאָנאָקאָקן, ד״ה די מיקראָבן פון דער דאָזיקער קרענק, קאָנען במשך פון אַ לענגערער צײַט ניט אַרויסווײַזן קיין טעטיקייט. אין קימפּעט הייבן זיי אָן זיך שטאַרק צו פאַרמערן און רופן אַרויס אַ דערקראַנקונג. די סטאַטיס־טיק באַווײַזט, אַז 15—20 פּראָצענט שוואַנגערע פרויען זײַנען אָנגעשטעקט מיט גאָנאָרייע. אָבער ניט בײַ אַלעמען כאַפּט זיך די גאָנאָרייע אויף אין קימ־פּעט. אונטער דער ווירקונג פון פאַרשיידענע סיבות הייבן די גאָנאָקאָקן אָן זייער טעטיקייט, פאַרמערן זיך אויף דער שלײַמהײַטל פון דער געבוירמוטער און דרינגען ניט זעלטן אַרײַן אין די רערן גופא. און דורך די רערן גייען זיי אַריבער אפילו אויף דער בויכהײַטל. אין אַזאַ פאַל קאָן אַנטשטיין אַ גאָנאָרייע־אָנצינדונג פון דער בויכהײַטל.

ד ע ר פ אַ ר ל ו י ף פ ו ן ד ע ר ג אָ נ אָ ר י י ע. די קראַנקייט

הייבט זיך געווײנלעך אָן אויפן 5טן אָדער 8טן טאָג נאָך דער געבורט. עס אנטשטייט שטאַרקע פיבער, וואָס דערגייט ביז 40 גראַד און אָוונט, פאַלנדיק אין דער פרי ביז 37—37,5. דער פולס איז פאַרגיכערט. עס באַקומען זיך ווייטיקן אין דער געגנט פון דער געבירמוטער און אויף ביידע זײַטן פון איר אין געבית פון די רערן, אַזוי ווי די בויכהײַטל איז אויך צערייצט. קאָנען זיך באַווײַזן דערשײַנונגען, ווי בײַ אַן אָנצינדונג פון דער בויכהײַטל: אַ פאַרהאַלט פון גאַזן, אַן אויפגעבלאָזנקייט פון דער בויך, ווייטיקן אין גאַנצן אונטערשטן טייל.

ניט געקוקט אָבער אויף די אַלע קרענקלעכע דערשײַנונגען, בלײַבט דער אַליינגעפיל בײַ די קראַנקע אַ גוטער, זיי קלאָגן זיך ניט אויף קיין קאָפּווייטיק אָדער אַלגעמיינער צײַקראַנקייט. די קרענק האָט שטענדיק אַ גוטן אויסגאַנג.

די היילונג. די אויפפאַסונג. דער עיקר בײַ דער גאָנאָרייע אין קימפּעט-פּעריאָד איז פולשטענדיקע רו אין בעט און אַ פענכער מיט אײַז אויפן בויך. אויב די קראַנקע ליגט ניט רויִק אָדער שטייט צו פרי אויף פון בעט, קאָן די קרענק דורכגיין אין אַ מער ערנצטער פאָרם. אָפטמאָל זײַנען נייטיק עטלעכע וואָכן ביז אַ פולשטענדיקער אויסהיילונג.

באַזונדערס וויכטיק איז צו זײַן אָפּגעהיט מיט דער גאָנאָרייע-קראַנקער, כּדי ניט אַריבערצוטראָגן קיין גאָנאָרייע אויף דעם קינדס אויגן. מען מוז די מוטער וואָרענען, אַז זי קאָן מיט אירע הענט אַריבערטראָגן די קראַנקייט אויפן קינדס אויגן, אפילו אויב ס'האָט זיך אײַנגעגעבן בײַ דער עצם געבורט צו פאַרהיטן פון גאָנאָרייע זײַנע אויגן דורכן אַרײַנשפּריצן געהעריקע מעדיקאַמענטן.

X. פּאַטאָלאָגיע פון דער שוואַנגערשאַפט.

אומאויפהערלעכער ברעכן.

במעט איטלעכע פרוי פילט אין אָנהייב פון דער שוואַנגערשאַפט אַן איבלקייט, פיל פרויען לײַדן פון ברעכן, באַזונדערס אין דער פרי. געוויינלעך נעמט דאָס ניט אָן קיין גרויסן פאַרנעם און רופט זיך ניט אָפּ אויפן געזונט פון דער פרוי, ביסלעכווײַז גייען די איבלקייט און דאָס ברעכן פאַרבײַ, און די שוואַנגערשאַפט גייט דורך ווײַטער נאָרמאַל. נאָר בײַ אייניקע פרויען קאָן דאָס ברעכן ווערן זייער אָפט און שטאַרק, די פרוי איז ניט בכוח אַרײַנצונעמען שפּײַז און ווערט אָפּגעצערט. דאָס צערן קאָן אָפטמאָל ווערן געפערלעך, אויב מ'זאָל ניט אָננעמען צו דער צײַט קיין געהעריקע מיטלען. דאָס אומאויפהערלעכע דערברעכן איז ניט קיין רעזולטאַט פון אַ וואָסער ניט איז מאָגן-קרענק, נאָר דערקלערט זיך דערמיט, וואָס געוויסע שעדלעכע שטאָפן אַנטשטייען אין אָרגאַניזם בעת דער שוואַנגערשאַפט און רייצן אויף דעם ברעך-צענטער. צו אַן אומאויפהערלעכן ברעכן זײַנען באַזונדערס גענייגט נערוועזישע פרויען.

צו היילן אַן אומאויפהערלעכן ברעכן מוז מען אָנהייבן באַצײַטנס דורך אַ קלינישער באַהאַנדלונג. די קוראַציע באַשטייט אין דעם, וואָס דער אָרגאַניזם ווערט דורך אַ דיעט, דורך מעדיקאַמענטן און אונטערהויטיקע אײַנשפּריצן גערייניקט פון שעדלעכע שטאָפן, און די שוואַנגערשאַפט נעמט דערנאָך אַן אַ נאָרמאַלן פאַרלויף. אויב אָבער דאָס ווײַטערדיקע אָפּצערן בײַם אומאויפהערלעכן ברעכן ווערט ניט אָפּגעהאַלטן, קומט אויס די שוואַנגערשאַפט קינסטלעך איבערצורײַסן, כּדי אָפּצוהיטן דער פרויס געזונט.

בלוטונגען אין די ערשטע חדשים פון דער שוואַנגערשאַפט.

די סטאַטיסטיק באַווײַזט, אַז ניט יעדער פרוכט אַנטוויקלט זיך אין דער געבוירמוטער ביזן סוף פון דער שוואַנגערשאַפט. אויף 4—5 נאָרמאַלע געבורטן קומט אויס איין מפּיל, ד״ה די פרוכט האַלט זיך ניט אײַן אין דער געבוירמוטער און קומט אַרויס. איינער פון די הויפּט-סימנים פאַרן אומנאָרמאַלן פאַרלויף פון דער שוואַנגערשאַפט איז אַ ב ל ו ט ו נ ג.

וואָס זײַנען די סיבות, וואָס רופן אַרויס אַ מפּיל?

ניט קיין קליינע ראָל שפּילט אַ צו אָפטער און שטורמישער געשלעכטלעכער פאַרקער, וואָס עס קומט פאָר דער עיקר אין די ערשטע חדשים נאָך דער חתונה. מען דאַרף אָנווײַזן, אַז די חתונה-נסיעות מיט אַן אָפטן אַריבערפאָרן פון אָרט צו אָרט און מיט אַן איבערגעטריבנקייט אין געשלעכט-לעבן זײַנען ניט זעלטן אַ שטער פאַר דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון דער פרוכט. נאָר

דער עיקר זײַנען סיבות אויף מפּיל צו זײַן קראַנקייטן אָדער פון דער מוטער אָדער פון דער פרוכט גופא.

פון די קראַנקייטן בײַ דער מוטער, וואָס זײַנען גורם צו אַ מפּיל, מוז מען אָנווײַזן דער עיקר אויף דער ניט ריכטיקער לאַגע פון דער געבוירמוטער, אויף געשווילעכצן אין איר, אויף אַ צונויפוואַקסן פון דער געבוירמוטער און אויף אַן אָנצינדונג פון דער שלײַמהײַטל (באַזונדערס ווי אַ רעזולטאַט פון גאָנאָרייע). אויב די דאָזיקע קראַנקייטן ווערן ניט באַזײַטיקט, קאָן אַ מפּיל זיך איבערחזרן בײַ יעטווידער שוואַנגערשאַפט, וואָס עס גיט אַ גרונד צו ריידן וועגן אַ סיסטעמאַטישן מפּיל זײַן.

אַ מפּיל קאָן אויך זײַן דער רעזולטאַט פון אַ גאַנצער ריי אַלגעמיינע קראַנקייטן פון דער מוטער.

איטלעכע קראַנקייט פון דער מוטער, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ העכערער טעמפּעראַטור, קאָן זיך אָפּרופן אויפן פאַרלויף פון דער שוואַנגערשאַפט. אינפלוענץ, טיפוס, שאַרלעך, מאָזלען, מאַלאַריע, פּאָקן, לונגען־אָנצינדונג א״א, — די אַלע קרענק קאָנען ברענגען צו אַ מפּיל ניט נאָר צוליב דער הויכער טעמפּעראַטור, נאָר אויך צוליב אַ גאַנצער ריי גיפטיקע פּראָדוקטן, וואָס אַנטשטייען בײַ קראַנקייטן און וואָס ברענגען דירעקט אום די פרוכט. דערפון איז קלאָר, פאַרוואָס די שוואַנגערע פרוי מוז זיך באַזונדערס היטן ניט אָנצונעמען זיך די דאָזיקע קרענק פון אַנדערע קראַנקע. פאַר אַ נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון דער שוואַנגערשאַפט זײַנען אויך אַ שטער אַ האַרצפעלער אין אַ שווערער פאָרם און אַ כראָנישע ניר־אָנצינדונג, וואָס בײַ זיי דאַרף די שוואַנגערשאַפט בכלל ניט דערלאָזן ווערן.

ניט זעלטן האַלטן די פרויען פאַר דער סיבה פונעם מפּיל זײַן שווערע פיזישע אַרבעט, שרעק אָדער שטאַרקע אויפרעקונגען. מען קאָן ניט לייקענען, אַז די מאָמענטן קאָנען שפּילן אַ געוויסע ראָל בײַ אַ מפּיל, באַזונדערס בײַ שוואַכע פרויען.

ווי גייט דורך דער פּראָצעס פון מפּלען?

אויב מען איז מפּיל צוליב די אָנגעוויזענע סיבות, ווערט דאָס אָנגערופן אַ נאַטירלעכער מפּיל צום אונטערשייד פון קינסטלעכן, וואָס ווערט אַרויסגערופן דורך אינסטרומענטן, דורך אינעווייניקסטע אײַנשפּריצן אין דער געבוירמוטער און דורך כלערליי אַנדערע מאַניפּולאַציעס.
אַ נאַטירלעכער מפּיל איז זייער זעלטן פאַרבונדן מיט אַ סכנה פאַרן לעבן פון דער פרוי, אין דער צײַט ווען אַ קינסטלעכער איז גאָר אָפט פאַרבונדן מיט קאָמפּליקאַציעס, וואָס לאָזן איבער שפּורן אויפן גאַנצן לעבן, אָדער ווערן באַגלייט מיט קראַנקייטן, וואָס שטעלן די פרוי אין סכנה. ניט געקוקט אויף דעם באַציִען זיך פרויען צו לײַכטזיניק צו אַן אַבאָרט, און ניט טראַכטנדיק וועגן די רעזולטאַטן גיבן זיי זיך אָפט איבער אין די הענט פון מענטשן, וואָס מאַכן פונקט אַזוי לײַכטזיניק און אָפטמאָל ניט געוויסנדיק און ניט קענענדיק די אָפּעראַציע פון אָפּטרײַבן די פרוכט, זיך ניט רעכענענדיק מיט די מעגלעכע קאָמפּליקאַציעס.

ווי שוין געזאָגט, איז איינער פון די הויפּט־סימנים פון אַ מפּיל — בלוטונגען. די בלוטונגען דערקלערן זיך דערמיט, וואָס די היטלעך פון דער פרוכט טיילן זיך אָפּ פון די געבוירמוטער־ווענטלעך, דערביי עפענען זיך די בלוטגעפעסן. ביי דער קלענסטער בלוטונג מוז די מעוברתע פרוי זיך לייגן אין בעט און אָפּהיטן אַ פולשטענדיקע רו. ס׳איז פאַרווערט צוצולייגן צום בויך וואַסערע ניט איז קאַלטע קאָמפּרעסן אָדער אַ פענכער מיט אייז, ווייל פון קעלט ווערט די געבוירמוטער נאָך מער צערייצט און די בלוטונג קאָן זיך נאָר פאַרשטאַרקן. אָפּט געלינגט עס ביים אָנהייב פון דער בלוטונג דורך רו און געהעריקער היילונג אָפּצוהאַלטן דעם פּראָצעס פון מפּלען און אויפצוהאַלטן ווייטער די שוואַנגערשאַפט. אויב דאָס געלינגט ניט, דאַן קומען די בלוטונגען ווייטער פאָר און פאַרשטאַרקן זיך. חוץ די בלוטונגען הייבן זיך אָן ווייען אין דער פאָרם פון ווייטיקן אין געביט פון דער געבוירמוטער און פונעם קרייץ, וואָס עס באַווייזט, אַז די געבוירמוטער זוכט אַרויסצושטופּן פון זיך די פרוכט. אין אַזאַ פאַל זאָגן מיר, אַז דער מפּיל איז אין גאַנג.

דער ווייטערדיקער פאַרלויף פון מפּלען איז פאַרשיידן. אין איין רוי פאַלן ווערט די פרוכט אין איינעם מיט די היטלעך (איי) אַרויסגעשטויסן אין גאַנצן, די בלוטונג און די ווייטיקן הערן נאָך דעם אויף. אַזאַ מפּיל הייסט אַ פולער. צי מע דאַרף נאָך אַ פולן מפּיל מאַכן וואָסערע ניט איז אָפּעראַציעס אויף אויסצורייניקן די געבוירמוטער, קאָן באַשטימען נאָר דער דאָקטער. דערפאַר מוז מען באַהאַלטן אַלע שטיקער, וואָס ווערן אַרויסגעטיילט פון די געשלעכט־אָרגאַנען, און זיי באַווייזן דעם דאָקטער. וואָס דאַרף זיי גרינטלעך באַקוקן, אָפּט טרעפט זיך, אַז שטיקלעך געוועב אין איינעם מיטן בלוט ווערן אַרויסגעוואָרפן, און דער דאָקטער מוז זיך באַנוצן מיט די באַשרייבונגען פון דער פרוי, וואָס קאָן, פאַרשטייט זיך, ניט אורטיילן אַליין וועגן כאַראַקטער און בוי פון די אַרויסגעקומענע שטיקער.

אין אַ צווייטער ריי פאַלן גייט דער פּראָצעס דורך פיל קאָמפּליצירטער און ווערט באַגלייט מיט לאַנג געדויערנדיקע און אָפּטמאָל אויך שטאַרקע בלוטונגען. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס נאָר די פרוכט אַליין איז אַרויסגעקומען, און די היטלעך זיינען פאַרבליבן אינעווייניק אין חלל פון דער געבוירמוטער. די איבערגעבליבענע היטלעך לאָזן ניט די בלוטגעפעסן זיך צונויפציִען. דער בלוטפאַרלוסט קאָן דערגרייכן אַ געהעריקן סכום און ווערן געפערלעך אויך פאַרן לעבן: אַזאַ מפּיל רופט זיך אַ ניט פולער און נייטיקט זיך אין אייליקער מעדיצינישער הילף. ביי אַ ניט פולן מפּיל ווערט דורכגעפירט אַן אָפּעראַציע אויף אויסצורייניקן די געבוירמוטער (אַן אויסשאַבונג).

די שוואַנגערשאַפט מחוץ דער געבוירמוטער.

ניט זעלטן טרעפט זיך, אַז די באַפרוכפּערטע איי רוקט זיך ניט אַריבער אין חלל פון דער געבוירמוטער און פאַרבלײַבנדיק אין רער הייבט זי זיך אָן צו אַנטוויקלען. די רער קאָן לאָזן די פרוכט זיך אַנטוויקלען, נאָר ס'רוב ביז אַ באַשטימטער צײַט. בײַ איר ווײַטערדיקן וואַקסן ציט זיך די פרוכט מיט אירע הײַטלעך ביסלעכווײַז פונאַנדער און צעעסט די רער. אין רעזולטאַט פּלאַצט די רער און עס קומט פאָר אַן אַזוי גערופענער צערײַס פון דער שוואַנגערער רער. דאָס צערײַסן זיך פון דער רער איז פאַרבונדן מיט גאָר גרויסע בלוטונגען, דערבײַ גיסט זיך דאָס בלוט אויס אין בויך־חלל, וואָס עס קאָן ווערן אַ סכּנה פאַרן לעבן פון דער פרוי, אויב אַ ראַדיקאַלע הילף זאָל ניט קומען צו דער צײַט. די הילף באַשטייט אין דעם, וואָס די בויך ווערט געעפנט, דער בלוטנדיקער אָרט ווערט פאַרבונדן און די קראַנקע רער באַזײַטיקט.

די סיבה פאַר אַ שוואַנגערשאַפט מחוץ דער געבוירמוטער זײַנען ס'רוב פאַרשיידענע אָנצינדונגען אין די רערן, וואָס נעמען זיך פון קינסטלעכע אַבאָרטן, פון גאָנאָרייע און פון אינפעקציעס נאָך דער געבורט. די שוואַנגער־שאַפט מחוץ דער געבוירמוטער האָט זיך אירע בולט אויסגעשפּראָכענע סימנים. די פרוי, וואָס האָט פאַרלאָרן די רעגולן און האַלט זיך פאַר שוואַנגער, ווערט פּלוצעם קראַנק מיט גאָר שטאַרקע ווייטיקן אין אונטערשטן טייל בויך רעכטס אָדער לינקס.

באַלד נאָך די ווייטיקן הייבן זיך אָן צו מערקן די סימנים פון אַן אי־נעווייניקסטן בלוטאויסגוס, וואָס באַשטייען אין חלשן, אין פאַרלירן דעם באַוווּסטזײַן, אין בלייכקייט פון פּנים, אין אַ פאַרגיכערטן און שוואַכן פּולס. די טעמפּעראַטור פון קערפּער שטײַגט ניט דערבײַ. די אַלע סימנים זײַנען אויף אַזוי פיל שטורמיש און אויסגעשפּראָכן, אַז זיי בלײַבן ניט אומבאַמערקט פאַר די אַרומיקע. בײַ דער שוואַנגערשאַפט מחוץ דער געבוירמוטער איז די איינציקע הילף — אַן אָפּעראַציע.

עס זײַנען פאַראַן אויך אַנדערע פאָרמען פון שוואַנגערשאַפט מחוץ דער געבוירמוטער, וואָס גייען דורך ווייניקער שטורמיש, נאָר אויך בײַ זיי איז די איינציקע היילונג אָפּעראַטיווע הילף.

בלוטונגען אין די לעצטע חדשים פון דער שוואַנגערשאַפט.

צו די ערנצטע קאָמפּליקאַציעס אין דער שוואַנגערשאַפט געהערן אויך די בלוטונגען אין די לעצטע חדשים, הארט פאַר דער געבורט און בעת דער געבורט גופא.

די סיבה פאַר די דאָזיקע בלוטונגען איז אַ ניט נאָרמאַלע לאַגע פון דער פּלאַצענטע (פון קינדעראָרט). נאָרמאַל געפינט זיך די פּלאַצענטע

הינטערן קינד אין אייבערשטן אָפּטייל פון דער געבוירמוטער. אויב אָבער די פּלאַצענטע געפינט זיך אין אונטערשטן אָפּטייל און ליגט פאַרן קינד, זאָגט מען, אַז די פּלאַצענטע ליגט פאָר. ווי נאָר ס'הייבן זיך אָן די געבורט-ווייען און די מוטער-העלדזל נעמט זיך עפענען, הייבט אָן די פּלאַצענטע, וואָס ליגט פאָר, זיך אָפּצוטיילן פון די מוטער-ווענטלעך. עס אַנטשטייען בלוטונגען, וואָס קאָנען אָננעמען אַ גרויסן פאַרנעם. אָפטמאָל טרעפט שוין דער ערשטער אָנפאַל פון בלוטונגען אויפן אכטן אָדער נײַנטן חודש פון דער שוואַנגערשאַפט. די בלוטונגען קאָנען אויפהערן און פון דאָס נײַ זיך איבערחזרן עטלעכע מאָל, ביז צו דער געבורט, בעת זיי ווערן אַ סך שטאַרקער ווי פריִער. די דאָזיקע זיך איבערחזרנדיקע בלוטונגען זײַנען באַזונדערס געפערלעך, ווײַל מען קאָן אַזוי ביסלעכווײַז פאַרלירן אַזאַ סכום בלוט, וואָס דער אָרגאַניזם איז ניט בכוח עס ווידער ממלא צו זײַן. דערפאַר רעכנט מען אַ פאַל, ווען די פּלאַצענטע ליגט פאָר, צו די סאַמע ערנצטע קאָמפּליקאַציעס בײַ דער געבורט און אין דער שוואַנגערשאַפט.

די מעדיצינישע הילף אין אַזאַ פאַל רעכנט זיך ניט מיטן לעבן פון קינד און איז געווענדט דער עיִקר אויף דער מוטער. בײַ הײַנטיקן טאָג ווענדט מען אָן בײַ אַזאַ לאַגע פון דער פּלאַצענטע אַפילו אַ קייזער-שניט אויף צו ראַטעווען די מוטער און דעם קינד.

אַ קייזער-שניט באַשטייט אין דעם, וואָס די געבוירמוטער ווערט דורכגעשניטן אין איינעם מיט דער בויכוואַנט.

לונגען-טובערקולאָז און שוואַנגערשאַפט.

עס איז פעסטגעשטעלט, אַז קינדער פון טובערקולעזע עלטערן זײַנען פון געבוירן אָן שוואַכער, איידער קינדער פון געזונטע עלטערן. דאָס הייסט אָבער נאָך ניט, אַז די קינדער ווערן געבוירן מיט טובערקולאָז אין די לונגען. פאַר די קינדער איז פאַראַן די סכנה זיך אָנצונעמען מיט טובערקולאָז נאָך דער געבורט, בעת זיי קומען אין ענגן באַריר מיט די קראַנקע עלטערן, וואָס פון זיי קאָנען די טובערקולאָז-באַצילן זיך איבערגעבן די קינדער.

בעת אַ טובערקולעזע פרוי ווערט שוואַנגער, קאָן די שוואַנגערשאַפט זיך שלעכט אָפּרופן אויפן פאַרלויף פון איר קראַנקייט און פאַרגיכערן דעם טובערקולאָז-פּראָצעס. דערפאַר דאַרף אַ טובערקולעזע פרוי ניט שוואַנגערן. אין פאַל פון שוואַנגערשאַפט מוז מען זי איבעררײַסן. אויב אָבער דער טובערקולאָז-פּראָצעס האָט זיך פאַרמאַכט און עס איז געווען אַ לאַנגער פּעריִאָד פון גוט פילן זיך אָן אַ געהעכערטער טעמפּעראַטור, אָן הוסטן און אָן לײַכעץ, מעג די פרוי זיך אַנטשליסן אויף אַ שוואַנגערשאַפט און האָט אַ גרונד צו האָפן אויף אַ נאָרמאַלער שוואַנגערשאַפט און אויף אַ געזונט קינד. די פרוי מוז אָבער זיך אײַנגעפינען אונטער אַ באַשטענדיקן קאָנטראָל פון אַ דאָקטער.

שוין אָפּגעערדט דערפון, וואָס אין אַזאַ פאַל מוז די פרוי בעת דער שוואַנגערשאַפט לעבן אין גינסטיקע באַדינגונגען, מוז זי נאָך דער געבורט באַפרײַט ווערן פון זייגן דאָס קינד מיט דער ברוסט, ווײַל דאָס קאָן פאָדערן פון איר פיל כּוחות און געזונט, וואָס זי דאַרף האָבן פאַרן אייגענעם אָרגאַניזם.

די פראַנצייזישע דאָקטוירים האָבן אײַנגעשטעלט פאָלגנדיקע כּללים פאַר טובערקולעזע פרויען:

«Pour la jeune fille — pas de mariage,
pour la femme — pas d'enfants,
pour la mère — pas d'allaitement»,

ד״ה די (טובערקולעזע) מיידל טאָר ניט חתונה האָבן, די חתונה־געהאַטע טאָר ניט האָבן, די מוטער טאָר ניט זייגן.

האַרץ־פעלער און שוואַנגערשאַפט.

צי דאַ״ף א פרוי מיט א האַרץ־פעלער שוואַנגערן? אויף דער פראַגע מוז מען ענטפערן, אַז ניט יעדער האַרץ־פעלער שליסט אויס די שוואַנגערשאַפט. אויב בײַ אַ האַרץ־פעלער אַרבעט פונדעסטוועגן די האַרץ באַפרידיקנדיק און דאָס בלוט צירקולירט ניט שלעכט, איז די שוואַנגערשאַפט ניט פאַרווערט. עס איז באַמערקט געוואָרן, אַז אין אַזאַ פאַל ווערט די שוואַנגערשאַפט שווער אַריבערגעטראָגן. וואָס שייך דער עצם געבורט דאַרף מען געדענקען, אַז דער פּראָצעס פון דער געבורט שטעלט אויך צו דער געזונטער האַרץ גרויסע פאָדערונגען, מכּל שכּן קומט אויס דערמיט זיך צו רעכענען בײַ אַ האַרץ־פעלער. בײַ אַ האַרץ־פעלער מוז די געבורט פאָרקומען אומבאַדינגט אין אַ קליניק, בכדי מ'זאָל צו דער צײַט קאָנען געבן הילף, באַזונדערס בײַ די פּרעסוויען, וואָס פאָדערן אַ גרויסן פאַרלוסט פון האַרץ־ענערגיע. אויב בײַ אַ האַרץ־פעלער הייבן זיך אָן אין דער שוואַנגערשאַפט שטערונגען פון דער האַרץ־טעטיקייט, ס'הייבן אָן געשוואָלן צו ווערן די פיס, דער פּנים, דער אָטעם ווערט קורץ, די ליפּן בלוי, דאַן איז פאַראַן אַ גרונט מורא צו האָבן, אַז די ווײַטערדיקע שוואַנגערשאַפט און די געבורט קאָנען זיך קאַטאַסטראָפאַל אָפּרופן אויפן געזונט פון דער פרוי. אין אַזוינע פאַלן דאַרף מען ניט אויסברענגען די לעצטע רעזערוון פון די האַרץ־כּוחות און ס'איז נייטיק די שוואַנגערשאַפט באַצײַטנס איבערצורײַסן.

נירן־קראַנקייטן אין דער שוואַנגערשאַפט.

בײַ יעדער שוואַנגערשאַפט מוזן די נירן פאַרשטאַרקט אַרבעטן און אַרויס־טײלן פאַרשיידענע שעדלעכע שטאָפן, וואָס קלײַבן זיך אָן אין אָרגאַניזם. מחמת דעם ווערן די נירן מער אָדער ווייניקער געררייצט. אין רעזולטאַט פון אַזא רייצונג געפינען מיר אין אורין בײַ זייער פיל שוואַנגערע פרויען ניט קיין גרויסע סכומען ווײַסל, וואָס גיבן אָבער נאָך ניט קיין רעכט צו ריידן וועגן אַ קראַנקייט אָדער אַן אָנצינדונג פון די נירן. אויב אָבער די רייצונג גייט אַריבער באַשטימטע גרענעצן, מאַכן דורך די נירן גרעסערע פאַרענדערונגען, זיי ווערן קראַנק. די דערקראַנקונג פון די נירן צוליב שוואַנגערשאַפט קאָן האָבן אַ גאַנצע ריי פּועל־יוצאס סײַ פאַרן קינד, סײַ פאַר דער מוטער. די נירן הייבן אָן אַרויסצו־טײלן אין אַ גרויסן סכום ווײַסל. פאַרהאַלטנדיק דערפאַר אין אָרגאַניזם אַ פולע שעדלעכע זאַלצן און וואַסער. מחמת דעם ווערן געשוואָלן די פיס, דער פּנים און די בויך. נאָך דער געבורט קאָנען די אַלע דערשײַנונגען גיך פאַרשווינדן, די נירן הייבן אָן נאָרמאַל צו אַרבעטן, נאָר אין זעלטענע פאַלן בלײַבן זיי קראַנק.

פאַראַן אַ גאַנצע ריי פאַלן, ווען די שטערונגען אין דער טעטיקייט פון די נירן בעת דער שוואַנגערשאַפט נעמען אָן אַ שעדלעכע ווענדונג. די נירן הערן כּמעט אין גאַנצן אויף צו אַרבעטן, אורין קומט זייער ווייניק מיט אַ גרויסן אינהאַלט פון ווײַסל און פון נירן־עלעמענטן, עס באַקומט זיך אַ פ א ר ג י פ ט ו נ ג פ ו ן א ָ ר ג א ַ נ י ז ם. באַזונדערס מערקט זיך עס בײַ דער געבורט. די פאַרגיפטונג פון אָרגאַניזם איז די סיבה פון אַ ספּעציעלער קראַנקייט, וואָס איז באַוווּסט אונטערן נאָמען עקלאַמפּסיע. בײַ דער עקלאַמפּסיע הייבן זיך אָן קראַמפּן פון גאַנצן קער־פּער, מע פאַרלירט דעם באַוווּסטזײַן, דאָס אָטעמען ווערט פאַרשווערט, דער קערפּער בלוי, דער פולס אָנגעשטרענגט. עקלאַמפּסיע געהערט צו די סאַמע געפערלעכסטע קראַנקייטן בײַ דער געבורט. בײַ וועלכער עס קומען אום די קינדער און כּמעט 25 פּראָצ' פרויען. די איינציקע מיגלעכקייט צו ראַטעווען איז גיך צו פאַרענדיקן די געבורט אויף אַן אָפּעראַטיוון אופן, אפילו דורך אַ קייזערשניט.

ווי קאָן מען אויסמײַדן ע ק ל א ַ מ פּ ס י ע?

דערויף קאָנען מיר ענטפערן, אַז אַ באַצײַטנס פאַרבאַפטע נירן־קראַנקייט און אַ געהעריקע היילונג דורך אַ שטרענגער דיעט קאָנען ניט זעלטן פאַר־מײַדן אַזאַ ערנצטע קאָמפּליקאַציע. אַזוי למשל האָט זיך אין דײַטשלאַנד בעת דער מלחמה שטאַרק פאַרקלענערט די צאָל עקלאַמפּסיע־פאַלן, ווײַל מחמת דעם דוחק אין פּראָדוקטן איז די שוואַנגערע פרויען אויסגעקומען זיך ווייניקער צו שפּײַזן מיט פעטסן און ווײַסל־פּראָדוקטן, וואָס זיי, באַנוצט אין אַ צו גרויסן סכום, רופן דאָס אַרויס די עקלאַמפּסיע־קראַנקייט. ס'ווערט אויך רעקאָמענדירט אין דער שוואַנגערשאַפט צו פאַרמינערן דעם סכום קאָכזאַלץ. אויב ניט קוקנדיק אויף דער היילונג און אויף דער געהעריקער דיעט גיט זיך ניט אײַן צו פאַרבעסערן די טעטיקייט פון די נירן, דאַרף מען ניט לאָזן די שוואַנגערשאַפט

זיך אַנטוויקלען ביזן סוף און איבערדרייסן זי אין אַזאַ צייט, ווען מען קאָן האָפן אויף דער געבורט פון אַ מער אָדער ווייניקער לעבנפעיִקן קינד. אויפן ערשטן פּלאַן איז דאָס לעבן און געזונט פון דער מוטער, וואָס צוליב איר קומט אַמאָל אויס זיך ניט צו רעכענען מיט דער פרוכט.

ווענערישע קראַנקייטן און שוואַנגערשאַפט.

גאָנאָרייע איז איינע פון די סאַמע פאַרשפּרייטסטע ווענערישע קראַנקייטן. ביי דער פרוי קאָן גאָנאָרייע אַרויסרופן אַ גאַנצע ריי קאָמפּליקאַציעס ניט נאָר אין דער שייד און אורין-קאַנאַל, נאָר אויך אין דער געבוירמוטער, אין די רערן און אין דער בויכהייטל. פאַר סימנים פון גאָנאָרייע רעכענען זיך: פאַרשטאַרקטע גרינלעכע אַרויסטיילונגען, אַ בייסעניש אין דער שייד און ביי אַ דערקראַנקונג פון דער געבוירמוטער שטאַרקע און ווייטיקדיקע מענסטרואַציעס. אין פאַל ווען די גאָנאָרייע גייט אַריבער אויף די רערן, קומען צו שטאַרקע ווייטיקן אין אונטערשטן טייל בויך און הויכע פיבער, און די קראַנקייט ציט זיך אַ לענגערע צייט. אויב די גאָנאָרייע איז דער עיִקר קאָנצענטרירט אין מוטערהעלדזל, וואָס לאָזט זיך גרינג היילן, קאָן די פרוי שוואַנגער ווערן. אויב די גאָנאָרייע האָט פאַרכאַפּט אויך דעם מוטער-חלל, אָבער ניט איבערגעלאָזן אין איר קיין טיפע ענדערונגען, איז די שוואַנגערשאַפט אויך ניט אויסגעשלאָסן, הגם דאָס רוב ענדיקט זי זיך מיט אַ מפּיל. די גאָנאָרייע, וואָס איז אַריבערגעגאַנגען אויף די רערן, פאַרקלענערט שטאַרק די שאַנסן אויף שוואַנגערשאַפט, נאָר ביי אַן ענערגישן און לענגערן היילן איז די באַפרוכפּערונג ניט אויסגעשלאָסן. אָבער גאָנאָרייע איז פאַרט אַן אָפטע סיבה פון אומפרוכפּערקייט. איר זעט, וואָס פאַר אַ פאַרשיידנאַרטיקע ווירקונג ס'האָט די גאָנאָרייע אויפן ווייבלעכן געשלעכט-אַפּאַראַט און ווי וויכטיק עס איז, אַז אַ מאַן, וואָס איז ווען ניט איז קראַנק געווען אויף גאָנאָרייע, זאָל פאַר דער חתונה זיך איבערצייגן, צי ער האָט זיך ענדגילטיק אויסגעהיילט און קאָן ניט אָנשטעקן די פרוי. אין דעם פּרט מוז מען באַגריסן די איינאָרדענונג פון באַראַט-פּונקטן, וואָס האָבן דעם ציל אויפצוקלערן וויכטיקע פראַגן פאַר דער חתונה.

אין פאַל ווען אַ מעוברתע פרוי נעמט זיך אָן מיט גאָנאָרייע, באַגרענעצט זיך די קרענק געוויינלעך מיטן אונטערשטן טייל פון די געשלעכט-אָרגאַנען: מיט דער שייד, מיט דער מוטערהעלדזל און מיטן אורינקאַנאַל.

די גאָנאָרייע אין דער שוואַנגערשאַפט פאַרשפּרייט זיך געוויינלעך ניט אין די העכערע טיילן פון דער געבוירמוטער, די געבורט קאָן דורכגיין מער

אָדער ווייניקער נאָרמאַל, נאָר באַזונדערס ווייטיקדיק. די קאָמפּליקאַציעס אויפן באָדן פון גאָנאָרייע הייבן זיך אָן געוויינלעך נאָך דער געבורט.

פאַרן קינד איז גאָנאָרייע פון דער מוטער, ווי מיר האָבן אויבן געזען, געפערלעך דערמיט, וואָס די גאָנאָרייע-באַצילן (גאָנאָקאָקן) קאָנען אַריבערגיין אויף די אויגן און קאָנען אַרויסרופן אַ גאָנאָרייע-אָנצינדונג ביי זיי. פאַר דער מוטער באַשטייט די סכנה אין דעם, וואָס די גאָנאָקאָקן נאָך דער געבורט הייבן זיך אַריבער פון די אונטערשטע טיילן געבוירמוטער אין די הסכערע, דהיינו אין מוטער-חלל, אין די רערן און אפילו אין דער בויכהייטל, וואָס עס ווערט באַגלייט מיט אַ גאַנצער ריי סימנים, וואָס וועגן זיי האָבן מיר שוין גערעדט.

די היילונג פון גאָנאָרייע פאַרלאַנגט אַ סך געדולד און אויסגעהאַלטנקייט מצד דער קראַנקער. היילן מוז מען זיך לאָזן נאָר פון אַ דאָקטער, כּלערליי באַבסקע מיטלען קאָנען פירן צו אַזוינע פּועל-יוצאס, וואָס לאָזן זיך שפּעטער מער ניט גוט מאַכן.

ס י פ י ל י ס, וואָס איז באַוווּסט די אייראָפּייער פון 15טן יאָר-הונדערט, איז געוואָרן אין די לעצטע פאַר צענדליק יאָר, באַזונדערס נאָך דער מלחמה, אַ זייער פאַרשפּרייטע קראַנקייט. ניט גענוגנדיק און ניט ריכטיק גע-היילט, רופט זיך סיפיליס אָפּ אויך אויפן קומענדיקן דור. אַ מאַן, וואָס האָט זיך אָנגעשטעקט מיט סיפיליס, האָט ניט קיין מאָראַלישע רעכט חתונה צו האָבן, איידער ער האָט זיך ענערגיש געהיילט במשך פון דריי יאָר און איידער אַן אונטערזוך פון זיין בלוט (מיט דער הילף פון דער אַזוי גערופענער וואַסערמאַן-רעאַקציע) האָט באַוויזן, אַז ער איז ניט מער קיין מקור פון אָנשטעקונג פאַר דער פרוי און פאַרן קומענדיקן דור.

ווי ווירקט סיפיליס אויף דער שוואַנגערשאַפט?

סיפיליס איז אָפט די האַרטנעקיקע סיבה פון פריצייטיקע געבורטן, וואָס קאָנען זיך איבערחזרן נאָך אַנאַנד עטלעכע מאָל,—ביז די קראַנק וועט אויסגעהיילט ווערן. די סיפיליטישע פרוכט האָט באַזונדערע סימנים, כאַראַקטע-ריסטישע הויטקראַנקייטן (בלעזלעך און פלעקן), לעבער-פאַרגרעסערונג, וואַסער-קראַנ-קייט פון בויך, אָנצינדונג פון ביין-געוועב און פון די מאַרך-הייטלעך, וואָס פירט צו דער וואַסער-קראַנקייט אין שאַרבן-חלל.

די פרוכט מאַכט דורך די דאָזיקע שינויים אונטער דער ווירקונג פון סיפיליס-גיפט, וואָס צירקולירט אין דער מוטערס בלוט און פאַרסמט זי. מחמת דעם שטאַרבט אָפט די פרוכט אין חלל פון דער געבוירמוטער, וואָס טראָגט זי ניט אויס ביזן סוף, און וואָס פאַרענדיקט זיך מיט אַ פריצייטיקער געבורט. סיפיליס גיט אויך כאַראַקטעריסטישע פאַרענדערונגען אין דער פלאַצענטע.

אויב די עלטערן זאָלן זיך ריכטיק און גענוג היילן, קאָן פאָרקומען אַ נאָרמאַלע שוואַנגערשאַפט און געבוירן ווערן אַ געזונט קינד. אָפטמאָל קאָן

מיט דערפאָלג דורכגעפירט ווערן א קוראַציע אפילו נאָכן אָנהייב פון דער שוואַנגערשאַפט,—קלאָר, אַז אונטערן קאָנטראָל פון א דאָקטער א ספעציאַליסט. פאַראַן אויך פאַלן, ווען א קראַנקע סיפיליטישע פרוכט ווערט אויסגעטראָגן ביזן סוף און ווערט געבוירן א לעבעדיקע. אַזא קינד מוז מען תיכּף אָנהייבן צו היילן, זייגן אַזא קינד מעג נאָר די אייגענע מוטער. צו א פרעמדער ברוסט טאָר אַזא קינד נים צוגעלאָזט ווערן. פאַר אים טאָר מען אויך נישט פאַר־בעטן קיין אַם. ער קאָן זי אָנשטעקן מיט סיפילים.

סוף פון ערשטן טייל.

צווייטער טייל.

דער ניי געבוירענער.

דער נײַ געבוירענער.

I. פיזיאָלאָגיע.

די וואָג.

א נאָרמאַל אַנטוויקלט, געזונט, אויסגעטראָגן קינד האָט זײַנע באַשטימטע סימנים, וואָס לויט זיי קאָן מען אורטיילן וועגן זײַן לעבן־פעיִקייט.

אין דער ערשטער ריי געהער אַהערצו די וואָג פון נײַ געבוירענעם. אין דורכשניט איז זײַן וואָג 3200 גראַם, ד״ה אַן ערך 8 פונט. נאָר אויך בײַ אַ קלענערער וואָג איז ניטאָ קיין גרונד מורא צו האָבן, אַז דער נײַ געבוירענער איז ניט גענוג לעבן־פעיִק. עס זײַנען מיגלעך געוויסע אָפּווײַכונגען אין וואָג אויך בײַ צײַטיקע קינדער. בכלל קענען קינדער מיט אַ וואָג פון 2600 גר׳ אָן זיך רעכענען פאַר צײַטיקע.

קינדער, וואָס וועגן איבער 4300—4500 גראַם, רופט מען געוויינלעך גיגאַנטן.

די וואָג פון קינד מאַכט דורך שוין אין די ערשטע טעג פון זײַן לעבן באַשטימטע פאַרענדערונגען. אין די ערשטע 3—4 טעג פאַרלירט דאָס קינד אין געוויכט, וואָס עס רעכנט זיך אין גאַנצן פאַר אַ נאָרמאַלער דערשײַנונג און רופט זיך אָן דער פיזיאָלאָגישער פאַרלוסט. עס פאַרלירט דערבײַ פון 200—300 גר, וואָס עס מאַכט אויס אַן ערך פון 6 ביז 9 פּראָצענט פון זײַן גרונטגעוויכט. דער פיזיאָלאָגישער פאַרלוסט בײַם נײַ געבוירענעם שטייט אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס דאָס קינד גיט אָפּ פיל וואַסער, פאַרלירט פעטס, האָט דעם ערשטן שטולגאַנג (דעם אַזוי גערופענעם מעקאָניום) אין סכום פון 60 ביז 90 גר (כמעט אַ פערטל פונט), אין דער צײַט ווען שפּײַז אין די ערשטע 2—3 טעג באַקומט עס אין זייער אַ באַגרענעצטן סכום.

אויב מע זאָל וועגן דאָס קינד אַ נאַקעטן אַלע אין דער פרי אין אַ באַשטימטער שעה און אָפּמערקן אויף אַ ספּעציעלן בויגן זײַן וואָג פון יעדער טאָג, וועלן מיר באַקומען די אַזוי גערופענע קרומע פון וואָג. בכן וועט די ערשטע טעג די קרומע פון וואָג ווײַזן אַ פאַלן. נאָר ביסלעכווײַז הייבט אָן דער נײַ געבוירענער שוין פון פערטן טאָג אָן צוצונעמען אין וואָג 10—20—30 גר אַלע טאָג, און די קרומע הייבט אָן צו שטײַגן. פריִער פלעגט מען האַלטן, אַז איטלעך קינד דערגרייכט שוין אויפן 10טן טאָג זײַן לכתחילה־

ריקע וואָג. נאָר בײַ אַן אויפמערקדיקן אָבסערווירן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נאָר אַן ערך 10 פּראָצ׳ קינדער דערגרייכן עס אויפן 10טן טאָג. דאָס רוב קינדער, ווי עס האָט אָנגעוויזן דערויף פּראָפ׳ לאַנגשטיין (בערלין), דערגרייכן זייער לכתּחילהדיקע וואָג צום סוף פון דער צווייטער און צום אָנהייב פון דער דריטער וואָך. וויכטיק איז נאָר, אַז דאָס קינד זאָל ניט נאָך אַנאַנד פאַרלירן אין וואָג. אויב אין משך פון דער צײַט קומט פאַר אַ פּאַמעלעכער צוווּקס אין וואָג, דאַרף מען נאָך ניט קלערן, אַז בײַ דער מוטער איז פאַראַן ווייניק מילך. וועגן דעם סכום מילך בײַ דער מוטער קען מען אורטיילן ערשט אַן ערך אין 2—3 וואָכן אַרום.

דאָס קינד וועגט מען אויף אַ ספּעציעלער קינדער־וואָג, וואָס באַווײַזט גענוי אין גראַמען, ווי פיל דאָס קינד עסט איטלעכס מאָל בײַ דער מוטערס ברוסט, ווי פיל עס נעמט אָלע טאָג צו אין וואָג אָדער פאַרלירט. דאָס וועגן דעם קינד איז דער סאַמע זיכערסטער מיטל אויף צו אורטיילן וועגן זײַן אַנטוויקלונג.

די גרייס פון קערפּער.

דער גוף פון אַ נאָרמאַלן קינד האָט אין דער לענג פון 47—54 צענטימעטער. אויב מע קוקט זיך גוט צו צום גוף פון נײַ געבוירענעם, האָט זײַן גוף געוויסע באַזונדערקייטן אין בוי, וואָס שיידן אים אונטער פון דערוואַקסענע מענטשן.

קודם כּל וואַרפט זיך אין די אויגן, אַז די קעפּל בײַ דעם נײַ געבוירענעם איז ב ר י ט ע ר פאַר זײַן ברוסט. דערמיט דערקלערט זיך עס, פאַרוואָס די קעפּל איז בײַ דער געבורט דער סאַמע וויכטיקסטער טייל. אויב דורך דער פּרוים בעקן איז די קעפּל שוין דורכגעגאַנגען, גליטשט זיך דער איבעריקער טייל פון גוף דורך גיך און אָן מניעות.

נאָר די פאָרם פון קעפּל איז נאָך דער געבורט ניט בײַ אַלע קינדער גלײַך. מיר ווייסן, אַז דעם קינדס קעפּל האָט די אייגנשאַפט זיך צוצופּאַסן צום בעקן אַפּהענגיק דערפון, ווי אַזוי זי גייט דורך דורך אים בעת דער געבורט, ד״ה אָפּהענגיק פון מעכאַניזם פון דער געבורט. דערבײַ קומט פאָר אָט וואָס: די שייטל־ביינער גייען אַראָפּ איינער אונטערן אַנדערן, דער הינטערשטער אונטערן פאָדערשטן. באַזונדערס וואַרפט זיך דאָס אין די אויגן בײַ אַ קינד, וואָס ווערט געבוירן פון אַ פּרוי מיט אַ שמאָלן בעקן.

מיר קאָנען פעסטשטעלן עטלעכע ט י פּ י ש ע פאָרמען פון קעפּל גלײַך נאָך דער געבורט:

1) אַ קעפּל מיט שטאַרק אויסגעצויגענע נאַקן־ביינער, וואָס עס באַקומט זיך בײַ דער אַזוי גערופענער הינטערנאַקן־לאַגע פון קעפּל און בעקן.

2) די פאָרם פון קעפּל בײַ דער פּנים־לאַגע. דער גאַנצער געבורט־גע־



אילוסטר׳ 27.
אַן אויסגעצויגענע קעפּל ביי דער נאַקן־לאַגע

(לויט בום)

שווילעכץ איז קאָנצענטרירט אויפן קינדס פּנים, די ליפּן און באַקן זײַנען בלוי און אָנגעבלאָזן. די קעפּל איז דערבײַ אָראָפּגעבויגן צו הינטן, דער נאַקנביין רירט זיך כּמעט אָן אָן רוקן.



אילוסטר׳ 28.
די פאָרם פון קעפּל ביי דער פּנים־לאַגע.

(לויט בום)

3) די שטערנפאָרם — אַ קעפּל מיט אַן אויסגעצויגענעם שטערנביין— בײַ דער שטערנלאַגע.

אילוסטר' 29.
די קעפּל ביי דער שטערן=לאַגע.

(לויט בום)

4) אַ רונדע קעפּל, וואָס האָט די פאָרם כּמעט פון אַ האַלבקויל, באַ=
קומט זיך געוויינלעך ביַי דער געזעס=לאַגע, ווײַל אין דעם פאַל פּילט ניט די
קעפּל ביַי דער געבורט קיין שום דרוק.

אילוסטר' 30.
אַ רונדע קעפּל ביי דער געזעס=לאַגע.

(לויט בום)

די אַלע פאַרענדערונגען פון דער פאָרם בײַ דער קעפּל טראָגן ניט קיין באַשטענדיקן כאַראַקטער. בהדרגה נעמט אָן די קעפּל איר געוויינלעכע פאָרם, וואָס דערנענטערט זיך צום נאָרמאַלן טיפּ.

אין דורכשניט איז די גרייס פון קינדס קעפּל גלײַך 32—35 צענטימע-טער.

פאַר די אינעווייניקסטע אָרגאַנען פון נײַ געבוירענעם איז פעסטגעשטעלט (דורך פּראָפ׳ גונדאָבין) אַ באַשטימטע וואָג, דהײַנו:

דער מאַרך	וועגט	354—389	גר
די האַרץ	״	16—17,24	גר
די לונגען	״	57	גר
דער לעבער	״	120—130	גר
די ניר	״	11—12	גר.

ווי איר זעט, איז דער סאַמע שווערסטער אָרגאַן דער מאַרך, נאָך אים קומען דער לעבער, די לונגען, די האַרץ.

דער שטאָפאויסבײַט.

אויב מע זאָל שטעלן די פראַגע, פון וואָסערע כעמישע שטאָפן עס באַשטייט דער גוף פון נײַ געבוירענעם, וועט דער ענטפער זײַן, אַז דער הויפּטבאַשטאַנד-טייל איז וואַסער — 71,8 פּראָצ׳ און דער רעשט (28,2 פּראָצ׳) האַר-טע שטאָפן.

וואָסערע האַרטע שטאָפן זײַנען עס? קודם כל פעטס — 17,3 פּראָצ׳, דערנאָך קומט ווײַסל — 11,7 פּראָצ׳, דער רעשט איז די אַזוי גערופענע אַש, עקסטראַקט-שטאָפן — 4,2 פּראָצ׳.

אַזוי ווי דער אָרגאַניזם פון קינד, פּונקט ווי בײַם דערוואַקסענעם, האָט זײַן שטאָפאויסבײַט, ד״ה, ער פאַרלירט שטאָפן און מוז זיי פון דאָס נײַ באַ-קומען, איז פאַרשטענדלעך, אַז בײַם שטאָפאויסבײַט קומט אַרויס פון קינדס אָרגאַניזם אַ באַשטימטער כמות פון זײַנע באַשטאַנדטיילן.

ס׳איז פעסטגעשטעלט, אַז דאָס קינד גיט אָפּ אין דער ערשטער ריי זייער פיל וואַסער, דאַן פאַרלירט עס פעטס, ווײַסל, אָדער, ווי מען רופט עס, אַזאָ-טישע שטאָפן.

די פעטס דאָס איז דער אָנגרייט, וואָס דאָס קינד נוצט אויס אין די ערשטע טעג נאָך דער געבורט, ווען עס באַקומט נאָך ניט גענוג שפּײַז פון אויסווייניק. דאָס קינד נייטיקט זיך אין אַ סך וואַרעמקייט און זײַן אָרגאַניזם פאַרניצט דערצו דער עיקר פעטס. בכן קאָנען מיר באַטראַכטן פעטס ווי אַן אייגנאַרטיקן ברענשטאָף אויף צו באַקומען וואַרעמקייט. בײַם שטאָפאויסבײַט טיילט דער אָרגאַניזם אַרויס אויך ווײַסל. די צעפאַלענע ווײַסל טיילט זיך אַרויס

אין אורין, דער עיקר אין דער פאָרם פון אורין־זײַערס, דערבײַ ווערט בײַם נײַ געבוירענעם די אורין אַ ביסל מוטנע. די אורין־זײַערס זעצט זיך אָפּ אין אורין אין דער פאָרם פון אַ רויטן גרײַפּלדיקן אָפּזאַץ, וואָס מערקט זיך אָפּ אויף די ווינדלעך ווי אַ רויטלעכער פּראָשעק.

דער נײַ געבוירענער לאָזט אורין אָפּט תּיכּף נאָך דער געבורט. דאָס באַווײַזט, אַז די נירן האָבן פונקציאָנירט שוין פאַר דער געבורט. דאָס קינד לאָזט אורין אָפּהענגיק פונעם סכום פליסיקייט, וואָס עס באַקומט:

אין ערשטן מעת־לעת ביז 60 קובישע צמ,

אין דריטן מעת־לעת ביז 170 ק' צמ.

אין אַכטן מעת־לעת 100—300 ק' צמ.

בכלל איז דער סכום אורין בײַם נײַ געבוירענעם גלײַך 40 פּראָצ' פונעם סכום באַקומענע פליסיקייטן.

דער קאָליר פון די אורין בײַט זיך בהדרגה. אין די ערשטע טעג האָט די אורין אַ רעכט געלן קאָליר, וואָס ווערט ביסלעכווײַז העלער. די ספּעציפישע וואָג פון די אורין איז 1006—1012, ד"ה אַ ביסל מער ווי פון וואַסער, צוליב די האַרטע שטאָפן.

ניט זעלטן טרעפט זיך, אַז דאָס קינד לאָזט ניט קיין אורין אין די ערשטע צוויי טעג, די ווינדלעך זײַנען אין גאַנצן טרוקן. ס'איז דערבײַ ניטאָ קיין גרונד דאָס גלײַך אָנצונעמען פאַר אַ קראַנקייט פון אורין־אַפּאַראַט. ערשט אויב אויפן דריטן טאָג לאָזט עס ניט קיין אורין, דאַן ערשט האַנדלט זיך עס וועגן אַ וואַסער ניט איז דערקראַנקונג.

אויב מ'זאָל אונטערזוכן די אורין פון נײַ געבוירענעם בנוגע ווײַסל, געפינט מען אין די ערשטע טעג אַ קלײנעם סכום ווײַסל. נאָר דאָס איז ניט קיין קראַנקייט, נייערט אַן איבערגייענדיקער צושטאַנד פון די נירן. עס קומט פאָר אַ צײַטווײַליקער פאַרהאַלט אין זייער טעטיקייט.

די פאַרדייונג.

די פאַרדײַונג פון שפּײַז אין מענטשלעכן אָרגאַניזם ווערט מיגלעך אַ דאַנק דעם, וואָס אין אים געפינען זיך אַײַן געוויסע שטאָפן, וואָס קאָנען איבער די באַשטאַנדטײלן פון די שפּײַז. די דאָזיקע שטאָפן רופן זיך אָן „פערמענטן".

פונקט אַזוי פאַרדײַט דער נײַ געבוירענער די שפּײַז, וואָס די נאַטור האָט פאַר אים באַשטימט, — די פרויענמילך. די פרויענמילך אַנטהאַלט אין זיך ווײַסל, פעטס און קויל־הידראַטן. די נייטיקע פערמענטן אויף איבערצוקאָכן ווײַסל, פעטס און קוילן־הידראַטן פאַרמאָגט שוין דאָס נײַ געבוירענע קינד.

אַז די מילך איז איבערגעאַרבעט, פאַרדײַט, איז נייטיק, אַז זי זאָל אין איבערגעאַרבעטן צושטאַנד זיך אַרײַנזאַפּן אין בלוט. די דאָזיקע אַרבעט נעמען אויף זיך די געדערעס. זיי זויגן אַרײַן אין זיך די באַשטאַנדטײלן פון ווײַסל,

קוילן=הידראַטן און פעטס, וואָס זײַנען נײטיק פאַרן לעבן, און גיבן זיי איבער אין בלוט. מען האַלט, אַז די דאָזיקע פעיִקייט פון די געדערעם אַרײַנצוזאַפּן שפּײַז איז בײַם נײַ געבוירענעם נישט ווייניקער שטאַרק אַנטוויקלט ווי בײַם דערוואַקסענעם מענטשן.

דער שטולגאַנג.

דער שטול בײַם נײַ געבוירענעם איז אין די ערשטע טעג אַ טונקל גרינע קלעפּיקע מאַסע, וואָס רופט זיך מעקאָניום (קינדער=פּעך), אין סכום פון 60—90 גראַם. דער מעקאָניום בילדעט זיך שוין אָנהייבנדיק פון פערטן חודש פונעם לעבן אין דער מוטערטראַכט. ס'טרעפן זיך קאָמפּליקאַציעס בײַ דער געבורט, ווען דער מעקאָניום מישט זיך צו צו די פרוכטוואַסער און באַפאַרבט זיי אין אַ גרינעם קאָליר. די אַזוי גערופענע גרינע וואַסער ווײַזט אָן אויף אַ סכנה פאַרן קינד. דער קאָליר פונעם מעקאָניום הענגט אָפּ פון די פאַרבנדיקע שטאָפן, וואָס דעם קינדס לעבער טיילט אַרויס פון זיך שוין אין מוטערטראַכט.

מיקראָסקאָפּיש באַשטייט דער מעקאָניום פון גרויסע פלאַכע קעמערלעך, פון דער שלײַמהײַטל פון מויל, פון די פרוכטפעטס און פון פעטס=טראָפּנס.

די עקסקרעמענטן פון נײַ געבוירענעם פאַרלירן בהדרגה די אייגנשאַפטן פון מעקאָניום און הייבן אָן אויסצוזען ווי דער אַזוי גערופענער מילך=שטול, וואָס האָט אַ געלן קאָליר און אַ קלעפּיקע קאָנסיסטענץ. דערבײַ באַקומט זיך אַ ספּעציפישער זויערער ריח, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַרן מילך=שטול.

דאָס קינד קומט אויף דער וועלט אָן וואַסערנישט איז באַקטעריעס אין זײַנע געדערעם. נאָר שוין אין די ערשטע שעהן פון זײַן לעבן דרינגען אין זײַנע געדערעם אַרײַן באַצילן. די באַצילן קומען אַרײַן דורך דער אַנאַלער עפענונג, דורכן מויל, דורך דער מוטערס ברוסט. הגם מען קאָן נישט לייקענען, אַז אויך דורך דער לופט און דורך די וואַנע=וואַסער ווערן פאַרטראָגן באַקטעריעס, נאָר זיי שפּילן אַ קלענערע ראָל.

דאָס בלוט.

דאָס בלוט פון נײַ געבוירענעם שיידט זיך שטאַרק אונטער פון בלוט בײַם קינד אין שפּעטערדיקן עלטער. די פאַרבנדיקע שטאָף פון בלוט, וואָס מיר רופן העמאָגלאָבין און וואָס איז דער טרעגער פון זויערשטאָף, איז בײַם נײַ געבוירענעם פאַראַן זייער פיל, דערגייט ביז 104—140 פּראָצענט.

די רויטע בלוט=קערפּערלעך זײַנען פאַראַן אין אַ גרעסערן סכום. אויב נאָרמאַל געפינען זיי זיך אײַן אין 1 קובישן צענטימעטער ביז 5 מיליאָן,

זײַנען זײ בײַם נײַ געבוירענעם פאַראַן 6—7 מיליאָן. נאָר בהדרגה פאַלט די דאָזיקע צאָל. וואָס שײַך די ווײַסע בלוט-קערפּערלעך (די לײקאָציטן), זײַנען זײ אױך פאַראַן אין אַ באַטײַטנדיק גרעסערער צאָל, כּמעט 18.000 אין אײן קוביש צענטימעטער.

די בלוט-צירקולאַציע און דאָס אָטעמען.

מיטן מאָמענט פון דער געבורט ווערט אָן די בלוט-צירקולאַציע די באַזונדערקײטן, וואָס זי האָט געהאַט אין מוטערטראַכט. די צאָל האַרצקלעפּ בײַם נײַ געבוירענעם האַלט זיך בײַ 100—120 אין אַ מינוט. די האַרץ פון נײַ געבוירענעם איז אַ ביסל פאַרברײטערט צו לינקס. אין כּלל ווערט זי גרינג אױפגערײצט. דאָס קינד דאַרף נאָר זיך אױפרעקן צוליב אַ וואַסער נײט איז אױסערלעכער רײצונג, און די צאָל האַרצקלעפּ הײבט זיך אָן צו פאַרגרעסערן. דאָס אָטעמען בײַם נײַ געבוירענעם האָט אױך זײַנע באַזונדערקײטן. די אָפטקײט איז 40—44 אין אַ מינוט. דאָס אָטעמען איז זײער אױבערפלעכ-לעך, ערשט ביסלעכווײַז ווערט עס טיפער. בשעתן שרײַען אָדער בײַ אַן אױפ-רעקונג רײַסט דאָס אָטעמען זיך איבער אין קלײנע הפסקות.

די טעמפּעראַטור.

אין פּרט פון טעמפּעראַטור איז דער נײַ געבוירענער נײט באַשטענדיק, מחמת ער געפינט זיך אײַן אין אַ גרויסער אָפּהענגיקײט פון דער אַרומיקער טעמפּעראַטור. תּיכּף נאָך דער געבורט איז די טעמפּעראַטור בײַם נײַ געבוירענעם אַ ביסל געהעכערט, זי איז 37,6—38,2, די טעמפּעראַטור בײַם קינד מעסט מען אַרײַנשטעלנדיק דעם טערמאָמעטער אין דער אַנאַלער עפענונג. דער שפּיץ פון טערמאָמעטער מוז פריַ זײַן פון באַקטעריעס און לכתחילה אײַנגעשמירט מיט סטערילע וואַזעלין. דאָס קינד לײגט מען אַוועק אױפן רוקן און מע הײבט אױף זײַנע פיסלעך, אָדער מע לײגט אים אַוועק אױף דער לינקער זײַט און זײַנע פיסלעך ציט מען צו צום בויך.

במשך פון די ערשטע 24 שעה נאָך דער געבורט דערנענטערט זיך די קערפּער-טעמפּעראַטור צו דער נאָרם. פונדעסטוועגן מוז מען דאָס קינד ווי געהעריק איז היטן, אַז עס זאָל נײט פאַרלירן קײן וואַרעמקײט, דער עיקר פון אַ קאַלטן צימער מיט פײַכטע לופט. דעם קינדס וועש מוז זײַן טרוקן, נאַסע ווינדלעך מוזן תּיכּף איבערגעביטן ווערן, ווײַל דאָס קינד איז זײער פּי-נלעוודיק בנוגע אַן אָנווער פון וואַרעמקײט. ס'איז דאָך באַוווּסט, אַז נאַסע קלײ-דער נעמען צו וואַרעמקײט אױך בײַם דערוואַקסענעם. דעם נײַ געבוירענעם קומט אָפּטמאָל אױס אַרומצולײגן מיט וואַרעמע פלעשער, בכדי אים צוצושטעלן וואַ-רעמקײט פון אױסן.

די הויט.

די הויט בײַם נײַ געבוירענעם האָט איר אייגנאַרטיקן רויטלעך ראָזן קאָליר׳ זי איז באַדעקט, דער עיקר אויפֿן רוקן, מיט די פֿרוכטפֿעטס. די פֿעטס ווערט טיילווײַז אַראָפּגעוואַשן אין דער וואַנע. נאָר אָפֿט איז זי אַזוי געדיכט, אַז מען מוז אָנקומען צו אַ וואַסער ניט איז אייל, כּדי זי צו באַזײַטיקן. בעסער פֿון אַלץ איז ריינע פּראָוואַנסער אייל. אויב ס׳איז אונטערן האַנט ניטאָ פֿאַראַן קיין אייל, איז ניט אומבאַדינגט נייטיק זי אַראָפּצורײַבן, זי גייט אויפֿן אַנדערן טאָג פֿון זיך אַליין אַראָפּ. בײַ אַ טייל קינדער, אַן ערך בײַ 15%, באַקומט די הויט אַ געלע באַפֿאַרבונג. מיר זאָגן, אַז דאָס קינד האָט געלזוכט. וועגן די סיבות פֿון דער געלזוכט בײַ נײַ געבוירענע זײַנען פֿאַראַן פֿאַרשיידענע מיינונגען, די געלזוכט דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס ניט נאָר די הויט, נאָר אויך די ווײַסלעך פֿון די אויגן און די שלײַמהײַטל אין מויל ווערן געל. די באַפֿאַרבונג קאָן זײַן פֿאַרשיידן אינטענסיוו: שטאַרקער געל און ווייניקער געל. דערבײַ בלײַבן אָבער דער שטול און די אורין אָן פֿאַרענדערונגען, אין דער צײַט ווען בײַ געלזוכט פֿון אַ דערוואַקסענעם באַקומט די אורין אַ בירפֿאַרב און דער שטול ווערט אָנפֿאַרביק. אָן פֿאַרענדערונגען פֿאַרבלײַבן אויך בײַ דעם נײַ געבוירענעם די אינעווייניקסטע אָרגאַנען.

די געלזוכט בײַם נײַ געבוירענעם נייטיקט זיך ניט אין אַ באַזונדערער קוראַציע. דאָס איינציקע נוצלעכע איז—פֿאַרקלענערן דעם סכום שפּײַז און פֿאַרבײַטן איין מאָל אין טאָג דאָס זייגן מיט שוואַכע טיי, פֿאַרזיסט מיט אַן אײַן פּראָצענטיקער צעלאָזונג פֿון סאַכאַרין.

דער נאָפּל.

דער נאָפּל פֿון נײַ געבוירענעם מוז אויפֿגעפּאַסט ווערן. דערבײַ שיידן מיר אונטער 3 מאָמענטן: ערשטנס, דאָס דורכשנײַדן די נאָפּלשנור, צווייטנס, די אויפֿפּאַסונג פֿון איבערגעבליבענעם טייל נאָפּלשנור, דריטנס, די אויפֿפּאַסונג פֿון דער וווּנד נאָכן אַראָפּפֿאַלן פֿון דער נאָפּלשנור.

אין אַלע די פֿעריאָדן איז דער עיקר אַבסאָלוטע אַסעפּטיק. נאָר אַ דאַנק אַסעפּטיק זײַנען בײַ הײַנטיקן טאָג פֿאַרשוווּנדן די אַלע סכּנות, וואָס דאָס קינד האָט אויסצושטיין מצד דעם נאָפּל, ווי אין דער פֿאָרם פֿון אַן אָרטיקער נאָפּל-אָנצינדונג, אַזוי אויך אין דער פֿאָרם פֿון אַן אַלגעמיינער בלוט-פֿאַרגיפֿטונג, וואָס קאָן אַנטשטיין בײַ דערקראַנקונגען פֿון נאָפּל.

דורכשנײַדן די נאָפּלשנור מוז מען מיט דעזינפֿעצירטע הענט און אינסטרו-מענטן און מיט סטערילן מאַטעריאַל. אויף דער נאָפּלשנור ווערן אַרויפֿגע-לייגט צוויי ליגאַטורן פֿון אַ שמאָלער סטעריליזירטער בענדל. איין ליגאַטור ווערט אַרומגעבונדן אויף אַן אָפּשטאַנד פֿון 2—3 צענטימעטער פֿון נאָפּל, די

צווייטע — 4 צענטימעטער ווייטער פון דער ערשטער, צווישן די צוויי ליגאטורן ווערט די נאָפּלשנור דורכגעשניטן מיט א סטערילער שער. די ליגאטורן מוזן זיין פעסט צוגעפעסטיגט, זיי זאָלן ניט אראָפּפאַלן און ניט ארויסרופן קיין בלוטונגען ביים איבערבלייב פון דער נאָפּלשנור

ווען זאָל מען די נאָפּלשנור דורכשניידן? צי תיכף נאָך דער געבורט אָדער אָפּווארטן ביז די פולסירונגען אין דער נאָפּלשנור וועלן אויפהערן?

דאָס איז גאָר גלייך, זאָלן נאָר דאָס ארומבינדן און דאָס דורכשניידן געמאכט ווערן בהסכם מיט די פאָדערונגען פון אסעפּטיק. נאָכן דורכשניידן לייגט מען ארויף אויפן נאָפּל א שטיק סטערילע מארלע און די בויך בינדט מען ארום מיט א סטערילן בינד. ווייטער מוז מען אלע טאָג דעם בינד אראָפּנעמען און ביימן די מארלע. דערביי ווערט די הויט ארום נאָפּל אָפּגעריבן מיט ספּירט. דעם רעשט פון דער נאָפּלשנור באשיט מען מיט דערמאטאָל און דאַן לייגט מען צוריק ארויף דעם פארבאַנד. קלאָר, אז ביים איבערבינדן מוזן די הענט יעדער מאָל דעזינפעצירט ווערן.

די נאָפּלשנור ווערט ביסלעכווייז במשך פון 6—7 טעג פארטריקנט און פאַלט אראָפּ. עס פארבלייבט א קליינע ווונד, וואָס פאָדערט נאָך במשך פון 1 וואָך לפי ערך, אז מ'זאָל זי אלע טאָג איבערבינדן, בכדי זי צו פארהיטן פון אומריינקייטן. אזוי ווי דאָס אראָפּפאַלן פון דער נאָפּלשנור קומט פאָר דער עיקר א דאַנק דעם פּראָצעס פון פ א ר ט ר י ק נ ע ן, איז פארשטענדלעך דערפאַר, אז אלץ וואָס שטערט דעם פארטריקענען, מוז מען אויסמיידן. אויב דער בינד ווערט נאַס פון אורין, מוז מען אים תיכף פארביימן מיט א טרוקענעם. וואָס שייך וואַנעס, ווערן זיי היינט ניט געמאכט מער אלע טאָג, מחמת זיי העלפן אין גאַנצן ניט מיט דעם פּראָצעס פון אראָפּפאַלן. אין קליניקן, ווו ס'וואָלט אויסגעקומען צו באָדן א סך קינדער, זיינען וואַנעס ניט באקוועם און פארבונדן מיט פארשיידענע צופעליקייטן. דערפאַר האַלטן מיר זיך איצט ביים כלל — קינדער ביזן אראָפּפאַלן פון דער נאָפּלשנור ניט צו באָדן.

ס'טרעפט, אז נאָכן אראָפּפאַלן פון דער נאָפּלשנור בלייבט א קליינע ווונד, וואָס טיילט ארויס א סעקרעט. דאַן נייטיקט זיין די ווונד אין א ווייטערדיקן היילן. אלע טאָג וואַשט מען זי ארום מיט א 3 פּראָצענטיקער צעלאָזונג פון וואַסערשטאָף-היפּעראָקסיד אָדער מע ברענט זי מיט לאַפּיס, מע באשיט מיט דערמאטאָל און מע פארבינדט זי אויף א סטערילן אופן.

די ברוסטדריזן.

די ברוסטדריזן ביים ניי געבוירענעם האָבן נאָך דער געבורט די גרייס פון א ניט גרויסן קערנדל. אין משך פון 3—4 טעג באקומען זיי די גרייס פון אן ארבעסל.

ניט זעלטן ווערן די ברוסטדריזן אנגעשוואָלן ענלעך צו פרויענברוסטן,

דערבײַ קאָנען די. ברוסטדריזן אַרויסטײַלן אַ סעקרעט, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען „מכשפה־מילך". פריִער האָט מען געהאַלטן, אַז די דאָזיקע „מילך" מוז מען אַרויסקוועטשן און די אָנגעשוואָלנקייט וועט דאַן פאַרשווינדן. נאָר דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ טעות. פאַרקערט, וואָס מער מען דריקט אַזאַ געשוואָלענע דריז, רק גרעסער ווערט זי. דאָס קוועטשן קאָן אפילו אָפּט ווערן די סיבה פאַר אַ פאַראײַטערונג פון די ברוסטדריזן. דאַן קומט אויס די ברוסט אויפצושנײַדן, און אַזאַ פאַראײַטערטע דריז לאָזט איבער בײַם קינד אויף אייביק קאַרבן און איז ניט בכוח אין דער צוקונפט זיך צו אַנטוויקלען. קלאָר, אַז בײַ קינדער פון ווײַבלעכן מין קאָן אַזאַ אומנאָרמאַלע אַנטוויקלונג פון די ברוסטדריזן שפּילן אַ גרויסע ראָל אין זייער ווײַטערדיקן לעבן.

דערפאַר טאָר מען די אָנגעשוואָלענע ברוסטדריזן בכלל ניט רירן און ניט אָנווענדן קיין שום היילמיטלען. דאָס איינציקע, וואָס ווערט נאָך דערלויבט, איז — באַדעקן זיי מיט וואַטע אָדער צולייגן אַ וואַרעמען קאָמפּרעס פון באָרוואַסער.

די נערוון, די חושים און די פּסיכיק.

די נערװן־סיסטעם בײַם נײַ געבוירענעם פאַרמאָגט נאָך ניט אין אַלגעמיין איר פולע אַרבעט־פעיִקייט. וואָס שײַך דער ראיה, קאָן דער נײַ געבוירענער נאָך ניט זען, ער איז בכוח מערניט אונטערשיידן ליכט און פינצטערקייט. אין די ערשטע טעג מערקט מען, אַז איין אויג קוקט רעכטס, די אַנדערע לינקס. די מוטערס האָבן דערבײַ מורא, אַז דאָס קינד זאָל ניט זײַן שיקלדיק. די דאָזיקע „שיקלדיקייט" קאָן אָנהאַלטן בײַ קינדער לאַנג, כמעט ביז צוויי חדשים. די סיבה דערפון איז וואָס דאָס קינד איז ניט בכוח צו רעגולירן די באַוועגונגען פון זײַנע אויגן. די דאָזיקע פעיִקייט באַקומט דאָס קינד ביסלעכווײַז.

געוויינלעך האַלט דער נײַ געבוירענער די אויגן פאַרמאַכט. דער שוואַרצאַפּל פון אויג פאַרשמעלערט זיך פון שטאַרקע ליכט פונקט ווי בײַם דערוואַקסענעם מע דאַרף זיך ניט שרעקן, אַז ליכט קאָן פאַרשאַטן דעם קינדס אויגן. פון דער געוויינונג פינצטער צו מאַכן אין צימער אָדער צו פאַרדעקן די בעטל פון ליכט מוז מען זיך אָפּזאָגן.

אָפט קומט אויס צו ענטפערן דער יונגער מוטער אויף איר פראַגע, וואָסערע אויגן ס'האָט איר קינד. אויף דער פראַגע קאָן מען שטענדיק ענטפערן: „בלויע אויגן", מחמת אַלע נײַ געבוירענע קינדער זײַנען בלויאויגיק. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס אין דער רעגנבויגן־הײַטל פון אויג פעלט בײַ זיי דער פיגמענט.

נאָך ווייניקער ווי די ראיה פונקציאָנירט בײַם נײַ געבוירענעם דער חוש־השמיעה. דאָס קינד איז נאָך דער געבורט אין גאַנצן טויב, ווײַל דער הער־

אפאראט האט זיך נאך ניט איינגעשטעלט. דערפאר מעג מען אין דעם צימער, ווו דער ניי געבוירענער שלאפט, גאנץ רויק הויך ריידן, און דאס שושקענען זיך ווי אויך די מורא, מ'זאל דאס קינד ניט אויפוועקן, זיינען לחלוטין איבעריק.

להיפוך צו די דערמאנטע חושים איז דער חוש־הטעם שוין פרי און גוט אנטוויקלט. דער ניי געבוירענער פארמאגט טעם־שפירונגען און קאן ריכטיק אונטערשיידן זיסע פון ביטערע און געזאלצענע. מען דארף נאר איינשמירן דעם קינדס ליפן מיט א וואסער ניט איז זיסקייט, און ער הייבט אן ענערגיש צו זויגן, אין דער צייט ווען פון ביטערניש, געזאלצנס און זויערס באקומען זיך אויף זיין פנים גרימאסן און ער הייבט אן צו שרייען.

דער חוש־הריח איז ביים קינד גענוג גוט אנטוויקלט. דער ניי געבוירענער פארמאגט די פעיקייט אונטערצושיידן ריחות. א באווייז איז, אז דאס קינד זאגט זיך אפ צו זויגן די ברוסט, אויב מע שמירט זי איין מיט עפעס, וואס האט א שלעכטן ריח.

ביים קינד איז אויך אנטוויקלט דער חוש־המישוש. מיטן אנרירן אים קאן מען ארויסרופן דעם געהעריקן רעפלעקס. אויב מ'זאל למשל דעם קינד אריינלייגן א פינגער אין מויל, הייבט ער אן צו זויגן. אויב מ'זאל אים געבן א פינגער אין האנט, כאפט ער אים אן און האלט אים רעכט פעסט. ביים צערייצן די שליים־הייטל פון נאז קאן מען ארויסרופן דעם געהעריקן רעפלעקס: ניסן און צונויפקארטשען דעם שטערן. אויף שטארקע רייצונגען, ווי א קלאפ, ענטפערט דאס קינד מיט שרייען. אין די ערשטע טעג שרייט ניט דאס קינד גלייך דערויף, נאר עס געדויערט א פאר סעקונדעס. אין א וואך — צוויי ארום קומט דער געשריי שטארקער און גיכער.

אויך די רייצונגען פון די אינעווייניקסטע ארגאנען רופן ארויס די גע־העריקע שפירונגען. למשל א שטעכן אין די געדערעם שפירט דאס קינד גאנץ בולט און רעאגירט אויף דעם דורכן שרייען. בכלל אבער מוז מען זאגן, אז ווייטיקן פילט דער ניי געבוירענער באטייטנדיק שוואכער, ווי אין שפעטערדיקן עלטער. דערמיט באנוצט מען זיך ביים מאכן קלענערע אפעראציעס ביים ניי געבוירענעם אן דער מורא ארויסצורופן ביי אים א שטארקע נערוון־צערייצונג. דעם ברית טראגן די יינגלעך אריבער רעכט גרינג צוליב דעם, וואס דער געפיל פון ווייטיקן איז נאך פארטעמפט.

דער געפיל פאר טעמפעראטור איז ביים ניי געבוירע־נעם שטארק אויסגעשפראכן. שוין ביי דער ערשטער וואנע קאן מען באמערקן, ווי דאס קינד רעאגירט דורך א פארשטארקטן אטעמען און דורכן שרייען. דערפאר ווענדט מען טאקע אן אווארעמע וואנע פאר קינדער, וואס אטעמען שוואך נאך דער געבורט. א ווארעמע וואנע איז פאר קינדער אין עלטער פון עטלעכע טעג אויסגעשפראכן אנגענעם. אז דאס קינד ליגט נאס, דער עיקר אויב אים ווערט דערפון קאלט, ווערט אים אומאנגענעם, וואס ער דריקט אויס דורך אן אומרויקייט און געשרייען.

II. די נאַרונג.

אין די ערשטע 18—24 שעה נייטיקט זיך נים דער נײַ געבוירענער אין שפּײַז. ער האָט באַקומען פון דער מוטער אַ געוויסן אָנגרייט און ער שלאָפט אָפּ מער אָדער ווייניקער רויִק דעם ערשטן מעת-לעת. אויב מ'זאָל דעם ערשטן טאָג נאָך דער געבורט צוליייגן דאָס קינד צו דער מוטערס ברוסט, באַקומט ער נאָך נים קיין ריכטיקע מילך. די פליסיקייט, וואָס ער קאָן דאַן אַרויסזויגן, רופט מען אָן פאָרמילך און זי שיידט זיך אונטער פון ריכטיקע מילך הן מיט איר אויסזען, הן מיט איר כעמישן באַשטאַנד.

די פאָרמילך האָט אַ געלן קאָליר, באַזונדערס די ערשטע טעג. דער געלער קאָליר נעמט זיך פון אַ ספּעציעלן געלן קערפּערל, וואָס געהערט זיך אָן צו פעטס. אַז מען באַטראַכט פאָרמילך אונטערן מיקראָסקאָפּ, געפינט מען דערין די אַזוי גערופענע פאָרמילך-קערפּערלעך, וואָס זײַנען נים עפּעס אַנדערש ווי ווײַסע בלוטקערפּערלעך (לייקאָציטן), וואָס האָבן געגומען אויף זיך די עובדא אַרויסצוברענגען פעטס פון דער ברוסט. בכן זײַנען די פאָרמילך-קערפּערלעך לייקאָציטן, אָנגעפילטע מיט פעטס.

צום סוף פון דער ערשטער וואָך פאַרשווינדן די פאָרמילך-קערפּערלעך און די ברוסטן הייבן אָן אַרויסצוגעבן ריכטיקע מילך.

די פאָרמילך שיידט זיך כעמיש אונטער פון מילך דערמיט, וואָס די פאָרמילך אַנטהאַלט מער ווײַסל און ווייניקער מילך-צוקער. נאָר די פאָרמילך איז פאַרן קינד נוצלעך און איז דער נאַטירלעכער איבערגאַנג צו דער אויס-בילדונג פון „פאַרטיקע מילך".

פ א ר וו א ס ג י ט ד י ב ר ו ס ט מ י ל ך ? די סיבות פאַר דער אויסבילדונג פון מילך (לאַקטאַציע) זעען מיר אײַן דער עיקר אין דעם, וואָס נאָך דער געבורט קומט פאָר אַ פאַרשטאַרקטער בלוט-צופלוס צו די ברוסטן. חוץ דעם אַרבעטן זיך אויס אין ווײַבלעכן אָרגאַניזם ספּעציעלע שטאָפן, וואָס ווירקן מיט בײַם דאָזיקן פּראָצעס. די דאָזיקע שטאָפן געפינען זיך שוין אײַן אין אַ קליינעם סכום אין בלוט בעת דער שוואַנגערשאַפט. זיי זײַנען גורם דערצו, אַז די ברוסטדריזן זאָלן זיך פאַרגרעסערן. די דאָזיקע ספּעציעלע שטאָפן, האַלט מען, שטאַמען פון אייערנעסט, פון אָרט (פון דער פלאַצענטע) און אויך פון דער פרוכט גופא.

דאָס זויגן.

דעם ערשטן טאָג טיילט זיך אויס אַ נישטיקער סכום מילך, נאָר מיטן זויגן פון קינד קוועלט זיך אָן אין די ברוסטן מער מילך. אויפן 2טן—3טן טאָג ווערן די ברוסטן אַזוי אָנגעשטרענגט, אַז די פרוי פילט אַ נים אָנגענעמע

אָנגעצווּנגקייט אַזש ביז די פּאָכוועס, ווו ס'קאָנען אויך זײַן פאַרגרעסערט דערבײַ די לימפאַטישע דריזן. נאָר די דאָזיקע אָנגעצווּנגקייט גייט פאַרבײַ במשך פון 1—2 טעג אָן יעטווידער קוראַציע, ס'טרעפט, אַז די ברוסטן קוועלן אָן גלײַך מיט אַ מאָל, נאָר דאָס קומט פאָר זעלטענער. אין פּרט פון געבן מילך זײַנען די ברוסטן פאַרשיידן. מ'קאָן זיי אײַנטיילן אין אַזוינע, וואָס גיבן גרינג מילך, און אַזוינע, וואָס גיבן שווער. דער סכום מילך אין די ברוסטן קאָן דערבײַ זײַן אַ גענוגנדיקער, נאָר די ברוסטן גיבן די מילך שווער אַרויס. אורטיילן וועגן דער אָנגעפילטקייט פון דער ברוסט מיט מילך קאָן מען ניט דורכן אָפּטאַפּן אָדער דורכן אויסדריקן זי. דאָ איז מאַסגיביק נאָר דאָס זויגן פון קינד. דאָס קינד קאָן אַרויסזויגן פון דער ברוסט דעם נייטיקן סכום מילך, אין דער צײַט ווען ס'קאָן זיך אויסדרוקן, אַז אין איר איז פאַראַן ווייניק מילך. דער אַקט פון זויגן קומט פאָר דער עיקר אַ דאַנק דער מוסקולאַטור, וואָס באַוועגט דעם אונטערשטן קינבאַק.

ביי אַ דערוואַקסענעם נעמט אָנטייל בײַם זויגן נאָר דער פרײַ באַוועגלע־כער טייל פון צונג, בעת בײַם נײַ געבוירענעם באַטייליקט זיך דער גאַנצער צונג בײַ די באַוועגונגען פון אונטערשטן קינבאַק. בײַם זויגן ווערט אַרומגענומען דער גאַנצער וואָרצל, דערבײַ קומט פאָר אַן אויסגלײַכונג (ערעקציע), אַ פאַר־לענגערונג און אַ פאַרדינערונג פון אים. אין קינדס מויל אַנטשטייט אַ נעגאַ־טיווער דרוק, וואָס העלפט מיט בײַם אַרויסבאַקומען מילך.

די טעכניק פון זייגן.

כּדי דאָס זייגן זאָל האָבן דעם געהעריקן דערפאָלג, מוז מען שוין בעת דער שוואַנגערשאַפט אויף אַ געוויסן אופן צוגרייטן די ברוסטן. מע מוז אָנווענדן פאַרשיידענע מיטלען, וואָס מאַכן די הויט פון די וואָרצלען עלאַסטישער, כּדי זי צו פאַרהיטן שפּעטער פון שפּאַלטן זיך. דאָס פאַרהאַרטעווען די ברוסטן דערגרייכט מען דורך אַלעטאָגיקע אָפּוואַשונגען מיט קאַלטע וואַסער, דורך אָפּרײַבונגען מיט אַ גראָבן האַנטעך און דורכן אײַנרײַבן די וואָרצלען אַלע טאָג מיט אַ געמיש פון ספּירט און גליצערין. ריינער ספּירט ווערט ניט רעקאָמענדירט, מחמת די הויט ווערט דערפון צו האַרט. אויך דאָס מאַסירן מיט כּלערליי בערשטלעך ברענגט ווייניק נוצן, אַמאָל אַפילו שאָדן.

דער עיקר מוז מען לייגן אַכט אויף דער נאַרונג פון דער מוטער. די נאַרונג מוז זײַן גוט ווי אין דער צײַט פון דער שוואַנגערשאַפט, אַזוי אויך נאָך דער געבורט. דערבײַ דאַרף מען ניט אַריבערכאַפּן די מאָס. די קוואַליטעט פון דער שפּײַז שפּילט ניט קיין ראָל, די שפּײַז מוז נאָר זײַן היגיעניש. זויערע שפּײַזן רופן זיך לחלוטין ניט אָפּ אויפן באַשטאַנד פון די מילך. אָפטמאָל קומט אויס אין דער צײַט פון זייגן אײַנצונעמען רפואות. מע קאָן ניט לייקענען, אַז אַ טייל רפואות גייען אַריבער אין די מילך, למשל: יאָד, סאַליציל, עטער,

אנטיפירין, אספירין, ארסעניק, בראָם און כלאָראָפאָרם. באַזונדערס פּילעווריק זײַנען קינדער צו מאָרפיום, וואָס גייט אַריבער אין די מילך און קאָן שעדלעך ווירקן אויפן זויגקינד, אין דער צײַט ווען אויף דער פּרוכט אין מוטערטראַכט ווירקט מאָרפיום כמעט אין גאַנצן ניט.

בײַם זייגן אין די ערשטע טעג נאָך דער געבורט מוז די מוטער זיך אַוועקלייגן אויף אַ זײַט. דאָס קינד ווערט אַוועקגעלייגט פּאַראַלעל צו דער מוטער, דערבײַ מוז זײַן קעפּל אויסקומען אויף דער הייך פון דער ברוסט. דער וואָרצל מוז אויסקומען פּונקט אַנטקעגן קינדס מויל. מע מוז אויפּפּאַסן, אַז דעם קינדס נאָז זאָל ניט באַדעקט ווערן מיט דער ברוסט, אין אַזאַ פאַל קאָן דאָס קינד ניט זויגן. די מוטער נעמט אָן די ברוסט בײַם קרײַזל אַרום דעם וואָרצל מיטן צווייטן פינגער און גיט אַרײַן דעם וואָרצל דעם קינד אין מויל. בײַם ליגן אויף דער זײַט ווערט דער דאָזיקער מאַנעווער געמאַכט מיט דער האַנט, וואָס קומט אויס אַנטקעגן דער זײַט, אויף וועלכער מע ליגט, למשל בײַם ליגן אויף דער רעכטער זײַט ווערט די ברוסט אָנגענומען מיט דער לינקער האַנט און פאַרקערט. אין עטלעכע טעג אַרום, אַז די מוטער ווערט שטאַרקער און קאָן שוין זיצן אין בעט, נעמט זי אײַן אַ באַקוועמע לאַגע און זייגט דאָס קינד זיצנדיק.

דאָס ריייניקן די ברוסט.

פאַרן צולייגן דאָס קינד צו דער ברוסט איז אומבאַדינגט נייטיק, אַז די מוטער זאָל אָפּוואַשן מיט וואַסער און זייף, מיט אָדעקאָלאָן אָדער ספּירט אירע הענט. די ברוסט גופא, דאָס הייסט דעם אַרום פון וואָרצל, מוז מען אָפּוואַשן מיט באָר-זײַערס. באַזונדערס מוז מען אויפמערקזאַם מאַכן די מוטער, אַז זי זאָל אויסמײַדן צו באַרירן מיט אירע הענט די וועש. וואָס איז אויסגעשמירט מיט די אַרויסטיילונגען.

אַז די ברוסט הייבט אָן אָנצוקוועלן פון מילכצופלוס, איז זייער נוצלעך זי אויפצוהייבן מיט אַ האַנטעך אָדער מיטן לײַבל. באַשטײַנדיק פאַרגרינגערט דעם ניט אָנגענעמען געפיל בײַ דער אָנגעפילטער ברוסט אַ וואַרעמער קאָמפּרעס. אָפּצוצאַפּן די ברוסט ווערט אין אַזאַ פאַל ניט רעקאָמענדירט, מחמת פון אָפּצאַפּן ווערט דער מילכצופלוס נאָך שטאַרקער.

וואָס שײַך דעם קינדס מויל, מוז מען שטרענג פאַרווערן זי ווי ניט איז צו וואַשן אָדער אויסצורייניקן. מען מוז געדענקען, אַז די צאַרטע שלײַמהײַטל אין קינדס מויל קאָן לײַדן פון אַזאַ מין אויסרײַבן און קאָן גרינג פאַרוווּנדעט ווערן. די קליינע ווונדן קאָנען ווערן אַן אָרט פאַר אַן אינפעקציע און פירן צו דערקראַנקונגען פון מויל.

ווען זאָל מען צולייגן דאָס קינד צו דער ברוסט? אויף דערויף ענטפערן מיר, אַז די ערשטע 18—24 שעה נייטיקט

זיך דאָס קינד אַבסאָלוט ניט אין שפּײַז. געװײנלעך שלאָפט עס דאַן רויק. די מוטער נייטיקט זיך דאַן אויך אין אָפּרו, אויך אין די ברוסטן איז נאָך כּמעט גאָרנישט ניטאָ. פריִער איז געװען אָנגענומען צו געבן דעם קינד פאַרשײדענע מינים טײען. דאָס דאַרף מען אין גאַנצן אויפהערן, מחמת דאָס קינד נייטיקט זיך אין דעם לחלוטין ניט.

בכן װערט דאָס קינד צוגעלײגט צו דער ברוסט אין 24 שעה אַרום. זײגן דאָס קינד מוז מען אין באַשטימטע שעהן און אַ באַשטימטע צאָל מאָל אין טאָג. דעם קינדס מאָגן פאָדערט 3 שעה, כּדי לײדיק צו װערן. אַ נײַע פּאָרציע שפּײַז דאַרף מען אַרײַנגעבן ערשט דאַן, װען דער מאָגן האָט שוין איבערגעקאָכט און אויסגעלײדיקט זיך פון דער פריִערדיקער פּאָרציע. דערפאַר מוז מען קאָרמענען אַלע 3—4 שעה, בכל אופן ניט אָפטער. אין מעת־לעת קומט אויס 5 מאָל. אין דער נאַכט מוז מען דאָס קינד צוגעװוינען ניט צו עסן, זײַן מאָגן נייטיקט זיך אויך אין אַ גרעסערן משך צײַט אויף אָפּרו. אויך די מוטער מוז האָבן די מעגלעכקײט אין דער נאַכט זיך אויסצורוען. מע דאַרף מערנישט ענערגיש און באַװוסטזיניק דאָס דורכפירן, און דאָס קינד װאַרפט זיך גרינג אונטער דער דאָזיקער ערשטער דערציִונג זײַנער. יע, דאָס איז די ערשטע דערציִונג, װאָס דאָס קינד דאַרף באַקומען שוין אין די ערשטע שעהן פון זײַן לעבן, װי עס דריקט זיך אויס דער באַקאַנטער פּעדיאַטער טשערני (Czerny).

דאָס קינד באַנוגנט זיך געװײנלעך מיט אײן ברוסט. װען די ברוסט װערט אויף אַזאַ אופן גוט אויסגעלײדיקט, פונקציאָנירט זי דערנאָך בעסער און דער מילכצופלוס װערט שטאַרקער, דערפאַר איז ניט ריכטיק צוצולײגן דאָס קינד יעדער מאָל צו בײדע ברוסטן. בײַם קאָרמענען מיט אײן ברוסט באַװײַזט די אַנדערע זיך אויסצורוען, איר װאָרצל װערט ניט אַזױ אָפט גערײצט און ס'זײַנען פאַראַן מער שאַנסן, אַז עס װעלן זיך ניט שאַפן קײן שפּאַלטן אויף איר.

װי לאַנג זאָל מען בײַם זײגן האַלטן דאָס קינד בײַ דער ברוסט?

מען דאַרף געדענקען, אַז די נאַטור רעגולירט בעסער װי אַלע כּללים. מען דאַרף אָבער ריכטיק אָפּשאַצן, װי אַזױ די נאַטור איז אײַנגעשטעלט. דאָס קינד טרינקט אויס געװײנלעך דעם גרעסערן טײל פון זײַן פּאָרציע שוין אין די ערשטע 5 מינוט. די װײַטערדיקע 5 מינוט טרינקט עס פּאַמעלעכער און װײניקער. בכלל קען מען זאָגן, אַז האַלטן דאָס קינד בײַ דער ברוסט 10 מינוט איז פולקום גענוג. פאַרשטײט זיך, עס זײַנען פאַראַן קינדער, װאָס זױגן זיך אָן אין אַ קלענערן משך צײַט — אין 5—6—7 מינוט. זיך רעכענען דאַרף מען דערמיט, אַז דאָס קינד, בעת עס װערט זאַט, הײבט געװײנלעך אָן אײַנצושלאָפן און „פאַלט אַלײן אָפּ" פון דער ברוסט. צוליב זיכערקײט װעגן קומט אויס צו קאָנטראָלירן אויף דער װאָג, װיפיל דאָס קינד האָט געזויגן בײַ דער ברוסט. אויב עס זאָל אויף דער װאָג זיך אַרויסװײַזן, אַז דאָס קינד האָט באַקומען װײניקער

איידער עס דאַרף האָבן, קאָן מען אים האַלטן בײַ דער ברוסט לענגער פֿאַר 10 מינוט.

וויפֿיל מוז דאָס קינד באַקומען?

אין אַלגעמיין קאָן מען זאָגן, אַז אין די ערשטע טעג וועגט דאָס קינד ווייניק. ס'איז פֿעסטגעשטעלט, אַז במשך פֿון די ערשטע 10 טעג נייטיקט זיך עס אין 50 קאַלאָריעס אויף יעדער קילאָ פֿון זײַן וואָג. רעכענענדיק אַז 1 ליטער פֿרויענמילך גיט בײַ 722 קאַלאָריעס, איז אָנצונעמען, אַז דאָס קינד קאָן באַקומען פֿון דער מוטער דעם סכום מילך, וואָס אַנטשפּרעכט דער נייטיקער צאָל קאַלאָריעס.

אין דער פּראַקטיק דאַרף מען זיך רעכענען מיט דער טאַבעלע, וואָס עס האָט אײַנגעשטעלט פֿינקעלשטיין און וואָס גיט פֿאָלגנדיקע פֿאָרמל: דער סכום נייטיקע מילך איז גלײַך דער צאָל טעג, וואָס דאָס קינד איז אַלט, ווייניקער איינע, געכפּלט אויף 70 ביז 80. למשל, אויפֿן פֿינפֿטן טאָג דאַרף דאָס קינד באַקומען:

70x(1—5) אָדער 80x(1—5), ד"ה פֿון 280 ביז 320 גראַם.

במשך פֿון טאָג וועט די פּאָרציע מילך זײַן פֿאַרשיידן. אין דער פֿרי טרינקט דאָס קינד ס'רוב א גרעסערן סכום, בײַ די ווײַטערדיקע מאָלן קאָן דער סכום זײַן אַ מאָל מער, אַ מאָל ווייניקער.

ס'איז געוווּנטשן דאָס קינד צוצוגעוווינען צו באַשטימטע שעהן: 6—5 אַ זייגער אין דער פֿרי, 10 בײַ טאָג, 2 בײַ טאָג, 6 אין אָוונט, 10 אין אָוונט. מיט די דאָזיקע מאָל ריכטיק זייגן קאָן מען פֿולקום באַפֿרידיקן דעם קינד. אויב ס'זאָל זיך אַרויסווײַזן, אַז דאָס קינד באַקומט בײַ די 5 מאָל צו ווייניק מילך און נעמט ניט צו אין וואָג, קאָן מען די צאָל פֿאַרגרעסערן ביז 6, אָבער בשום אופֿן ניט אויף מער.

אורטיילן, צי דאָס קינד באַקומט גענוג שפּײַז, קאָן מען לויטן אויסזען פֿון זײַנע עקסקרעמענטן און לויט זײַן אַלגעמיינעם צושטאַנד, דער איינציקער זיכערער אופֿן אָבער צו קאָנטראָלירן איז וועגן אויף דער וואָג.

די עקסקרעמענטן האָבן נאָר אין 1טן און 2טן טאָג דעם אויסזען פֿון אַ גרינער, געדיכטער מאַסע, צוליב דעם צומיש פֿון מעקאָניום — קינדערפּעך. נאָר שוין אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך דער געבורט ווערן זיי בײַם ברוסטקינד גאָלדגעל און פֿון אַ קאַשע-ענלעכער קאָנסיסטענץ. זיי דאַרפֿן ניט אַנטהאַלטן אין זיך קיין שלײַמפּעדעס און טאָרן ניט זײַן גרין.

אין די ווײַטערדיקע וואָכן מוז אין דורכשניט דעם קינד צוקומען אין וואָג פֿון 150 ביז 200 גראַם אַ וואָך. עס מוז באַקומען אין מעת-לעת אַ סכום מילך, וואָס איז גלײַך איין זיבעטל ביז איין זעקסטל פֿון זײַן וואָג. אויב דאָס קינד וועגט צום בײַשפּיל 4200 גראַם, איז דער נייטיקער סכום מילך פֿאַר אים גלײַך:

4200 : 7 אָדער 6 : 4200, ד"ה פֿון 600 ביז 700 גראַם.

מעג מען דעם קינד געבן טיי אָדער וואַסער? אויף דער פֿראַגע ענטפֿערן מיר, אַז אין פֿאַל, ווען די מוטער האָט גענוג מילך, איז יעדער

„צונאָב" פֿון טיי לחלוטין איבעריק. נאָר אין די פֿאַלן, ווען די ברוסטן הייבן אָן אין די ערשטע טעג צו געבן שפּעט און ווייניק מילך, מעג מען דעם קינד געבן טיי פֿון אַ לעפֿעלע גלייך נאָכן זייגן. אין דער נאַכט מוז מען אויסמײַדן צו געבן טיי, כאָטש אַנדערע קינדער באַרויִקן זיך אין דער נאַכט, אַז מען גיט זיי עטלעכע לעפֿעלעך טיי אָדער וואַסער. ווי נאָר עס ווערט אַ געוווינונג, קאָן דאָס קינד שוין שווער זיך אָפּזאָגן פֿון זײַן באַנאַכטיקן „טיי", און דאָס איז תּמיד פֿאַרבונדן מיט שוועריקייטן פֿאַר דער מוטער, וואָס נייטיקט זיך אין רו.

שוועריקייטן ביים זויגן.

1) שוועריקייטן מצד דעם קינד.

עס זײַנען פֿאַראַן קינדער, וואָס זויגן שוואַך, כאָטש בײַ דער מוטער איז פֿאַראַן אַ גוט אַנטוויקלטע ברוסט מיט אַ גענוגנדיקן סכום מילך. אַזוינע קינדער טרעפֿן זיך ניט זעלטן. דאָס זײַנען ס'רוב ניט אין גאַנצן אויסגעטראָגענע קינדער מיט אַ קלענערער וואָג. הגם זיי זײַנען פֿולקום צוגעפּאַסט פֿאַרן לעבן מחוץ דער מוטערטראַכט און זײַנען פֿעיִק צו אַ ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג און צום וואַקסן, זויגן זיי פֿאָרט שלעכט. אַזוינע קינדער מוז מען אין די ערשטע טעג געבן אָפּגעצאַפּטע מילך פֿון דער ברוסט, בעסער פֿון אַ לעפֿעלע. אַזאַ אופֿן פֿון קאָרמענען קאָן, פֿאַרשטייט זיך, זיי ניט באַפֿרידיקן אין גאַנצן, זיי בלײַבן הונגעריק. נאָר הונגער—איז דער בעסטער אויפֿרייצמיטל צום זויגן. נאָך בעסער איז פֿריִער אָפּצוצאַפּן די מילך, צוצולייגן דאָס קינד צו דער ברוסט און דאַן ערשט אים געבן פֿון אַ לעפֿעלע. דאָס מוז מען טאָן, בכדי ניט אָפּצוגעוווינען אים אין גאַנצן פֿון זויגן.

ס'איז אויך פֿאַראַן אַ צווייטע גרופּע שלעכט זויגנדיקע קינדער, וואָס מע רופֿט „מורא-האָבנדיקע פֿאַר דער ברוסט". אַז מען לייגט צו אַזאַ קינד צו דער ברוסט, הייבט עס אָן צו שרײַען, קערט אָפּ די קעפּל, רײַסט דעם וואָרצל און קאָן ניט רויִק זויגן. אַזוינע קינדער מוז מען אַרײַנשפּריצן אין מויל אָדער אויפֿן באַק אַ שטראָם מילך און אויף אַזאַ אופֿן אויפֿרייצן בײַ זיי דעם אַפּעטיט. ס'איז קלאָר, אַז אַזוינע קינדער פֿאָדערן אַ סך געדולד און אויסגעהאַלטנקייט מצד דער מוטער. סוף כּל סוף געוווינען זיי זיך צו צו דער ברוסט.

אָבער ניט שטענדיק קאָן מען דאָס שלעכטע זויגן פֿאַרענטפֿערן מיט דער „מורא" פֿאַר דער ברוסט. אָפֿט קאָן די סיבה זײַן דערקראַנקונגען פֿון מויל אָדער אַ קאַטער. אין פֿאַל, ווען עס זײַנען פֿאַראַן שוועריקייטן בײַם זויגן, מוז מען אונטערזוכן בײַם קינד די מויל און די נאָז.

צווישן די שעדלעכע פֿאָרשטעלונגען וועגן דער סיבה פֿון שלעכטן זויגן איז פֿאַראַן אַ מיינונג, אַז אַ קורצער אָדער „צוגעוואַקסענער" צינגל שטערט דעם קינד בײַם זויגן. די דאָזיקע פֿאָרשטעלונג האָט ניט קיין שום שכלדיקע באַגרינדונג.

2) שווערקייטן מצד דער מוטער.

א) שלעכטע וואָרצלען.

אונטער שלעכטע וואָרצלען פאַרשטייען מיר קליינע אָדער אַרײַנגעצויגענע וואָרצלען. דער דאָזיקער חסרון איז אַ מיטגעבוירענער אָדער אַ רעזולטאַט פון אַ ניט געהעריקער אַנטוויקלונג. אין אַ באַשטימטער מאָס קאָן מען די וואָרצלען אויסבעסערן. דערצו מאַסירט מען זיי אין דער צײַט פון דער שוואַנגערשאַפט און מען ציט זיי פונאַנדער מיט דער הילף פון אַ מילכאָפּציִער. אויך שפּעטער קאָן מען פאַר יעדער מאָל זייגן אויסציִען די וואָרצלען מיט אַן אָפּציִער. ס'איז איבעריק אונטערצושטריכלען, אַז דער אָפּציִער מוז פאַרן באַנוצן געקאָכט ווערן און אָפּגעהיט ווערן ריין. האַלטן מוז מען אים אין אַ באַרצעלאַזונג.

ב) שפּאַלטן אין די וואָרצלען.

איינע פון די סיבות, וואָס פאַרשווערן דאָס זייגן, זײַנען שפּאַלטן אין די וואָרצלען. זיי פאַרשאַפן דער מוטער גרויסע ווייטיקן און אָפטמאָל בלוטיקן זיי אַפילו. אין אַזאַ פאַל שלינגט דאָס קינד אַראָפּ בײַם זויגן בלוט, וואָס עס קאָן זיך אָפּרופן אויף די עקסקרעמענטן. זיי קאָנען באַקומען אַ שוואַרצן קאָליר.

די שפּאַלטן לאָזן זיך שווער היילן, מחמת זיי באַווײַזן זיך נאָך ניט צו פאַרציִען, ציט זיי דאָס קינד בײַם קומענדיקן מאָל זייגן ווידער פונאַנדער. בײַ אַ געוויסער אויסגעהאַלטנקייט זײַנען די פרויען פאַרט גובר די דאָזיקע שאַרפע ווייטיקן, דער עיקר אין דער ערשטער סטאַדיע. מע דאַרף אָבער געדענקען, אַז די דאָזיקע שפּאַלטן זײַנען ווײַט ניט קיין גלײַכגילטיקע דערשײַנונג פאַר דער פרוי, ווײַל בײַ דער קלענסטער אומציכטיקייט קאָנען דורך זיי אַרײַנדרינגען אין דעם ברוסטגעוועב אייטער־באַקטעריעס און אַרויסרופן אַ ברוסט־אָנצינדונג. באַזונדערס מוזן די פרויען אויסמײַדן אָנצורירן מיט זייערע הענט די אַרויסטיילונגען, וואָס אין זיי געפינען זיך תּמיד אַלע פאַרשיידענע באַקטעריעס.

אויב די ווייטיקן צוליב די שפּאַלטן זײַנען ניט אַריבערצוטראָגן, מוז מען לאָזן צו רו די ברוסט מיט די שפּאַלטן און ניט זייגן מיט איר במשך פון 1—2 טעג. מען דאַרף ניט מורא האָבן, אַז די ברוסט וועט צוליב דעם אויפהערן צו געבן מילך, נאָר אויף אַ לענגערן טערמין טאָר מען די ברוסט ניט אָפּלאָזן, ווײַל די מילך ווערט צוגעשטאָנען און דאָס אַליין פאַר זיך איז שוין ניט אָנגענעם. חוץ דעם וועט דאָס קינד פון איין ברוסט ניט באַקומען גענוג מילך.

אויף צו היילן די שפּאַלטן ווערן פאַרגעליגט פאַרשיידענע מעדיקאַמענטן, זאַלבן, וואָס אַנטהאַלטן בינדנדיקע און דעזינפעצירנדיקע מיטלען. די אַלע זאַלבן מוז מען פאַרן זייגן אַראָפּוואַשן מיט געקאָכטע וואַסער, כּדי זיי זאָלן ניט אַרײַנקומען צום קינד אין מויל.

ג) שווערקייטן בײַ אַ פאַרהאַרטונג אָדער בײַ אַן אָנצינדונג פון דער ברוסט.

אַ ברוסט־פאַרהאַרטונג מערקט זיך אין די ערשטע טעג צוליבן מילכצופלוס. די פאַרהאַרטונג קאָן זײַן אויף אַזוי פיל באַטײַטנדיק, אַז דאָס קינד

זויגט מיט שווערקייטן. אין די פאלן איז נוציק אָפּצוצאַפּן די מילך, און דער אומאָנגענעמער געפיל, וואָס נעמט זיך פון דער אָנגעשטרענגטקייט פון די ברוסטן, ווערט א סך גרינגער. דערצו העלפן אויך וואַרעמע קאָמפּרעסן, וואָס דאַרפן צוגעלייגט ווערן אויף דער נאַכט. אזא פאַרהאַרטונג איז ניט פאַרבונדן מיט קיין שטײַגן פון דער טעמפּעראַטור און איז א גיך פאַרבײַגייענדיקע דערשײַנונג: אין א פּאָר טעג אַרום ווערט די ברוסט געוויינלעך ווייך, די מילך קומט אַרויס נאָרמאַל און דאָס קינד זויגט להבא אָן מניעות.

גאָר אַן אַנדער בילד באַקומען מיר בײַ א ברוסט-אָנצינדונג, בײַ דעם אזוי גערופענעם מאַסטיט. די ברוסט ווערט אָנגעשוואָלן, די הויט בײַ איר רויט, בײַם אָנרירן טוט זי שטאַרק וויי, עס שטײַגט די טעמפּעראַטור, אָפטמאָל הייבט עס אָן צו שוידערן. די פרוי פילט זיך דערבײַ צעבראָכן, האָט קאָפּווייטיק. אויב די קראַנקע ברוסט טוט שטאַרק וויי און בײַם צולייגן דאָס קינד צו איר פאַרשטאַרקן זיך די ווייטיקן, מוז מען די קראַנקע ברוסט לאָזן צו רו. מען קאָן אָפּט אויסקומען מיט דער איין געזונטער ברוסט, צוקאָרמענענדיק דאָס קינד מיט טיי אָדער טום. אויב אויף דער קראַנקער ברוסט מוז געמאַכט ווערן אַן אָפּעראַציע, וואָס איז נייטיק בײַ א פאַראייטערונג, ווערט רעקאָמענדירט צו זײַן באַזונדערס אָפּגעהיט מיט דער צווייטער געזונטער ברוסט, מחמת די ניט אָנגענעמע שכנה קאָן ווערן דער מקור פאַר אַן אָנשטעקונג פון דער געזונטער ברוסט.

3) א ניט גענוגנדיקער סכום מילך.

מ׳קאָן ניט באַהויפּטן, אז אַלע פרויען האָבן די פולע פעיִקייט צו זייגן. הגם מיר זעען, אז אין די אַקושערישע קליניקן זייגן כמעט 99 פּראָצ. פרויען זייערע קינדער מיט דער ברוסט, מוז מען פאָרט צוגעבן, אז עס זײַנען פאַראַן ברוסטן, וואָס זײַנען ניט פעיִק צו געבן גענוג מילך. די סיבה דערפון קאָנען זײַן א סך אומשטאַנדן, דער עיִקר אָבער א ניט גענוגנדיקע אַנטוויקלונג פון די דריזן-עלעמענטן אין די ברוסטן. עס זײַנען פאַראַן אייניקע סימנים, לויט וועלכע מ׳קאָן אורטיילן וועגן דער איכות פון דער ברוסט. אזוי למשל ווײַזן אָן אויף א גוט אַנטוויקלטער ברוסט אין קוואַליטאַטיוון זינען א שטאַרק אַנטוויקלטע נעץ פון אונטערהויט-ווענעס און ראַדיאַלע קאַרבן אויף דער הויט. קלאָר, אז די גרייס פון דער ברוסט זאָגט גאָרנישט ניט. א פרוי קאָן האָבן גרויסע ברוסטן, אָבער מילך קאָן זי האָבן דערבײַ צו ווייניק, מחמת די גרייס פון דער ברוסט דערקלערט זיך מיט א גרויסן סכום פעטס און פאַרבינדונג-געוועב. ס׳טרעפט אויך, אז ניט אַנטוויקלטע ברוסטן גייען אַריבער בירושה.

אורטיילן וועגן דער ניט פולקומענקייט פון דער ברוסט קאָן מען ערשט נאָך א געוויסער אָבסערווירונג איבער דעם סכום מילך, וואָס די ברוסט גיט. ס׳טרעפט, אז מילך הייבט אָן קומען ניט גלײַך אין די ערשטע 2—3 טעג, נאָר באַטײַטנדיק שפּעטער — אויפן 5טן—6טן טאָג. דערפאַר דאַרף מען

זיך ניט צו אײַלן מיטן באַשלוס, אַז די ברוסט איז ניט אַרבעטספֿעיִק.

פֿון די מיטלען, וואָס העלפֿן דער טעטיקײט פֿון די ברוסטן, קאָן מען אָנווײַזן אויף אַ היגיִענישן לעבנשטײגער און אויף גוטער דערנערונג. וואָס שײַך דעם סכום פֿליסיקײטן, וואָס עס מוז באַקומען אַ זײגנדיקע פֿרוי, איז דורכויס געווונטשן, אַז זי זאָל במשך פֿון טאָג אויסטרינקען מיט 3—4 גלאָז מער ווי געוויינלעך. נאָר מען מוז זיך אָפּזאָגן פֿון די גרויסע סכומען טײ און מילך, וואָס מיט זײ פֿאַרפֿולן די פֿרויען זײער מאָגן, כּדי צו האָבן אין די ברוסטן מער מילך. צוליב דעם פֿאַרלירן זײ בכלל דעם אַפּעטיט, דאָס איבעריקאָכן די שפּײַז ווערט פֿאַרשװערט און גיכער פֿון אַלץ דערגרײכט מען דערמיט אַ היפּוכדיקן רעזולטאַט, באַזונדערס אויב מען זאָל נאָך נעמען אין אַכט, אַז דער פּסיכישער צושטאַנד פֿון דער פֿרוי בײַ דעם דאָזיקן געיעג נאָך מילך ווערט אויפֿגערײצט.

דורך פֿאַרשײדענע פֿירמעס ווערן פֿאָרגעלײגט אַ פֿולע מיטלען אויף צו פֿאַרגרעסערן דעם סכום מילך. לײדער פֿאַרמאָגן מיר נאָך ניט קײן באמת ווירקנדיקע מיטלען, און דערפֿאַר מוז מען זיך באַציִען גלײַכגילטיק צו אַלע זיך רעקלאַמירנדיקע מיטלען. דער בעסטער מיטל אויף צו רײצן די ברוסט איז רעגולער צולײגן צו איר דאָס קינד. און אויב אין די ערשטע טעג זויגט אויס דאָס קינד זײער ווײניק, וועט אָבער מילך ביסלעכווײַז פֿאָרט קומען. אָפּטמאָל איז זײער נוציק צוצולײגן צו דער ברוסט אַ שטאַרקערן קינד פֿון דעם אײגענעם עלטער אָדער אַן עלטערן. אַ מיטל אַ גאַנץ נוציקער איז אויך אָפּצוצאַפּן מילך פֿון דער ברוסט. פֿון די פֿאַראַנענע מילכאָפּציִער קאָנען מיר אָנווײַזן אויף די אָפּציִער פֿון איבראַהים אָדער פֿון יאַשקע.

דאָס קינד, וואָס באַקומט ניט גענוג מילך בײַ דער מוטער, הײבט אָן, פֿאַרשטײט זיך, צו הונגערן, זײַן וואָג ווערט קלענער, ער ווערט אויסגעצערט, אומרויִק, שלאָף, די הויט בײַ אים ווערט לאַבערדיק. עס מוזן אָנגענומען ווערן מיטלען, אַז דאָס קינד זאָל ניט הונגערן. ער מוז באַקומען מילך פֿון אַן אַנדער פֿרוי, אָדער קינסטלעך צוגעקאָרמעט ווערן. דערבײַ טאָר מען אים ניט צונעמען אין גאַנצן פֿון דער מוטערס ברוסט.

III. באַשעדיקונגען ביי דער געבורט.

די געבורט גייט נישט שטענדיק דורך גלײַכגילטיק פאַרן קינד. ניט זעלטן אנטשטייט דערבײַ א גאַנצע ריי באַשעדיקונגען, וואָס קאָנען האָבן א גרויסע ווירקונג ניט נאָר אויף די ערשטע טעג, נייערט אויך אויפן גאַנצן לעבן פון קינד. אָפטמאָל קאָנען אויך די באַשעדיקונגען זײַן אזוי באַטײַטנדיק, אז זיי זאָלן ווערן א דירעקטע סכנה פאַרן קינדס לעבן!

1. דער געבורט-געשווילעכץ.

אונטערן געבורט-געשווילעכץ בײַם קינד פאַרשטייען מיר דאָס געשוואָלן ווערן פון דער הויט און פון די אונטערהויט-געוועבן אויף דעם פאָרויסליגנדיקן טייל פון קערפּער, וואָס האָט אויסצושטיין אין דעם געבורטקאַנאַל א דרוק.

די סיבה דערפון ליגט דערײַן, וואָס די מוטערהעלדזל נעמט שטאַרק ארום דעם פאָרויסליגנדיקן טייל און פאַרשווערט דערמיט דעם בלוטאָפּלויף. אין רעזולטאַט פון דעם בלוטפאַרהאַלט ווערן די ווייכע געוועבן אָנגעזאַפּט מיט דער סערעזער פליסיקייט און דערפון באַקומט זיך דער געשווילעכץ. דער אָרט פון דעם געבורט-געשווילעכץ איז גאַנץ פאַרשיידן, אָפּהענגיק דערפון וואָסער טייל פון גוף איז געווען פאָרויס. בײַ דער נאַקן-לאַגע באַקומט זיך דער געשווילעכץ אויפן שייטל, בײַ דער שטערן-לאַגע — אויפן שטערן, בײַ דער פנים-לאַגע — אויפן פנים, בײַ דער געזעס-לאַגע — אויפן געזעס, בײַטל וכד׳. די גרייס פון געשווילעכץ איז אָפּהענגיק דערפון, ווי לאַנג עס האָט געדויערט די געבורט. וואָס לענגער די געבורט האָט געדויערט, וואָס פריִער די וואַסער איז אָפּגעגאַנגען, וואָס שטאַרקער עס איז געווען דער דרוק אויף דעם פאָרויסליגנדיקן טייל, — אַלץ גרעסער באַקומט זיך דער געבורט-געשווילעכץ. געוויינלעך האָט ער די גרייס פון א האַנטפלאַך.

דער געשווילעכץ האַלט זיך ניט לאַנג, אין משך פון 2—3—4 טעג פאַרשווינדט ער אין גאַנצן. דערבײַ פאָדערט זיך ניט קיין שום קוראַציע.

בײַ א געשווילעכץ אויפן פנים — פון דער פנים-לאַגע — באַקומט זיך אַן אויסטערלישער אויסזען. דער פנים איז אָנגעשוואָלן און רויט-בלוי, די ליפּן אויפגעלאָפן, די וויִעס זײַנען דיק, ס׳טרעפט, אז צוליב דעם קאָן דאָס קינד ניט גלײַך אָנהייבן צו זויגן. נאָר אויך דאָ פאַרריכט די נאַטור אַליין אין עטלעכע טעג דעם דאָזיקן ניט גרויסן דעפעקט.

2. פאַסן פון דרוק.

אויב דער בעקן פון דער פרוי איז שמאָל, קאָנען אויף די ווייכע טיילן פון קינדס קעפל פאַרבלײַבן שפּורן אין דער פאָרם פון ניט קיין גרויסע ווונדן און רויטע פּאַסן. אויב דער דרוק, וואָס די קעפל האָט אויסצושטיין צוליב א שמאָלן בעקן, איז אַ מער באַטײַטנדיקער, קאָנען זיך באַקומען אפילו טיפערע ווונדן, אַזוינע ווונדן פאָדערן אַן אָפּגעהיטקייט, ווײַל זיי קאָנען ווערן אַן אָרט פאַר אַן אינפעקציע. שטענדיק איז בעסער, מ'זאָל אַזוינע ווונדן אַרומבינדן.

3. באַשעדיקונגען פון די ווייכע טיילן ביי אַקושערישע אָפּעראַציעס.

בײַם אַרויסציִען דאָס קינד מיט דער הילף פון אַ צוואַנג, בלײַבן ניט זעלטן איבער אויפן קעפל אָדער אויפן פּנים גרעסערע אָדער קלענערע באַשעדיקונגען פון דער הויט — אונטערגעלאָפענע ערטער. די דאָזיקע אייבערפלעכלעכע באַשעדיקונגען פאַרהיילן זיך גאָר גיך. די קוראַציע קומט פאָר לויט די אַלגעמיינע כּללים פון כירורגישער אַסעפּטיק. אַזוינע באַשעדיקונגען פון די ווייכע טיילן קאָנען פאָרקומען אויך בײַם אַרויסציִען דאָס קינד בײַ דער געזעסלאַגע.

4. באַשעדיקונגען פון די מוסקלען.

פון די באַשעדיקונגען פון די מוסקלען דאַרף מען אָנווײַזן אויף דעם ברוסט־שליסלביין־מוסקל, וואָס ווערט אָפטמאָל באַשעדיקט בעת אַ געבורט בײַ דער געזעס־לאַגע, באַזונדערס זויב ס'קומט אויס מיט די הענט צו באַפרײַען די קעפל. דערבײַ קומט פאָר אַ בלוטאויסגאָס אין מוסקל. דער מוסקל ווערט דיק, געשוואָלן. דאָס קינד האַלט דערפאַר די קעפל קרום. זײַן האַלדז איז אויסגעקרימט. אָבער די געשוואָלנקייט און קרומהאַלדזקייט האַלטן לאַנג ניט אָן און גייען אַוועק אָן שפּורן. קיין באַזונדערע קוראַציע פאָדערט זיך ניט, ס'זײַנען געגוג וואַרעמע קאָמפּרעסן. מע דאַרף דערבײַ שאַנעווען די הויט פון האַלדז, זי זאָל ניט צעווייקט ווערן פון די קאָמפּרעסן. איז די סיבה פונעם בלוט־אויסגאָס און פון דער געשוואָלנקייט אַ ריס פון עצם מוסקל, דאַן פאַרהיילט זיך דער ריס מיט אַ קאַרב. דער קאַרב דאַרף אָבער ניט אומבאַדינגט פירן צו אַ באַשטענדיקער קרומהאַלדזקייט.

ס'טרעפט אויך א מיטגעבוירענע קרומהאַלדזקייט, וואָס פאָדערט א ספּע־ציעלע קוראַציע.

צו די בלוטאויסגאָסן אין די מוסקלען געהער אויך א בלוט־אויסגאָס אין דעם קײַמוסקל, וואָס נעמט זיך אויך פון א קינסטלעכן ארויסציִען די קײַפּל בײַ דער געזעסלאַגע. דערבײַ קאָן מען אויפן באַק אָנטאַפּן א ניט גרויסע פאַרדיקונג. צום זויגן שטערט דאָס דעם קינד ניט, די קראַנקייט פאַרגייט בײַם אָנווענדן וואַרעמע קאָמפּרעסן.

5. בלוטאויסגאָסן אונטער דער ביינהויט.

יעדער געבורט, אפילו די סאַמע נאָרמאַלסטע, איז פאַרבונדן מיט ניט קיין גרויסע בלוטאויסגאָסן אין דער ביינהויט. אויב די קעפּל האָט בײַ דער געבורט אויסצושטיין א שטאַרקערן דרוק, דאַן באַמערקן מיר ניט זעלטן אַן ערך בײַ 1 פון 200 געבורטן אויפן קינדס קעפּל א געשווילעכץ, וואָס איז ענלעך אויף דעם געוויינלעכן געבורט־געשווילעכץ. אָבער דער געשווילעכץ, וואָס איז אויפגעקומען צוליב א בלוטאויסגאָס אונטער דער ביינהויט, האָט זיך זײַנע באַזונדערקייטן. ער האָט ניט די צעשײַומענע פאָרם, ווי דער געבורט־געשווי־לעכץ, וואָס גייט אריבער איבער די נעט פון די שאַרבן־ביינער.

דער בלוט־געשווילעכץ, וואָס אַנטשטייט בײַ דער געבורט, ווערט באַזונ־דערס בולט ערשט אויפן 2טן—3טן טאָג. לויט דער קאָנסיסטענץ איז ער ניט טייגיק, נאָר מער ענלעך אויף א קיסטע, וואָס באַווײַזט, אַז אינעווייניק איז פאַראַן פליסיקייט. די הויט איבערן בלוט־געשווילעכץ באַהאַלט כמעט איר נאָר־מאַלן אויסזען, מערנישט וואָס זי נעמט אָן א רויטלעכן קאָליר.

א בלוט־געשווילעכץ גייט ניט פאַרבײַ אַזוי גיך, ווי דער געוויינלעכער געבורט־געשווילעכץ. עס מוזן פאַרבײַגיין עטלעכע וואָכן, פון 3 ביז 6, ביז דער בלוטאויסגאָס זויגט זיך פונאַנדער. וואָס שײַך דער קוראַציע איז נוציק צו פאַר־היטן דעם בלוט־געשווילעכץ פון א דרוק, פון רײַבן, כּדי עס זאָל אויף דער הויט ניט אַנטשטיין קיין וווּנד, וואָס קאָן ווערן א סכּנה פאַר אַן אינפעקציע. אין אַזא פאַל קאָן דער בלוט־געשווילעכץ פאַראייטערט ווערן, וואָס עס פירט צו ווייטיקן און צו א טעמפּעראַטור־שטײַגן. בײַ א פאַראייטערונג מוז מען דעם געשווילעכץ אויפשנײַדן.

6. באַשעדיקונגען פון די שאַרבנביינער.

א) בײַ דעם קינדס קעפּל, וואָס ליגט אָפּטער פון אַלץ פאָרויס, ווערן ניט זעלטן באַשעדיקט די ביינגעוועב. אויב דער בעקן פון דער פרוי איז שמאָל,

האָט די קעפּל אויסצושטיין אַ דרוק מצד דעם בעקנקאָפּ. אין רעזולטאַט פון דעם דרוק באַקומט זיך אַ לעפל־ענלעכער אײַנדריק אין ביין, דער עיקר אין שייטלביין, זעלטענער אין שטערנביין. די דאָזיקע אײַנדריקן אין ביין טראָגט דאָס קינד אַריבער אָן אַ באַזונדערן שאָדן און אין אַ ביסל צײַט אַרום פאַר־גייען זיי אַדאַנק די הייל־כּוחות פון דער נאַטור.

ערנצטער איז אַ בראָך פון די שאַרבנביינער, וואָס קאָן אַנטשטיין פון זיך בײַ אַ שמאָלן בעקן, נאָר אָפטער בײַ קינסטלעכע געבורטן, באַזונדערס בײַ אַ צװאַנגען־געבורט אָדער בײַם אַרויסציִען די נאָכקומענדיקע קעפּל בײַ דער געזעסלאַגע. אַ בראָך פון אַ שאַרבנביין קאָן זײַן פאַרבונדן מיט אַ בלוטאויסגאָס אין מאַרך, באַזונדערס אויב עס ווערט געבראָכן אָן אונטערשטער שאַרבנביין.

7. באַשעדיקונגען פון די ענדגלידער.

א) אַ בראָך פון שליסלביין איז ווײַט נישט קיין זעלטענע דער־שײַנונג. אַזאַ בראָך קאָן אַנטשטיין אויך בײַ אַ נאָרמאַלער געבורט, אָפּגערעדט שוין פון אָפּעראַטיווע געבורטן. דער בראָך איז געווײנלעך אין מיטלסטן אָדער אויסווייניקסטן דריטל פון ביין. קיין באַזונדערע סימפּטאָמען וואַרפן זיך דערבײַ נישט אין די אויגן. אַ דערוואַקסענער איז בײַ אַ בראָך פון שליסלביין נישט בכּוח צו באַוועגן די פּלייצע, דאָס קינד אָבער קאָן די פּלייצע באַוועגן. בײַ אַ מער אויפמערקזאַמן אונטערזוך מערקט זיך, אַז די פּלייצע הענגט אַ ביסל אַראָפּ, דער געבראָכענער אָרט קנאַקט און איז אַ ביסל אָנגעלאָפן.

דער בראָך פאַרהיילט זיך אָן שפּורן אויך אָן וואָסערער נישט איז קוראַציע. אויב אָבער ס'איז פאַראַן דערבײַ אַ באַטײַטנדיקער פאַררוק פון די ביינער, דאַרף אַרויפגעלייגט ווערן אַ באַנדאַזש בהסכּם מיט די אָנווײַזונגען פון דאָקטער.

ב) לויט דער אָפטקייט קומט אויפן צווייטן אָרט אַ בראָך אין אָרעם. געווײנלעך אַנטשטייט ער בײַם אַרונטערבייגן די הענטל בײַ דער געזעסלאַגע. דער בראָך קומט אויס געווײנלעך אין אייבערשטן דריטל אָדער אין מיטן פון פּלייצע־ביין און געהערט צו די קווערבראָכן פון ביינער. דער רעזולטאַט איז אַ שטער אין דער פונקציע פון אָרעם, אַ בלוטאָנלויף, ווייטיקן. אַ ביינבראָך בײַ קינדער פאַרוואַקסט גוט, אויפן אָרט פון בראָך אַנטשטייט אַ גענוג גרויסער ביינאָנוואַקס. אַ בראָך אין אָרעם פאָדערט אַ געהעריקע קוראַציע דורך אַ שינע אָדער דורך אַ גיפּס־פאַרבאַנד.

ג) אַ בראָך אין אונטעראָרעם טרעפט זיך זעלטענער.

ד) באַשעדיקונגען פון די היפטביינער טרעפן זיך נישט אַזוי זעלטן, באַזונדערס בײַם אַרויסציִען דאָס קינד בײַ דער געזעסלאַגע, אויב די האַנט פון אַקושער איז געלעגן אויף די היפטן. אַ בראָך פון די היפטביינער בײַם קינד, פּונקט ווי בײַם דערוואַקסענעם, גייט נישט פאַרבײַ אומבאַמערקט און

אָן שפּורן. אַ בלוטאויסגאָס, אַ פּאַרדרוק פון די ביינער, אַ קנאַקן, אַ פאַרקירצונג פון דער פוס, אָן אומבאַוועגלעכקייט, — דאָס זיינען די סימנים פון בראָך, וואָס פאָדערט אַ באַלדיקע כירורגישע קוראַציע, דער עיקר דורך דער הילף פון אַ שינע.

ה) די באַשעדיקונגען פון די שינביינער נעמען זיך פון די אייגענע סיבות, וואָס אַ בראָך פון די היפּטביינער.

8. באַשעדיקונגען פון די נערוון.

א) באַשעדיקונגען פון פּנים־נערוו.

דער פּנים־נערוו ווערט באַשעדיקט געוויינלעך אויף דעם אָרט, ווו ער גייט אַרויס פון שאַרבן.

אַ דרוק אויפן נערוו באַקומט זיך דאָס רוב פון די צוואַנגען, זייער זעלטן ביי אַ נאָרמאַלער געבורט פון אַ שמאָלן בעקן. דער בילד ביי אַ באַשעדיקטן פּנים־נערוו (ביי דעם אַזוי גערופענעם פּאַרעז) איז זייער אַ כאַראַקטעריסטישער. די אויג אויף דער זייט, ווו דער נערוו איז באַשעדיקט, בלייבט אָפן. דער מוילווינקל אויף דער אייגענער זייט פאַרמאַכט זיך ניט. דער אַנדערער ווינקל אויף דער געזונטער זייט איז איבערגעצויגן צוליב געוויסע מוסקלען אָן אַ זייט. דאָס קינד זויגט שלעכט, די מילך לויפט אים אַרויס צוריק פון מויל. די דאָזיקע באַשעדיקונג פאַרגייט פון זיך געוויינלעך במשך פון עטלעכע טעג אָן אַ ספּעציעלער קוראַציע. ניט זעלטן אָבער האַלט אָן דער פּאַרעז פון פּנים־נערוו ביי שטאַרקערע באַשעדיקונגען אַ 2—3 וואָכן.

ב) אַ פּאַרעז פון די נערוון ביי די אייבערשטע ענדגלידער נעמט זיך אָפּטמאָל פון אַרויסציִען דאָס קינד ביי דער געזעסלאַגע. ביים אַנדריקן לעבן שליסלביין קאָן ווערן צוגעדריקט דער ספּעציעלער פּונקט, ווו ס'געפינט זיך דער נערוון־פּאַרפלעכט, וואָס פאַרזאָרגט די מוסקלען פון די אייבערשטע ענד־גלידער. דער בילד ביים פּאַרעז איז אַ פאָלגנדיקער: דער אָרעם הענגט אַראָפּ, איז אַ ביסל אויסגעדרייט צו אינעווייניק און צוגעדריקט צום גוף. דער אונטער־אָרעם איז אַ ביסל איינגעבויגן, דער האַנטפלאַך קוקט צו הינטן, די פינגער זיינען אַ ביסל איינגעבויגן, דער גראָבער פינגער איז אויסגעדרייט צו אינעווייניק.

וואָס שייך דער קוראַציע איז גלייכער די ערשטע טעג לאָזן די האַנט צו רו. אין 1—2 וואָכן אַרום קאָן מען אָנהייבן אַ גרינגן מאַסאַזש, מאַכן וואַרעמע וואַנעס און אין אַ חודש — עלעקטריזירונגען. דאָס לעצטע מוז געמאַכט ווערן מיט גרויס געדולד. די נאַטור קומט אָפט צו הילף ביי דער היילונג פון נערוו־פּאַרעזן ביי די אייבערשטע ענדגלידער און ניט זעלטן זעען מיר, ווי דער פּאַרעז הייבט אָן גיך זיך אויסצושטיין. ביי שטאַרקע באַשעדי־קונגען אָבער איז ניט אויסגעשלאָסן אַן אָפּצערונג (אַן אַטראָפיע) פון ד

מוסקלען און אַן אָפּשוואַכונג פון דער פונקציע ביי דעם באַשעדיקטן ענדגליד.

9. באַשעדיקונגען פון דער צענטראַלער נערוון-סיסטעם.

איטלעכע געבורט קאָן זיין פאַרבונדן מיט ניט קיין גרויסע בלוטאויסגאָסן אין שאַרבן-חלל. אויב די געבורט איז געווען אַ שווערע, אַ לאַנגדויערנדיקע, אויב די קעפל האָט געהאַט אויסצושטיין במשך פון אַ לענגערער צייט אַ דרוק מצד אַ באַזונדערס שמאָלן בעקן, קאָנען די דאָזיקע בלוטאויסגאָסן זיין באַטייטנדיקע און קאָנען אַרויסרופן אַ דרוק אויף וויכטיקע צענטערס אין מאַרך. קלאָר, אַז ביי אַן אָפּעראַטיווער געבורט קאָנען די באַשעדיקונגען פון די מאַרכגעוועבן צוליב די אינעווייניקסטע בלוטאויסגאָסן אין שאַרבן זיין זייער ערנצטע. דער אָרט, ווו דער בלוטאויסגאָס קומט פאָר, קאָן זיין פאַרשיידן. ער קאָן פאָרקומען איבער די מאַרכהייטלעך, אונטער זיי און אין מאַרך גופא. די סאַמע אָפטע סיבה פון די בלוטאויסגאָסן איז אַ ריס פון ווענעגעפעסן.

די פועל-יוצאס פון אַזוינע בלוטאויסגאָסן קאָנען זיין זייער ערנצטע פאַרן קינד. קודם כל קאָן זיך עס ענדיקן מיטן טויט תיכף נאָך דער געבורט צוליב באַשעדיקונגען פון די צענטערס פון אָטעמען אָדער פון דער האַרץ-טעטיקייט. אָבער ניט שטענדיק איז עס אַזוי. אָפטער טרעפט, אַז דאָס קינד ווייזט זיך די ערשטע טעג מיט עפּעס אויסערגעוויינלעכס ניט אַרויס. אחוץ וואָס עס מערקן זיך ביי אים אַן אומרויִקייט, ווייטיק-געשרייען און אין גאַנצן אַ פעלן פון אַפּעטיט. ערשט ביסלעכווייז הייבט זיך אָן אַרויסצווייזן אַ צעשטער פון די חושים און פון די באַוועגונגען.

וואָס שייך דעם צעשטער פון די חושים איז כאַראַקטעריסטיש אַ טיפער שלאָף ביים קינד. ער רעאַגירט ניט אויף אויסווייניקסטע רייצן, זויגט ניט און איז שלאָף.

דער צעשטער פון באַוועגונגען דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס עס באַווייזן זיך אָנפאַלן פון קאָנוווּלסיעס. די קאָנוווּלסיעס פאַרכאַפּן די מוסקולאַטור פון גאַנצן גוף. אָפטמאָל קומען פאָר לכתחילה קאָנוווּלסיעס נאָר פון פנים, דערנאָך הייבן זיי זיך אָן ביי די אייבערשטע ענדגלידער און ערשט שפּעטער אין גאַנצן גוף. נאָך די קאָנוווּלסיעס הייבט זיך אָן דער פעריאָד פון פאַראַליטש. דער טויט קומט אויפן 5טן—8טן טאָג צוליב אַן אָפּשוואַכונג פון אָטעם-אַפּאַראַט.

אָבער ניט שטענדיק מוז קומען דער טרויעריקער סוף. ס'טרעפט זיך, אַז דער צושטאַנד הייבט אָן ביסלעכווייז ווערן בעסער, די קאָנוווּלסיעס פאַרקלענערן זיך, פאַרשווינדן און דאָס קינד ווערט געזונט.

קלאָר, אַז דער אויסגאַנג הענגט אָפּ פונעם אָרט, ווו דער בלוטאויסגאָס איז פאָרגעקומען, און פון דעם, אויף וויפיל ס'זיינען באַשעדיקט געוואָרן די מאַרכגעוועבן.

וואָס שײַך דער קוראַציע איז קודם כּל נײטיק פֿאַרן קינד אַבסאָלוטע רו. מען מוז אויסמײַדן כּלערלײ רייצונגען. צום קאָפּ איז נוציק צוצולייגן קאַלטע קאָמפּרעסן אָדער אײַז. בײַם קאָרמענען מוז מען זײַן זייער אָפּגעהיט, מחמת בײַ דעם באַוווסטלאָזן צושטאַנד פֿון קינד קאָן טרעפֿן, אַז די שפּײַז וועט ניט אַראָפּגעשלונגען ווערן, נאָר וועט אַרײַנדרינגען אין די אָטעמוועגן. געוויינלעך גיט מען דאַן אַרײַן די שפּײַז דורך דערנערקליסטירן. וואָס שײַך מעדיקאַמענטן באַקומען די קינדער לויט דער פֿאַרשריפֿט פֿון דאָקטער פֿאַרשיידענע שלאָף־רפֿואות ווידער אַ מאָל אין דער פֿאָרם פֿון אַ קליסטיר.

באַזונדערס דאַרף מען אויפּפּאַסן, אַז דעם קינד זאָל זײַן גענוג וואַרעם. איבערלייגן דאָס קינד, רייניקן זײַן קערפּער, בײַטן וועש מוז מען מיט אַ באַזונדערער אָפּגעהיטקייט און צאַרטקייט.

IV. קראַנקייטן פון די פאַרדייונג-וועגן.

קראַנקייטן פון מויל.

דער קאָליר פון דער שלײַמהײַטל אין קינדס מויל איז אָפּהענגיק פון דעם סכום בלוט אין איר. באַלד איז זי העל ראָז, באַלד רויטער. אָפּטמאָל טרעפן זיך בלוטאויסגאָסן אין איינצלנע פונקטן, וואָס האָבן ניט דעם כאַראַקטער פון אַ קראַנקייט.

די הויפּט סיבה פון מוילקראַנקייטן איז דאָס אויסווישן די מויל בײַם קינד, וואָס פריִער פלעגן עס אַזוי אָפט פּראַקטיקירן די אַקושערקעס און וואַרטערקעס. בײַ הײַנטיקן טאָג האָבן מיר זיך ענדגילטיק אָפּגעזאָגט פונעם אויסווישן די מויל, מחמת אין דעם זעען מיר אַ מקור פון פאַרשיידענע קראַנקייטן אין מויל-חלל.

אין רעזולטאַט פון ווישן אַנטשטייען אויפן גומעו פּ ל ע ק ן פון פאַרשיידענעם מין און פאָרם, וואָס פון זיי קאָנען ווערן וווּנדן. אויב מע באַאַכט ניט די ווונדן און מע ווישט ווײַטער די מויל, קאָנען זיך די דאָזיקע ווונדן רק פאַרגרעסערן און פאַרכאַפּן די גאַנצע שלײַמהײַטל פון מויל, וואָס עס פאַרשאַפט דעם קינד שטאַרקע ווייטיקן. אויף די ווונדן קאָנען פאַרטראָגן ווערן פאַרשיידענע באַקטעריעס, וואָס קאָנען אַרויסרופן אַ פאַראייטערונג אין נאָז, שלונג און וושט. ניט זעלטן קאָנען אַזוינע מוילקראַנקייטן זײַן דער אויסגאַנג-אָרט פאַר אַן אַלגעמיינער בלוט-פאַרגיפטונג און פירן צו אַ טרויעריקן סוף.

הײַנט צו טאָג, אַז מ'האָט אײַנגעזען די שעדלעכקייט פון אויסרײַבן און אויסווישן די מויל בײַם קינד, און די אַקושערקעס און וואַרטערקעס היטן זיך דערפון, זײַנען צום גליק די דאָזיקע מוילקראַנקייטן געוואָרן אַ זעלטנקייט.

פון די מוילקראַנקייטן ווילן מיר אָנווײַזן אויף דער אַזוי גערופענער מילכקראַנקייט. דאָס איז אַ קראַנקייט, וואָס ווערט אַרויסגערופן דורך אַ באַשטימטן „שוועמל". דער עיִקר טרעפט ער זיך אין די אַרויסשטעלונגען פון דער מוטער און איז דער באַגלייטער בײַ אַ דערנערונגס-צעשטער. דערבײַ זעען מיר אויף דער שלײַמהײַטל פון צונג, באַקן, אינעווייניקסטער זײַט פון די ליפּן ווײַסע פלעקן (באַלייגן). צו ערנצטע רעזולטאַטן פירט ניט די קראַנקייט. דער אומשטאַנד, וואָס די דאָזיקע קראַנקייט איז פאַרבונדן מיט אַ צעשטער אין די געדערעם, ווײַזט אונדז אָן דעם וועג פון דער קיראַציע און פון דער פאַרהיטונג פון דער קראַנקייט. מע דאַרף נאָר זיך זאָרגן וועגן אַ געהעריקער דערנערונג. באַזײַטיקן דעם צעשטער אין די געדערעם, און די קראַנקייט פאַרשווינדט זייער גיך. אין אַזוינע פאַלן גיט מען דעם קינד לויטן אָנווײַז פון דאָקטער אַן אָפּפירמיטל (אַ נײַ געבוירענעם ½—¼ טיילעפל ריצנאייל), אַ טאָג צווײַ גיט מען אים ניט די ברוסט, אַנשטאָט דעם שוואַכע טיי, — און דער באַלייג פאַרשווינדט. ס'איז אויך נוציק דעם עצם באַלייג צו היילן, צום פאַרשווינדן פון באַלייג העלפט

מיט, אַז מע שמירט אײַן די מויל מיט אַ צעמיש פֿון גליצערין און באָראַקס אָדער אַז מע שיט באַזאַכט אַרויף גערייניקטע סאָדע.

דאָ דאַרף מען אָנווײַזן אויף אַן אײַנרײדעניש, וואָס טרעפֿט זיך ניט זעלטן בײַ פֿרויען, אַז בײַם זייגן שטערט כּלומרשט דעם קינד אַ „צוגעוואַקסע־נער" צינגל. דערבײַ קומט אויס זיך צו באַגעגענען מיטן פֿאַקט, אַז די האַנט פֿון אַן עם־הארץ שנײַדט דורך דעם צײַמל פֿון צונג מיט דער האָפֿענונג צו פֿאַרבעסערן דאָס זויגן. דער צוגאַנג איז אין גאַנצן אַ פֿאַלשער, אַן איבעריקער און אָפֿט קאָן ער ווערן זייער שעדלעך. קיין „צוגעוואַקסענער צינגל" איז בכלל ניטאָ.

פֿון די דעפֿעקטן בײַ דער אַנטוויקלונג פֿון מויל־חלל מוזן מיר אָנווײַזן אויף אַ ה אָ ז נ ל ו פֿ און אַ וו אָ ל פֿ מ ו י ל.

אַ האָזנלופּ איז אַ צעשפּאָלטענע לופּ, אָפֿטמאָל ביז צו די נאָזלעכער.

אַ וואָלפֿמויל באַקומט זיך, אויב עס וואַקסט ניט צונויף דער אייבער־שטער קינבאַק. מיר זעען דאַן אַן אָפֿענעם אָרט אין האַרטן גומען.

ס'איז פֿאַרשטענדלעך, אַז סײַ אַ האָזנלופּ, סײַ אַ וואָלפֿמויל איז אַ גרויסע מניעה בײַם זויגן. דאָס קינד קאָן ניט זויגן און אָפֿטמאָל אפֿילו ניט גוט שלינ־גען. אין אַזאַ פֿאַל מוז מען אים קאָרמענען פֿון אַ פֿלעשל (קלאָר, אַז מיט פֿרויענמילך). באַזונדערס דאַרף מען דערבײַ אויפֿפּאַסן, אַז די סאָסקע זאָל טיף אַרײַנקומען אין מויל. אויף אַזאַ אופֿן קאָן מען דאָס קינד אויסהאָדעווען.

די איינציקע קוראַציע פֿון די דאָזיקע חסרונות איז אַן אָפּעראַטיווע. צו דער אָפּעראַציע קאָן מען זיך נעמען ניט פֿריִער פֿאַר אַ יאָר.

צו זעלטענע דערשײַנונגען מוז מען צורעכענען אויך מיטגעבוירענע צײ־נער. געוויינלעך זײַנען פֿאַראַן נאָר צוויי ציינער, דאָס זײַנען די אונטערשטע צוויי שנײַדציינער. די ציינער זײַנען ניט שטענדיק אַנטוויקלט, אָפֿטמאָל זײַנען זיי מערנישט כראָמסקע־אויסבילדונגען אויף דעם קאַנט פֿון קינבאַק.

אַזוינע מיטגעבוירענע ציינער זײַנען, פֿאַרשטייט זיך, ניט אָנגענעם פֿאַר דער מוטער צוליב די ווייטיקן וואָס זי האָט דערפֿון בײַם זייגן. די ציינער קאָן מען לײַכט באַזײַטיקן מיט אַ פֿינצעט.

ב. קראַנקייטן פֿון מאָגן־געדערעם־טראַקט.

בײַם ריידן וועגן די קראַנקייטן פֿון מאָגן־געדערעם־טראַקט מוז מען אונטערשטרײַכן, אַז בײַם נײַ געבוירענעם זײַנען די קראַנקייטן ניט אַזוי בולט אויסגעדריקט, ווי בײַ אַן עלטערן קינד. נאָר שוין אין די ערשטע צוויי וואָכן לפֿי ערך קאָן זיך אַ סך אַרויסווײַזן. שוין אין דער צײַט אַנטשטייען דערקראַנ־קונגען, וואָס קאָנען אין זייער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג אָננעמען קלאָרע פֿאָר־מען פֿון קראַנקייטן.

די דערקראַנקונגען פֿון מאָגן־געדערעם־טראַקט זײַנען גיכער דערשײַנונגען

פון א שלעכטער דערנערונג. אָפטמאָל שפּילן דאָ די ראָל ניט אזוי קרענקלעכע פאַרענדערונגען פונעם מאָגן אָדער פון די געדערעם גופא, ווי א צעשטער פון אַלגעמיינעם צושטאַנד, וואָס עס שטאַמט פון א ניט ריכטיקער דערנערונג.

1) א ניט גענוגנדיקע דערנערונג מיט דער ברוסט.

מיר ווייסן, אַז דאָס רוב מוטערס האָבן שטענדיק מורא, אַז בײַ זײ וועט ניט קלעקן קיין מילך אין די ברוסטן פאַרן קינד. איטלעך געשריי און אומרויִקייט בײַם קינד, דאָס זויגן זײַנע פינגער האַלטן די מוטערס פאַר א סימן, אַז זיי פעלט מילך. אין דער אמתן דאַרפן די דאָזיקע דערשײַנונגען ניט אַרויסרופן קיין אומרויִקייט בײַ דער מוטער.

די סיבה פון ניט דערקאָרמענען איז א ניט גענוגנדיקער סכום מילך. דאָס הייסט, אַז עס קאָן אויספעלן פון דעם סכום מילך, וואָס דאָס קינד דאַרף האָבן. נאָר דער דעפעקט קאָן זיך אויסשטיין פון זיך גופא. מען טאָר זיך ניט צואײַלן מיטן צוקאָרמענען.

א צווייטע סיבה פון ניט דערקאָרמענען קאָן זײַן אַן אַזוי גערופענע „שווערגעבנדיקע" ברוסט. כּילך וואָלט געווען גענוג, נאָר די ברוסט גיט שווער אָפּ די מילך. ס'איז קלאָר, אַז דאָס קינד הייבט אָן צו הונגערן.

אויך א דריטע סיבה קאָן זײַן — א שפּעטיקער צופלום פון מילך.

וואָסערע סימנים האָבן מיר בײַם ניט דערקאָרמענען?

דער זיכערסטער סימן איז די וואָג פון קינד. דאָס קינד נעמט ניט צו אָדער עס פאַרלירט אין וואָג. עס הייבט אָן צו צערן, די בויך בײַ אים ווערט אײַנגעצויגן. דער שטולגאַנג קומט פאַר זעלטן — ס'איז די אַזוי גערופענע פאַלשע פאַרשטאָפּונג (עצירות), מחמת דער שטול האָט זיך ניט פון וואָס צו בילדן. די עקסקרעמענטן האָבן א טיפישן טונקל ברוינעם קאָליר. די טעמפעראַטור בײַם קינד פאַלט אָפּט. אויב דאָס קינד הונגערט ווײַטער א געוויסע צײַט, ווערט עס שוואַך און שלעפעריק. די הויט בײַ אים ווערט שלאַף, עס שאַפט זיך א נייגונג צו עקזעמעס און פאַרונקלען. דערבײַ דאַרף מען אונטערשטרײַכן, אַז כראָניש הונגערנדיקע קינדער מאַכן ס'רוב דעם אײַנדרוק פון שטילע און צופרידענע באַשעפענישן, הגם מען וואָלט געקאָנט דערוואַרטן פון זיי אומרויִקייט, געשרייען אא"גל. די שוואַכקייט פון קינד ווײַזט זיך אויך אויס דערין, וואָס עס ליגט לאַנג בײַ דער ברוסט און זויגט שוואַך ביז ½—¾ שעה.

די עקסקרעמענטן פון הונגערנדיקן קינד קאָנען זײַן חוץ ברוין אויך אָפטמאָל שלײַמיק גרינלעך. אָפט טרעפט זיך אויך, אַז דאָס קינד ברעכט. דער בעסטער באַווײַז, אַז דאָס קינד הונגערט, איז אָבער דאָס וועגן.

וואָס שײַך דער קוראַציע מוז מען אין אַלגעמיין זיך רעכענען מיט דער

סיבה פונעם הונגערן. אויב די מילך האָט פּאַרשפּעטיקט צו קומען, אויב די ברוסט געהער צו די „שווערגעבנדיקע“, דאַרף מען זיך ניט צואײַלן מיטן אַריבערגיין צו אַ קינסטלעכן צוקאָרמענען. פאַר דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פון קינד האָט דאָס אַ גרויסן באַטײַט. נאָר בײַ אַן אמתער מילכאָרעמקייט פון די ברוסטן קאָן מען אָנהייבן אַ קינסטלעך צוקאָרמענען לויט גענויע אָנווײַזונגען פון אַ דאָקטער.

2) אַן איבערקאָרמענען מיט דער ברוסט.

אַן אָפטע דערשײַנונג בײַם זייגן איז אַן איבערקאָרמענען דאָס קינד. איטלעכע מוטער קאָן זינדיקן אין דעם פּרט, ווײַל געשרייען און אומרויִקייט פון קינד פירן די מוטער תּמיד אַרויף אויפן געדאַנק, צי הונגערט ניט דאָס קינד. און דאָ הייבט זיך אָן אַ קאָרמענען אָן קאָנטראָל. אַנשטאָט די 5—6 מאָל אין טאָג לייגט מען דאָס קינד צו אַלע 2 שעה, און דאָס קינד באַקומט צום סוף אַזאַ סכום מילך, וואָס ער איז ניט בכּוח צו פאַרדײַען. עס פאַרגייט אַ ביסל צײַט און עס באַקומען זיך פאַרקערטע רעזולטאַטן. אַנשטאָט זיך צו באַרויִקן ווערן די קינדער אומרויִק, שרײַען אין דער נאַכט, ברעכן נאָך אַנאַנד. זיי פאַרלירן אין וואָג אָדער נעמען זיין גאַנצן ניט צו. אין די געדערעם קלײַבן זיך אָן פיל גאַזן, די בויך ווערט אָנגעבלאָזן. דער שטולגאַנג קומט אָפטער, עס אַנטשטייט אַ דורכפאַל (אַ שילשול). די עקסקרעמענטן באַקומען אַ גרינעם קאָליר און אַ שלײַמיקע קאָנסיסטענץ מיט אַ צומיש פון ווײַסע שטיקלעך (פעטזײַערס).

פון צײַט צו צײַט ברעכט דאָס קינד דערבײַ.

פון וואַנען נעמען זיך די דאָזיקע דערשײַנונגען?

דער ענטפער איז, אַז צוליבן איבערקאָרמענען איז דעם קינדס מאָגן ניט בכּוח זיך אויסצולייִדיקן, עס ווערט ווייניקער זאַלץ-זײַערס, עס אַנטוויקלען זיך אין אַ גרויסן סכום פעט-זײַערס. אין איינעם דערמיט אַנטשטייען פיל גאַזן. דער פאַרהאַלט פון די שפּײַז אין מאָגן רופט אַרויס אַ ברעכן.

מיט אַזאַ איבערקאָרמענען מוז מען קעמפן, מחמת אומבאַמערקט ווערט עס בײַ דער מוטער אַ געוווינונג, וואָס באַרוט אויף איר רחמנות-געפיל צום קינד און אויפן ניט פאַרשטיין די אַלגעמיינע כּללים בײַם זייגן.

דערפאַר מוז מען די מוטער אויפקלערן, אַז אָפט צולייגן דאָס קינד צו דער ברוסט (אָפטער ווי אַלע 3 שעה) און לאַנג אים בײַ דער ברוסט האַלטן קאָן פירן צו אַן איבערקאָרמענען מיט אַלע ניט גינסטיקע פּועל-יוצאָס.

וואָס שײַך דער קוראַציע מוז מען לויט דער אָנווײַזונג פון דאָקטער אײַנשטעלן אַ רעגולערקייט בײַם זייגן. ניט צו אָפט און ניט צו לאַנג. בײַ שווערע פאַלן שרײַבט דער דאָקטער פאַר אַן אָפּפיר-מיטל אויף אָפּצורייניקן דעם מאָגן-געדערעם-טראַקט און במשך פון 24 שעה ניט צו געבן די ברוסט.

אַנשטאָט דעם — שוואַכע טיי. דערבײַ טאָר מען ניט פֿאַרגעסן בײַ דער מוטער אָפּצוצײַען די מילך.

3. דאָס ברעכן.

ס'איז ניט פֿאַראַן כּמעט אַזאַ קינד, וואָס זאָל ניט ווען ניט איז האָבן אויסגעבראָכן. מען דאַרף וויסן, אַז ברעכן איז ניט קיין קראַנקייט, נאָר אַ סימן פֿון אַ ניט ריכטיקער דערנערונג.

ברעכן קאָן מען צוליב אַ סך סיבות. תּיכּף נאָכן געבוירן ווערן און אויפֿן צווייטן טאָג איז דאָס קינד גענייגט צום ברעכן. די סיבה איז וואָס דאָס קינד האָט בײַ דער געבורט אַרײַנגעשלונגען פֿרוכטוואַסער, מעקאָניום און שלײַם פֿון דער שייד. די דאָזיקע פֿליסיקייט קאָן אַרויסרופֿן אַ רייצונג אין מאָגן און עס ווערט אַרויסגעבראָכן אַ געל־ברוינע מאַסע. אַזאַ ברעכן שטעלט מיט זיך ניט פֿאָר קיין קראַנקייט. אין אַזאַ פֿאַל דאַרף מען זיך נאָר ניט אײַלן צוצולייגן דאָס קינד צו דער מוטער, נאָר אָפּוואַרטן ביז דאָס ברעכן וועט אויפֿהערן און דער מאָגן וועט זיך אָפּרייניקן.

ווען דאָס קינד זויגט שוין, מעג מען מיר ניט זעלטן גלײַך נאָכן זויגן אָן אָפּגרעפּצן, מיט ניט איבערגעקאָכטע מילך. איינע פֿון די סיבות דערפֿון איז, וואָס דער אַרײַנגאַנג אין מאָגן בײַם קינד איז ניט גענוג פֿאַרמאַכט. עס איז גענוג דעם קינד תּיכּף נאָכן זויגן אַוועקצולייגן מיטן קעפּל אַראָפּ, און די מילך וועט אַרויספֿליסן צוריק פֿון מאָגן. אַ דערקלערונג דערפֿאַר איז אויך, וואָס דער מאָגן בײַם קינד ליגט מער ווערטיקאַל, איידער בײַם דערוואַקסענעם.

אויב דאָס אָפּגרעפּצן בײַם קינד נעמט אָן אַ מער האַרטנעקיקן כאַראַקטער און דער שטראָם בײַם אויסברעכן ווערט שטאַרקער, דאַן זײַנען די סיבות דערפֿון ספּאַזמעס פֿון מאָגן, וואָס טרעפֿן זיך בײַ נערוועזע קינדער. נאָר אין דער ערשטער—צווייטער וואָך איז נאָך שווער מיט באַשטימטקייט צו זאָגן, אַז דאָס ברעכן, וואָס חזרט זיך נאָך אַנאַנד איבער, ווערט אַרויסגערופֿן דורך מאָגן־ספּאַזמעס. בכלל טאָר מען אויפֿן ברעכן פֿון נײַ געבוירענעם ניט קוקן ווי אויף אַן ערנצטער דערקראַנקונג, ווײַל דאָס רוב שטייט זיך עס אויס אָן אַ באַזונדערער קוראַציע דורך רפֿואות.

די קוראַציע באַשטייט געוויינלעך אין אָפּהיטן די אַלגעמיינע כּללים פֿון זייגן. מען דאַרף ניט צו אָפֿט און צו לאַנג זייגן. מען מוז אויסמײַדן דאָס קינד צו טרייסלען. נאָכן זייגן מוז מען אים באַזאַכט אוועקלייגן, דער גוף זאָל אויסקומען העכער. אויב דאָס ברעכן ווערט אַ שטענדיקע דערשײַנונג, מוז מען זיך באַלד ווענדן צו אַ דאָקטער. ביזן קומען פֿון דאָקטער קאָן מען פֿאַרקירצן די צײַט פֿון זייגן, אײַנשטעלנדיק אויף אַזאַ אופֿן דעם סכום מילך, וואָס דעם קינדס מאָגן קאָן פֿאַרטראָגן אָן אויסצוברעכן.

אפט זעען מיר, אז ניט געקוקט אויפן ברעכן, פארלירט ניט דאס קינד אין וואג, פילט זיך גוט און האט א נארמאלן שטולגאנג. אין אזא פאל קאן מען רויק פארזעצן דעם נאטירלעכן קארמענען.

4) די דערקראנקונגען פון די גערערעם פאר־טײלט מען אין צוויי גרופעס. די ערשטע איז — א קאטאר פון די גערע־רעם (דיספעפסיע), די צווייטע — א גערערעם־אנצינדונג.

א קאטאר נעמט זיך דער עיקר פון א פארשטארקטער יערונג אין די גערערעם. דער הויפט סימן פון א קאטאר איז אפטער שטולגאנג ביז 7—8—10 מאל אין מעת־לעת. די עקסקרעמענטן זײנען וויײך, שלײמיק, אפטמאל וואסער־דיק און קומען ארויס מיט א שטראם. לויטן קאליר קאנען זיי זײן געל, אפ־טער אבער גרינלעך.

דאס קינד איז זייער אומרויק, רײבט שטארק מיט די פיסלעך, שרײט צוליב די שטעכענישן אין די גערערעם. בײ דער אנאלער עפענונג אנטשטייט אפט א רויטקייט. פון צײט צו צײט ברעכט עס. די קראנקייט לויט אירע רעזולטאטן רעכנט זיך פאר א ניט געפערלעכער. במשך פון 2—3 וואכן פארגייט דער קאטאר.

וואס שײך דער קוראציע שפילט אויך דא א גרויסע ראל רע־גולירן דאס קארמענען — ניט געבן צו אפט און צו לאנג די ברוסט. אין קיין אופן דארף מען ניט שולדיק מאכן אין דעם דער מוטערס מילך. די איכות פון די מילך שפילט דערבײ קיין ראל ניט. אפט קומט אויס צו הערן אזא מיינונג פון דער מוטער, אז משמעות איז פארן קינד שעדלעך אירע מילך, און זי הייבט אן צו זוכן פאר אים אן אם. מען דארף געדענקען, אז דער מוטערס מילך איז פארן קינד די סאמע אידעאלסטע שפײז. די סיבה פון דער קראנ־קייט איז ניט דער מוטערס מילך, נאר וואס דעם קינדס גערערעם ווערן גרינג געררייצט, און דאס פארשטארקטע יערן, וואס ווערט ארויסגערופן דורך די גערע״עם־באקטעריעס.

די מעדיקאמענטן אין דעם פאל וועט אנווײזן דער דאקטער. קעגן די שטעכענישן זײנען נוצלעך ווארעמע קאמפרעסן אויפן בויך.

א גערערעם־אנצינדונג. אין אונטערשייד פון דער פריער באשריבענער קראנקייט, אנטשטייט דאן, אויב אין מאגן־גערערעם־טראקט פאלן ארײן שטארקער ווירקנדיקע באקטעריעס. די דאזיקע באקטעריעס קאנען ארײנ־דרינגען שוין בײ דער געבורט און אין די ערשטע טעג נאכן געבוירן ווערן, ווען דאס קינד האט נאך ניט באקומען צו זויגן. דאס קינד הייבט אן ברעכן, די עקסקרעמענטן האבן א שלעכטן ריח. די טעמפעראטור שטײגט. דאס קינד מאכט אן אויסדריקלעך קראנקן אײנדרוק.

די קראנקייט פארשטארקט זיך, אויב מען זייגט ווײטער דאס קינד. עס

דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די פרויענמילך איז פאַר די דאָזיקע באַקטעריעס אַ גוטער באָדן זיך צו פאַרמערן.

די קראַנקייט בײַ איר ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג גיט אַ בילד פון פאַרגיפטונג און קאָן זײַן פאַרבונדן מיט אַ טרויעריקן אויסגאַנג. אין שווערע פאַלן באַנוגנט זיך ניט דער סם פון די באַקטעריעס מיט די געדערעם אַליין, נאָר דרינגט אַרײַן אין בלוט און רופט אַרויס אין רעזולטאַט אַ בלוט־פאַרגיפטונג.

וואָס שײַך דער קוראַציע שפּילט אַ גרויסע ראָל דאָס פאַרהיטן פון באַקטעריעס (פּראָפילאַקטיק), וואָס ווערט דערגרייכט דורך אַבסאָלוטער ריינקייט און אַסעפּטיק. ביז קומען פון מעדיצינישער הילף קאָן מען איבעררײַסן דאָס זייגן אויף איין טאָג.

5. פ אַ ר ש ט אָ פּ ו נ ג.

קיין פאַרשטאָפּונגען בײַם נײַ געבוירענעם קומען ניט פאָר. דערפאַר מוז מען פלעגליי קליזמעס אַרויסוואַרפן פון קינדער־צימער. מען טאָר קיין מאָל ניט מאַכן דעם קינד אַ קליסטיר אָן אַ גענויער פאַרשריפט פון דאָקטער, וואָס וועט אין זייער זעלטענע פאַלן אַזוינס פאַרשרײַבן.

אַ זעלטענער שטולגאַנג, ד״ה 1 מאָל אין 2—3 טעג, קאָן זײַן בײַ קינדער, וואָס באַקומען ניט גענוג שפּײַז. דערבײַ האָבן די עקסקרעמענטן אַ ברוינע פאַרב (הונגער־עקסקרעמענטן). אין אַזוינע פאַלן האָט זיך ניט פון וואָס צו נעמען קיין שטולגאַנג און מען מוז רויִק אָפּוואַרטן, ביז וואַנען דאָס קינד וועט באַקומען אין אַ גענוגנדיקער מאָס שפּײַז.

ס׳טרעפט אויך, אַז בײַם נײַ געבוירענעם קומט ניט קיין מעקאָניום. די סיבה קאָן זײַן, וויאָס די געדערעם אַרבעטן נאָך ניט ווי עס געהער צו זײַן. אויב במשך פון עטלעכע טעג באַווײַזט זיך ניט קיין מעקאָניום, מוז מען קלערן וועגן אַ מניעה אין די געדערעם, וואָס עס קאָן זײַן אַ מיטגעבוירן פאַרוואַקסענע אַנאַלע עפענונג אָדער גראָדע קישקע, וואָס געהערט צו די סאַמע זעלטענע דערשײַנונגען.

6. אָ ן אָ נ צ י נ ד ו נ ג פון דער בויכהײַטל בײַם נײַ געבוירענעם

איז איצט להיפוך צו די פריערדיקע צײַטן אַ גרויסע זעלטנקייט אַדאַנק דער אַסעפּטיק, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן בײַם צוזען דאָס קינד.

דער עיקר מקור פאַר אָן אָנצינדונג פון דער בויכהײַטל איז אָן אינפעקציע, וואָס שטאַמט פון נאָפּל בײַ אַ ניט ריינעם אַרומגאַנג. אין זעלטענע פאַלן קאָן אַזאַ אָנצינדונג בײַ אַ נײַ געבוירענעם זיך נעמען פון געשווירן אין מאָגן, אין דער צוועלפפינגערדיקער קישקע און ענלעכע. די באַקטעריעס קאָנען אויך אַ מאָל דורכדרינגען דורך די דינע ווענטלעך פון די געדערעם און אַרויסרופן אַ בויכהײַטל־אָנצינדונג, באַזונדערס בײַ אַ פאַרוואַקסענער קישקע אָדער אַנאַ־

לער עפּענונג און בכלל ביי כּלערליי מיטגעבווירענע פאַרשטעלערונגען פון די געדערעם.

אין די פריִערדיקע צייטן איז אַ בויכהײטל־אָנצינדונג געווען אַ ניט זעלטענע קראַנקייט און אַם ווי אַזוי זי איז באַשריבן געוואָרן פון אַמאָליקע אויטאָרן: דאָס קינד הייבט מיט אַ מאָל אָן צו ברעכן, צו שרייַען, נעמט ניט קיין שפּייַז, הייבט אָן פאַרשטאַרקט צו אָטעמען, דער פולס פאַרגיכערט זיך, דאָס קינד ווערט געל, די בויך ביי אים אויפגעבלאָזן און שטאַרק ווייטיקדיק ביים אָנרירן, ביים קינד גייען אוים די כּוחות, אָפטמאָל באַקומט עס קאָנוולסיעס, עס שטאַרבט. היילן איז אומנוציק.

דאָס איינציקע איז די אַסעפּטיק, וואָס האָט פאַרטריבן די דאָזיקע געפערלעכע קרענק פונעם קינדס וועלט.

V. קראַנקייטן פון די אָטעמוועגן.

אָפטער פון אַלץ קומט אונדז אויס צו האָבן צו טאָן מיט דער אַזוי גערופענער אַספּיקסיע, כּלומרשטן טויט, ד"ה מיט אַזאַ צושטאַנד, ווען דאָס קינד אָטעמט נישט.

ס'קאָנען זײַן צוויי מינים אַספּיקסיע: 1) די בלויע אַספּיקסיע און 2) די בלייכע אַספּיקסיע.

די סיבה פון אַספּיקסיע איז אַן איבערלאָדונג פון אָרגאַניזם מיט קוילנזײַערס. זי קאָן אַנטשטיין שוין אין עצם פּראָצעס פון דער געבורט בײַ שטאַרקע און אָפטע ווייען, וואָס פאַרקלענערן דעם צושטראָם פון זויערשטאָף, און אין בלוט קלײַבט זיך אָן קוילנזײַערס. אַ דרוק אויף דער נאָפּלשנור, באַזונדערס אויב זי איז עטלעכע מאָל אַרומגעוויקלט אַרום קינדס האַלדז, אַ צו קורצע נאָפּלשנור, אַ פריצײַטיק אָפּטײלן זיך פון דער פּלאַצענטע, אַ פאַרוויסלינג פון אָרט, — די אַלע אומשטאַנדן רופן אַרויס בײַם קינד אַן אַספּיקסיע. פאַרשיידענע קראַנקייטן פון דער מוטער, ווי עקלאַמפּסיע, האַרצפעלער, נירן־אַנצינדונג א"א קאָנען אויך פירן צו אַספּיקסיע בײַם קינד.

בײַ אַן איבערלאָדונג פון קוילנזײַערס אין בלוט בײַם קינד קומט פאָר אַ צערייצונג פון די אָטעמצענטערס און דאָס קינד הייבט אָן צו פרי צו אָטעמען. אין רעזולטאַט ווערט דער לופטרער פול מיט פרוכטוואַסער, מיט שלײַם פון דער שייד, מיט מעקאָניום, וואָס דאָס פאַרשטאָפּט די אָטעמוועגן.

בײַ דער בלויער אַספּיקסיע איז דאָס קינד בלוי, די האַרץ קלאַפּט אָבער אַ ביסל פּאַמעלעכער. דאָס קינד אָטעמט אין גאַנצן נישט אָדער זייער זעלטן. די הויט רעאַגירט אויף רייצונגען, די מוסקלען האָבן זייער נאָרמאַלע שטײַפקייט.

בײַ דער בלייכער אַספּיקסיע איז די הויט בלייך, די גאַנצע בלוט איז אָפּגערונען צו די אינעווייניקסטע אָרגאַנען און די האַרצטעטיקייט איז אָפּגעשוואַכט, די האַרץ־טענער זײַנען זייער פאַרשטיקט. די הויט רעאַגירט שוואַך אויף רייצונגען, די מוסקלען האָבן אָנגעוואָרן זייער שטײַפקייט און זײַנען אָפּגעלאָזן.

די בלויע אַספּיקסיע לאָזט זיך דאָס רוב גיך אויסהיילן, די בלייכע אָבער שטעלט מיט זיך פאָר אַן ערנצטע קאָמפּליקאַציע.

מיטלען אויף צו באַזײַטיקן די אַספּיקסיע זײַנען פאַראַן זייער פיל. קודם כּל מוז מען באַפרײַען די מויל און דעם לופטרער פון שלײַם. דערצו ווערט מיט אַ סטערילן קאַטעטער אַרויסגעפּאָמפּעט גאָר די שלײַם. אַז די לופטוועגן זײַנען שוין פרײַ פון שלײַם, הייבן מיר אָן אַנצווענדן פאַרשיידענע אויפרייצנדיקע מיטלען.

א) אַ רייצונג פון דער הויט און שליימהייטל.

דער זיכערסטער מיטל איז אַ וואַרעמע וואַנע פון 28 ביז 30 גראַד. דאָס קינד האַלט מען ניט לאַנג אין דער וואַנע, מען לאָזט עס דערנאָך אַראָפּ אויף אַ מאָמענט אין אַ צווייטער קאַלטער וואַנע און דאַן ווידער אין דער וואַרעמער. דאָס דאָזיקע אָפּטע בייטן פון דער טעמפּעראַטור גיט גוטע רעזול־טאַטן און רופט אַרויס די אָטעם־באַוועגונגען. אויב מען זאָל נאָך אָנווענדן מאַסאַזש פון דער הויט אויפן גאַנצן גוף, אויפן רוקן, אַ קלאַפּ טאָן אַ פּאָר מאָל אויפן געזעס (פּאַרוויכטיק!), דערגרייכט מען געוויינלעך, אַז דאָס קינד הייבט אָן צו אָטעמען.

ב) אַ קינסטלעך אָטעמען.

פון די אופנים פון קינסטלעכן אָטעמען איז דער פאַרשפּרייטסטער דער אופן פון שולצע.

ביידע פליצקעס פון קינד ווערן אַרומגענומען אַזוי, אַז דער גראָבער פינגער זאָל אויסקומען אויף דעם פאָדערשטן אייבערפלאַך פון דער ברוסט, דער ווייזפינגער פון הינטן אויפן רוקן און די איבעריקע פינגער אין דער קרום פאַר לענג דעם רוקן. דעם קינדס קעפּל ווערט אָנגעהאַלטן מיטן איבעריקן טייל פון די הענט. דער דאָקטער שטעלט זיך מיט פונאַנדערגעשפּרייטע פיס. דאָס קינד ווערט אַראָפּגעלאָזן און אונטערגעוואָרפן צו אויבן ביז צו דער האָ־ריזאָנטאַלער ליניע אַזוי, אַז דער אונטערשטער טייל פון גוף זאָל זיך אַריבער־בייגן איבערן אייבערשטן טייל, דערביי ווערט די לאַגע פונעם דאָקטערס פינ־גער ניט געביטן. ד״רמיט ווערט אַרויסגערופן אַ קינסטלעך אָטעמען. ביים אַראָפּלאָזן ברייטערט זיך אויס ביים קינד דער ברוסטקאַסטן (עס קומט פאָר אַן אַריינאָטעמען) און ביים אויפהייבן ציט זיך דער ברוסטקאַסטן צונויף (עס קומט פאָר אַן אַרויסאָטעמען). דאָס אַראָפּלאָזן און אויפהייבן ווערט איבערגע־חזרט פּאַמעלעך 6—8 מאָל און דערנאָך לאָזט מען דאָס קינד אַראָפּ אין אַ וואַרעמער וואַנע.

מיטן אופן פון שולצע מוז מען זיין אָפּגעהיט, בכדי ניט אַרויסצורופן וואָסערע ניט איז באַשעדיקונגען. אין פאַל ווען די אַספּיקסיע איז אַנטשטאַנען צוליב אַ בלוטאויסגאָס אין מאַרך (וואָס עס איז מיגלעך למשל ביי שווערע צוואַנ־גען), איז בעסער מיט דעם אופן זיך ניט צו באַנוצן.

די אַספּיקסיע לאָזט פאַרט איבער שפּורן ביים קינד. אין דער ערשטער וואָך קאָנען זיך באַווייזן קראַנקייטן פון די אָטעמוועגן און פון די לונגען, וואָס צוליב דעם דערגייט די שטאַרבלעכקייט ביי אַספּיקטישע קינדער ביז 20 פּראָצ׳. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דאָס אַספּיקטישע קינד האָט אָנגעהויבן צו

אָטעמען, מוז מען אײַנשטעלן איבער אים אַ גרינטלעכע אָבסערוואַציע. ס'טרעפט אָפטמאָל, אַז אָנפאַלן פון אַספּיקסיע קאָנען זיך איבערחזרן אין עטלעכע שעה אַרום צוליב אַ ניט גענוגנדיקער טעטיקייט פון די לונגען. דאַן מוז מען ווידער אָנווענדן קינסטלעכן אָטעמען.

אַספּיקטיש געבוירענע קינדער זײַנען געוויינלעך די ערשטע טעג שלאַף, זויגן שלעכט און שרײַען שוואַך. דערפאַר מוז מען זיי באַזונדערס גוט אויפּפּאַסן.

נאָזקראַנקייטן.

בײַ נײַ געבוירענע ווערט אָפט קראַנק די נאָז. זיי באַקומען קאַטער וואָס איז אַן אָנצינדונג פון דער שלײַמהײַטל אין נאָז. דער נאָז-חלל פון קינד צוליב זײַן באַזונדערער שמאָלקייט פאַרשווערט בײַ אַן אָנצינדונג דאָס אָטעמען און דאָס זויגן. די סיבה פון קאַטער איז אַן אינפעקציע, וואָס קאָן שטאַמען פון דער געבורט אָדער פון די אַרומיקע מענטשן, וואָס פאַרנעמען זיך מיטן קינד.

בײַ דעם עצם אַקט פון דער געבורט, אויב אין דער שייד פון דער מוטער זײַנען פאַראַן באַקטעריעס (גאָנאָקאָקן אָדער אייטער-באַקטעריעס), קאָנען זיי אַריבערגיין אויף דער שלײַמהײַטל פון קינדס נאָז. אַ מיטגעבוירענער סיפילים דריקט זיך אויך אויס אין אַ האַרטנעקיקן קאַטער. אַ רעזולטאַט פון קאַטער איז אַ פאַרשווערט אָטעמען און זויגן, די אָנצינדונג קאָן זיך אָבער פאַרשפּרייטן פון נאָז-חלל אויף די מער טיפערע אָטעם-אָרגאַנען און אַרויסרופן אַ לונגען-אָנצינדונג. די אָנצינדונג פון דער שלײַמהײַטל קאָן אויך ווערן דער אויסגאַנג-פּונקט פאַר אַן אַלגעמיינער פאַרגיפטונג פון קינד מיט אַלע אירע שווערע פּועל-יוצאָס.

אַ נאָז-אָנצינדונג קאָן בײַם נײַ געבוירענעם זיך נעמען פון אַ ניט ריכטיקער אויפּפּאַסונג. אויב די מוטער לײַדט פון אַ קאַטאַר פון די אָטעמוועגן, קאָן זי גרינג אָנשטעקן דאָס קינד, דערפאַר ווערט רעקאָמענדירט, אַז אַזאַ מוטער זאָל בײַם זויגן אויסמײַדן צו אָטעמען אויפן קינד, פאַרשטעלנדיק איר פּנים מיט אַ טיכל אָדער מיט אַ מאַסקע.

בײַם קאָרמענען אַ קינד, וואָס איז קראַנק מיט קאַטער, פאָדערט זיך אַן אויפמערקזאַמע באַציִונג. אַזוי ווי דאָס קינד קאָן ניט בײַ אַ קאַטער זויגן, קומט אָפטמאָל אויס אים צו קאָרמענען מיט אַ לעפעלע מילך פון דער מוטער.

בײַם קוריִרן קאַטער איז נוצלעך אַרײַנצושמירן אין נאָז מיט וואַטע באָר-וואַזעלין אָדער אַרײַנצושפּריצן 1—2 טראָפּנס וואַסערשטאָף-היפּעראָקסיד (אַ 3-פּראָצענטיקע צעלאָזונג) עטלעכע מאָל במשך פון טאָג.

קראַנקייטן פון די בראָנכעס און פון די לונגען.

איבערלאָזנדיק אָן אַ זייט פאַרשיידענע מיטגעבוירענע דעפעקטן אין דער אַנטוויקלונג פון די אָטעמוועגן, האָבן מיר דער עיקר צו טאָן ביי דערקראַנ־קונגען פון די אָטעמוועגן פון ניי געבוירענע מיט בראָנכיט און לונגען־אָנצינדונג. אויב אויף וואַסער ניט איז אופן קומט אַריין אין די אָטעמוועגן פון קינד אַן אינפעקציע־פליסיקייט (שליים, פרוכט־וואַסער), זאָל עס זיין בעת אָדער נאָך דער געבורט, אַנטשטייט אין רעזולטאַט בראָנכיט אָדער לונגען אָנצינדונג (פנוימאָניע). דאָס אָטעמען ווערט פאַרשווערט און קומט פאַר באַטייטנדיק אָפטער. דאָס קינד אָטעמט דורך די נאָזלעכער, צוליב דעם ניט גענוגנדיקן צושטראָם פון זויערשטאָף, וואָס פרישט אָפּ דאָס בלוט, באַמערקן מיר ביים קינד געלווכט. די טעמפּעראַטור שטייגט דאָס רוב זייער הויך.

לונגען־אָנצינדונג איז זייער אַן ערנסטע קראַנקייט ביי אַ קינד, באַזונדערס אויב די אָנצינדונג נעמט אַרום אַ גאַנצע לונג און אויב די באַקטעריעס, וואָס האָבן די קראַנקייט אַרויסגערופן, געהערן צו די מער שעדלעכע (סטרעפּטאָ־קאָקן).

ביים אַרומגיין אַרום שוואַכע קינדער מוז מען באַזונדערס אָפּהיטן, אַ ביים זייגן זאָל אין די אָטעמוועגן ניט אַריינקומען קיין מילך. שוואַכע קינדער זויגן שלעכט און שלינגען שלעכט. דערפאַר קאָן זיך גרינג טרעפן, אַז פליסי־קייט זאָל אַריין אין לופטרער. אַזוינע קינדער איז בעסער צו געבן פליסיקייטן פון אַ לעפעלע.

די קוראַציע פון לונגען־קראַנקייטן באַשטייט דער עיקר אין צולייגן וואַ־רעמע קאָמפּרעסן צו דער ברוסט. ס'איז אויך נוצלעך צוצולייגן אַ זענעפט אויף דער ברוסט, וואָס דאַרף ליגן ביי 10—15 מינוט און אַראָפּגענומען ווערן ווי נאָר די הויט ווערט רויט. פון אונטערהויט־מיטלען שרייבט דער דאָקטער פאַר קאַמפער.

האַרצקראַנקייטן.

פון האַרצקראַנקייטן וועלן מיר דאָ ברענגען דער עיקר מיטגעבוירענע האַרצפעלערן.

איינער פון די וויכטיקסטע סימנים פון אַ מיטגעבוירענעם האַרצפעלער איז בלויזוכט מיט אַ פאַרשייערטן אָטעמען. די דאָזיקע סימנים, וואָס בלייבן ניט פאַרהוילן פאַרן אויג, דאַרפן שטענדיק צווינגען צו לאָזן אונטערזוכן די האַרץ ביי אַ דאָקטער. עס דאַרף תמיד אויסגעהערט ווערן דער געראויש פון די האַרצקלאַפּן. די קראַנקייט געהערט קלאָר צו די זייער ערנסטע.

אָבער ניט שטענדיק איז בלויזוכט אַ רעזולטאַט פון אַ האַרצפעלער, עס

זײַנען פֿאַראַן געװיסע אָפּשװאַכונגען פֿון דער בלוט־צירקולאַציע בײַ אַ נײַ געבױרענעם, װאָס קאָנען אױך אַרױסרופֿן בלױזוכט מיט בלוטאָנלױפֿן, װאָס פֿאַרשװינדן מיט דער צײַט אָן שפּורן. אין יעדער פֿאַל בײַם קלענסטן סימן פֿון בלױזוכט מוז מען גלײַך דערוף אָנװײַזן דעם דאָקטער, כּדי ער זאָל פֿעסטשטעלן די סיבּה פֿון דער קראַנקײט און די קוראַציע.

VI. קראַנקייטן פון די אורינוועגן.

וועגן די נירן=קראַנקייטן אורטיילן מיר לויטן באַשטאַנד פון די אורין. ווײַסל אין אורין איז אַ באַווײַז פאַר אַ נירן=אָנצינדונג. נאָר מיר האָבן שוין פריִער געהאַט דערמאָנט, אַז בײַ אַ נײַ געבוירענעם אין אורין געפינט זיך אײַן אַפּט ווײַסל, וואָס עס איז אַ נאָרמאַלע דערשײַנונג. דערבײַ אָבער איז דער סכום ווײַסל אַ נישטיקער. אויב דער סכום ווײַסל אָבער איז אַ מער באַטײַטנדיקער, למשל, 1000 : 1, קומט שוין אויס צו קלערן וועגן אַ נירן=אָנצינדונג. באַזונדערס דאַרף מען עס האָבן אין זינען בײַ אַ קינד, וואָס זײַן מוטער האָט בײַ דער געבורט געהאַט עקלאַמפּסיע. פּונקט אַזוי ווי דער עקלאַמפּסיע=גיפט ווירקט אויף דער מוטער, ווירקט ער אויך אויפן קינד, דער עיִקר אויף זײַנע נירן. נירן=אָנצינדונג בײַ אַ נײַ געבוירענעם קאָן אויך זײַן אַ רעזולטאַט פון אַ וואָסער ניט איז אינפעקציע אין אָרגאַניזם, למשל פון בלוט=פאַרגיפטונג.

פּראַקטיש שפּילט אַ גרויסע ראָלע אַ פאַרהאַלט פון אורין. ער טרעפט זיך זעלטענער בײַ מיידלעך, אָפטער בײַ יינגלעך. די סיִבה דערפון קאָן זײַן ווײַט ניט קיין ערנצטע קראַנקייט, פּשוט די עפענונג פון אורין=קאַנאַל פאַרקלעפּט זיך, וואָס עס קאָן באַזײַטיקט ווערן דורך אַן אײַנפאַכער זאָנדירונג פון קאַנאַל.

די סיִבה פון אורין=פאַרהאַלט קאָן אויך זײַן דער אַזוי גערופענער פימאָז בײַ יינגלעך, וואָס אַנטשטייט דאַן, אַז די פאָרהויט קלעפּט זיך צונויף מיטן גליד. אַ זאָנדירונג אָדער באַשנײַדונג באַזײַטיקט פולקום דעם דאָזיקן חסרון.

נאָר די סיִבה פון אורין=פאַרהאַלט קאָן אויך אַ מאָל זײַן אַ ניט געהעריקע אַנטוויקלונג פון אורין=קאַנאַל, וואָס עס פאָדערט אַ ספּעציעלע אָפּעראַציע.

פון די דעפעקטן בײַ דער אַנטוויקלונג פון די געשלעכט=אָרגאַנען דאַרף מען אָנווײַזן אויף דעם אַזוי גערופענעם קריפּטאָרכיזם בײַ יינגלעך. ער באַשטייט דערין, וואָס איין אייעלע בײַם קינד האָט זיך ניט אַראָפּגעלאָזן אין בײַטל און איז פאַרבליבן אין בויך=חלל, פון וואַנען זי לאָזט זיך געוויינלעך אַראָפּ אַהין.

אַ דעפעקט אין דער אַנטוויקלונג פון מענלעכן אורין=קאַנאַל קאָן זײַן אַ שפּאַלט, וואָס געפינט זיך אויף דער אייבערשטער אָדער אונטערשטער זײַט פון אורין=קאַנאַל.

VII. אויגן־קראַנקייטן.

אויב אין דער געבוירמוטער אָדער אין דער שייד בײַ דער מוטער זײַנען פֿאַראַן גאָנאָקאָקן (באַצילן, וואָס רופֿן אַרויס גאָנאָרייע), קאָן דאָס קינד גרינג אָנשטעקן אַן אויג מיט די דאָזיקע גאָנאָקאָקן און באַקומען אַ גאָנאָרייע־אָנצינדונג פֿון אויג (אַ גאָנאָרייע־קאָניונקטיוויט). די אָנשטעקונג קאָן פֿאָרקומען בעת דער עצם געבורט צוליב דעם וואָס די אויג קומט אין אַ נאָענטן באַריר מיט די וועגטלעך פֿון די קראַנקע געבורטוועגן, באַזונדערס בײַ ערשטגעבורטן. נאָר אויך נאָך דער געבורט קאָן פֿאָרקומען אַן אָנשטעקונג דורך דער מוטערס הענט, דורך די נאָכגעבורט־אַרויסשטײלונגען, דורך די וועש וכד׳.

די קראַנקייט דריקט זיך אויס דערײַן, וואָס געוויינלעך אויפֿן דריטן טאָג נאָך דער געבורט (ד״ה נאָך דער אָנשטעקונג) באַווײַזט זיך אַ געשוואָלנקייט און אַ רויטקייט פֿון די ווינעס און אייטער. די דאָזיקע דערשײַנונגען ווערן וואָס פֿון טאָג רק מער אויסגעשפּראָכן און די אייטער־אַרויסשטײלונגען אַלץ שטאַרקער. די אייטער האָט אַ כאַראַקטעריסטישן אויסזען — געל־גרין און רעכט געדיכט. דער גאָנאָרייע־קאָניונקטיוויט פֿאַרשפּרייט זיך אויף דער האָרנהײַטל פֿון אויג, רופֿט אַרויס וווּנדן אויף איר, קאָן אַריבערגיין אין אַן אָנצינדונג פֿון דער גאַנצער אויג און פֿירן צום בלינד ווערן.

בײַ אַ ריכטיקער קוראַציע גייט דורך דער גאָנאָרייע־קאָניונקטיוויט אין אַן אַקוטער פֿאָרם במשך פֿון 6—7 טעג. ביסלעכווײַז פֿאַרשווינדן די אָנגעשוואָלנקייט און די רויטקייט, און במשך פֿון 3 וואָכן אָן ערך ווערט די אויג פֿולשטענדיק געזונט.

פֿריִער איז אויגן־גאָנאָרייע בײַ נײַ געבוירענע געווען אַ רעכט אָפֿטע דערשײַנונג, כמעט בײַ 10 פּראָצ׳ קינדער. אין אונדזער צײַט אַ דאַנק די פֿאַרהיט־מיטלען, וואָס מיר זײַנען מחויב אָנצונעמען בײַ יעטווידער געבורט, איז אויגן־גאָנאָרייע בײַ קינדער אַ זייער זעלטענע דערשײַנונג. דער דאָזיקער פֿאַרהיט־מיטל איז אײַנגעפֿירט געוואָרן דורכן דאָקטער קרעדע, וואָס האָט פֿאָרגעלייגט יעדער קינד אַרײַנצושפּריצן אין די אויגן צו 1 טראָפּן פֿון אַ 2 פּראָצ׳ צעלאָזונג פֿון זילבער־ניטראַט. דער טראָפּן ברענגט אום די אַרײַנגעפֿאַלענע באַקטעריעס. אַ דאַנק קרעדע איז אויגן־גאָנאָרייע געוואָרן אַ גרויסע זעלטנקייט.

בײַ הײַנטיקן טאָג ווערן אָנשטאָט זילבער־ניטראַט באַנוצט מער צאַרטע מיטלען, ווי 10 פּראָצ׳ פּראָטאַרגאָל און 5 פּראָצ׳ סאָפּאָל. די ווירקונג פֿון די דאָזיקע מיטלען איז די אייגענע.

די קוראַציע פֿון דער קראַנקייט מוז זיך אײַנגעפֿינען אין גאַנצן אין די הענט פֿון אַ דאָקטער, וואָס גיט אין די פֿאַלן די אייגענע מיטלען, וואָס דינען אויף צו פֿאַרהיטן פֿון גאָנאָרייע. בײַם צוזען דאָס קינד דאַרף מען געדענקען, אַז אויב קראַנק איז נאָר איין אויג, מוז פֿאַרהיט ווערן די אַנדערע. בפֿרט קאָמפּרעסן דאַרף מען אויסמײַדן, מחמת זיי פֿאַרהאַלטן נאָר די אייטער. דאָס וויכטיקסטע איז ריייניקן די אויג, וואָס עס דאַרף באַשטיין אין באַזײַטיקן די זיך

אָנגעקליבענע אייטער. דערצו דאַרף מען פּריכט מאַכן די אויג מיט אַ צעלאָ־זונג פון מאַנגאַן־זויערן קאַלי, אַן ערך 1000 : 1. דאָס מאַכט מען אַזוי: די אויג ווערט געעפנט און פון אַ ספּעציעלער גלעזל (אונדינע) גיסט מען אַרויף די אָנגעוויזענע צעלאָזונג. דאָס מוז אָפט געמאַכט ווערן, כמעט אַלע שעה.

חוץ דעם גאָנאָרייע־קאָניונקטיוויט זײַנען פאַראַן אויך אַנדערע קראַנקייטן, וואָס ווערן אַרויסגערופן דורך אַנדערע באַקטעריעס און וואָס זײַנען ניט אַזוי געפערלעך. בײַ די קראַנקייטן ווערט די אויג ניט אַזוי שטאַרק רויט, ווייניקער געשוואָלן און טײלט אַרויס ווינציקער אייטער. אונטערשיידן זיי קאָן מען נאָר בײַ אַן אונטערזוך פון די אייטער אין מיקראָסקאָפּ.

בײַ דער געבורט זײַנען מיגלעך פאַרשיידענע באַשעדיקונגען פון די אויגן, באַזונדערס בלוטאויסגאָסן, וואָס קאָנען מיט דער צײַט פאַרשווינדן ניט איבערלאָזנדיק קײן שפורן.

VIII. הויטקראַנקייטן.

די הויט בײַם נײַ געבוירענעם איז באַזונדערס צאַרט און גענייגט צו פאַר־שיידענע דערקראַנקונגען, אַ ניט גענוגנדיקע אויפפּאַסונג, אומצוכט, איבעריקע רייצונגען, ניט ריכטיקע דערנערונג, — דאָס אַלץ רופט זיך אָפּ אויף דער הויט. דעם קינדס הויט קאָן באַטראַכט ווערן ווי דער שפּיגל, וווּ עס שפּיגלען זיך אָפּ די אויפפּאַסונג און די דערנערונג, ווי אויך דער צושטאַנד פון זײַנע אינעווייניקסטע אָרגאַנען.

1. געוויינלעכע הויטקראַנקייטן.

בײַ אַ סך נײַ געבוירענע קינדער באַמערקן מיר אויף דער נאָז ווײַסע אָדער געלבלעכע פּינטלעך, וואָס הייבן זיך אַ ביסל אַרויס אויף דער הויט. זיי קאָנען אַ מאָל זײַן אויסברייטן אויף די באַקן, אויפן שטערן, אויף די ליפּן, אויף די אויערן. די דאָזיקע פּינטלעך אַנטשטייען צוליב אַ טעטיקייט־פאַרהאַלט אין די שמאַלץ־דריזן. דער דאָזיקער „אויסשיט" גייט פאַרבײַ במשך פון עטלעכע טעג אָדער וואָכן אין גאַנצן אָן שפּורן. אין זעלטע־נע פאַלן קאָנען די דאָזיקע פּינטלעך זיך פאַרשפּרייטן איבערן גאַנצן קערפּער.

צו די אומשולדיקע פאַרענדערונגען פון דער הויט געהערן אויך די כּלערליי רויטלעכע פלעקן, וואָס קומען אָפט אויף אויף דער נאָז, אויף די וויִעס און אויפן שטערן בײַ אַ סך נײַ געבוירענע קינדער. די דאָזיקע פלעקן ציִען שטענדיק צו זיך צו דעם אויפמערק פון דער מוטער און רופן אַרויס בײַ איר אַן אומרויִקייט. מען דאַרף זיי אָבער קיין שום באַטײַט ניט צוגעבן, ווײַל זיי פאַרגייען במשך פון אַ וואָך ביז אַ חודש. די פלעקן זײַנען מערנישט אַ פאַרברייטערונג פון די הויטאָדערן.

אַנדערש איז, אויב די פלעקן זײַנען ניט אין דער הויט גופא, נאָר הייבן זיך אַרויס איבערן הויטאייבער־פלאַך. מיר האָבן דאַן אַ דערקראַנקונג פון דעם מין געפעס־געשווילעכצן (אַנגיאָמע), וואָס קאָנען מיט דער צײַט וואַקסן און פאָדערן אַן אָפּעראַטיווע היילונג.

וועגן די מיטגעבוירענע פלעקן וועלן מיר ניט ריידן. זיי ווערן קורירט, אויב זיי געפינען זיך אײַן אויפן פּנים אָדער צוליב זייער גרויס מאַכן זיי מיאוס.

צו די אומשולדיקע דערשײַנונגען געהער אויך אַ פאַרשטאַרקט שיילן זיך פון דער הויט בײַ אַ טייל נײַ געבוירענע, דערבײַ פעלט די ווייכקייט, די עלאַסטישקייט, וואָס עס האָט געוויינלעך די הויט בײַם קינד. אין דעם פאַל איז די הויט להיפּוך טרוקן, פּלאַצט גרינג, קנייטשט זיך, באַזונדערס אויף די הענט און די פיס. צוליב די דאָזיקע באַזונדערקייטן הייבט די הויט אָן שטאַרק זיך צו שיילן, אין אַ סך ערטער גייען אַראָפּ גאַנצע שיכטן הויט און עס באַווײַזט זיך די רויטגעוואָרענע איבערהויט (עפּידערמיס). דאָס שיילן זיך קאָן געדויערן פון עטלעכע טעג ביז עטלעכע וואָכן.

די קוראַציע באַשטייט פון וואַרעמע וואַנעס און פון פעטע זאַלבן, וואָס מיט זיי שמירט מען די הויט נאָך דער וואַנע.

2. אויסשיטן אויף דער הויט.

נאָרמאַל האָט די הויט בײַם נײַ געבוירענעם איר כאַראַקטעריסטישע פאַרב — פון ראָז ביז ציגל־רויט. די דאָזיקע שטאַרק רויטע פאַרב דערקלערט זיך דערמיט, וואָס אין די הויטגעפעסן איז פאַראַן אין אַ גרויסן סכום בלוט, וואָס פליסט ניט אָפּ אויף אינעווייניק, מחמת די בלוטגעפעסן ציִען זיך נאָך ניט גענוגנדיק צונויף. די דאָזיקע פיזיאָלאָגישע רויטקייט נײטיקט זיך ניט אין קיין שום קוראַציע, — די רויטקייט איז ניט קיין קרענק.

נאָענט צו דער דערשײַנונג איז דאָס רויט ווערן פון דער הויט, וואָס מיר רופן אָן רויטזוכט (ערימעמע). זי באַשטייט דערין וואָס אויף פאַרשיידענע ערטער פון גוף באַווײַזן זיך פלאַכע רויטע פלעקן פון פאַרשיידענער גרייס. בײַם אָנרירן מיטן פינגער פילט זיך אַ גרינגע פאַרדיקונג פון דער הויט. די פלעקן קאָנען זיך צונויפגיסן און פאַרכאַפּן אַ מאָל דעם גאַנצן קערפּער, די קאָפּ, די באַקן, די פיס, איבערלאָזנדיק פרײַ נאָר די האַנט־פלאַכן און די פוסטריט. דער אויסזען, וואָס עס באַקומט זיך דערבײַ, איז ענלעך אויף מאָזלען. עס טרעפט, אַז אויף די רויטע פלעקן באַווײַזן זיך ערטערווײַז קליינע ווײַסלעכע בלעזלעך.

די דאָזיקע דערקראַנקונג טרעפט זיך סײַ בײַ שטאַרקע סײַ בײַ שוואַכע קינדער. זי דאַרף ניט געווענטלעך ווערן ערנצט. געוויינלעך פאַרשווינדט זי במשך פון עטלעכע טעג בײַם היילן מיט פודער.

ס'טרעפט אַז די הויט בײַ קינדער דער עיקר אין דער געגנט פון געזעס, פון דער אַנאַלער עפענונג און פון די געשלעכטטײלן הייבט אָן פ ר י ע ן. ס'איז אומבאַדינגט נייטיק מ'זאָל דאָס קינד האַלטן טרוקן, אָפּט בײַטן די ווינדלעך, אַרומוואַשן די פאַראומרייניקטע ערטער פון גוף. ס'איז ווי־ ניק איבערצוּוויקלען דאָס קינד נאָר בײַם געבן עסן. יעדער מאָל ווען ער פאַראומרייניקט זיך, מוז מען תיכּף אים איבערלייגן. פאַרשטייט זיך, אַז אָפּט פאַרלאַנגט זיך דערבײַ פיל וועש. בײַם אָפּוואַשן די אומרייניקייטן דאַרף מען נעמען וואַרעמע וואַסער, די הויט דערנאָך מוז מען טרוקן אָפּווישן און אײַנ־ פודערן מיט סטערילן טאַלק. בײַ דער קלענסטער רויטקייט איז בעסער ניט צו באַנוצן קיין וואַסער, נאָר אַרומצווווישן מיט וואַטע און וואַזעלין. די אָפּהיטונג פון דער הויט בײַם נײַ געבוירענעם דאַרף זײַן די הויפּט דאגה. מען מוז גע־ דענקען, אַז איטלעכע ווונד קאָן ווערן אַן אָרט פאַר שעדלעכע באַצילן און פירן צו ערנצטע קראַנקייטן.

באַזונדערס שטאַרק פריִעט די הויט בײַ אַ צעשטערונג אין די געדערעם. אַן אָפּטער שטולגאַנג מיט שלײַם, וואָס צעליִגט זיך גיך בײַ אַ קאַטאַר פון

די קישקעס; רופט ארויס אן אנצינדונג פון דער הויט ארום דער אנאלער עפענונג. אין אזוינע פאלן מוז מען קודם כל זיך זארגן איינצושטעלן א נאָר־מאלע טעטיקייט פון די געדערעם, — די הויט לאָזט זיך דערנאָך גיך אויס־קורירן. מען באנוצט דערצו צינק־פאסטע, וואָס מען שמירט ארויף אויף די קראנקע ערטער. דאָס פארהיט די הויט פון א ווייטערדיקער דערקראנקונג.

3. הויטבלעזלעך.

אויף דער הויט פון קינדער באווייזן זיך אָפט בלעזלעך. די דאָזיקע קראנקייט איז אן אינפעקציע־קרענק און ווערט ארויסגערופן דורך באשטימטע באקטעריעס הן דורך סטאפילאָקאָקן, הן דורך סטרעפטאָקאָקן. אָפטמאָל טרעפט זיך א ניט גרויסע עפידעמיע פון דער דאָזיקער קראנקייט אין געבורט־הייזער. זי קאָן אריבערגעטראָגן ווערן פון איין קינד אויפן אנדערן דורך דער אקושער־קע, דורכן דאָקטאָר, דורך דער וואכטערקע א. א. דערפון איז געדרונגען, אז בעת איין קינד ווערט קראנק, מוז מען אָננעמען גרינטלעכע מיטלען, כדי צו פארהיטן די אנדערע קינדער. הויט־ברעזלעך ביי קינדער אנטשטייען בכלל גרינג, מחמת די הויט ביי קינדער איז דערצו גענייגט ביי אן אָנצינדונג.

מיר שיידן אונטער צוויי פאָרמען פון דער קראנקייט. א ניט געפערלעכע און א געפערלעכע.

א) ביי דער ניט געפערלעכער פאָרם באווייזן זיך איינצלנע אָדער א סך בלעזלעך ביים ניי געבוירענעם צום סוף פון דער ערשטער וואָך נאָך דער געבורט. די גרייס פון די בלעזלעך איז פון אן ארבעס ביז א נוס. זיי זיינען שארף באגרענעצט, מער אָדער ווייניקער רונד אָדער אָוואל און ארומגערינגלט מיט א דינעם רויטן קרייזל. די בלעזלעך קאָנען זיך באווייזן אויף פארשיידענע ערטער פון גוף, נאָר קיין מאָל ניט אויף די הינטערפלאכן און אויף די פוס־טריט.

אין די בלעזלעך איז פאראן א פליסיקייט, א דורכזיכטיקע אָדער אביסל א מוטנע. בעת אזא בלעזל פלאצט אויף, בלייבט אויף זיין אָרט א רויטער פלעק, וואָס פארטריקנט גיך. גלייכצייטיק אָבער אנטשטייען נייע בלעזלעך אויף די שכנישע ערטער. אויף די שליים־הייטלעך באווייזן זיך די בלעזלעך קיין מאָל ניט.

ביי דער ניט געפערלעכער פאָרם פארלירן ניט די קינדער אין וואָג, האָבן ניט קיין געהעכערטע טעמפעראטור און זייער אלגעמיינער צושטאנד בלייבט א באפרידיקנדיקער.

ב) גאָר אן אנדער בילד האָבן מיר ביי דער געפערלעכער פאָרם, די בלעזלעך זיינען דאָ ניט שארף פונאנדערגעגרענעצט, נאָר האָבן א נטיה זיך צונויפצוגיסן אין איינעם. די גרייס פון איטלעכן בלעזל קאָן זיין גרעסער פאר א וועלענער נוס. ביי דער פאָרם פון דער קראנקייט שיילט זיך אראפ דער

אייבערשטער שיכט פון דער הויט און אין א סך ערטער אנטשטייען אויפן גוף דורכאויסיקע וונדן. פארשטענדלעך, אז אזוינע וונדן קאָנען ווערן אן אָרט פאר פארשיידענע באַקטעריעס און קאָנען פירן צו אן אַלגעמיי־נער בלוט־פאַרגיפטונג (סעפּסיס). די קראַנקייט ציט זיך עטלעכע וואָכן און די קינדער גייען ביסלעכווייז אויס.

די קוראַציע. קודם כּל מוז מען געדענקען, אַז די קראַנקייט גיט זיך גרינג איבער פון איין קינד צום אַנדערן. דערפאַר מוז דאָס קראַנקע קינד שטרענג איזאָלירט ווערן פון די איבעריקע קינדער. די פּערזאָן, וואָס פאַרנעמט זיך מיטן קראַנקן קינד, טאָר ניט קומען אין באַריר מיט אַנדערע געזונטע קינדער.

וואָס שייך מעדיקאַמענטן באַשטייען זיי לויט דער פאַרשריפט פון דאָק־טער אין פאָלגנדיקן:

1) וואַנעס. די וואַנעס קאָנען זיין פאַרשיידענע. אַ טייל וואַנעס האָבן דעם ציל צו דעזינפיצירן די הויט. דערצו ווערן באַנוצט וואַנעס פון מאַנגאַן־זויערן קאַלי, סובלימאַט. נאָך אַזאַ וואַנע שיט מען אויף די וונדן אַרויף פּודער, בכדי זיי זאָלן בעסער טריקענען. דערצו באַנוצט מען געוויינלעך צינק מיט טאַלק, דערמאַטאָל מיט טאַלק וכדומה.

חוץ דעזינפיצירנדיקע ווערן באַנוצט וואַנעס מיט בינדנדיקע שטאָפן, למשל דעמבענע קאָרע.

2) זאַלבן. די געפּלאַצטע בלעזלעך ווערן געשמירט מיט אַ 2 % צעלאָ־זונג פון זילבער־ניטראַט לויט דער פאַרשריפט פון דאָקטער.

4. קראַנקייטן פון אונטערהויט־געוועב.

צו די הויטקראַנקייטן געהערן אויך די קראַנקייטן, וואָס קאָנצענטרירן זיך דער עיקר אין די אונטערהויט־קעמערלעך. דער אונטערהויט־געוועב ווערט דערביי אָדער געשוואָלן אָדער האַרט. לויט די דאָזיקע פאַרענדערונגען פאַר־טיילן זיי זיך אויף צווייערליי קראַנקייטן:

א) דער אונטערהויט־געוועב ווערט געשוואָלן — סקלערעדעמע.

ב) די אונטערהויט ווערט האַרט — סקלערעמע.

ביי דער סקלערעדעמע ווערן די הויט און דער אונטערהויט־געוועב גע־שוואָלן געוויינלעך אויף די אונטערשטע ענדגלידער, דער עיקר אויף דער איקרע, פון וואַנעט די קרענק קאָן זיך פאַרשפּרייטן צו אויבן צו. ביים אַנדריקן פאַרבלייבן אין דער הויט גריבלעך, וואָס איז זייער אַ כאַראַקטעריסטישער סימן. די הויט ביים אָנטאַפּן איז גלאַט, סאַמעטיק. ביים וויקלען שאַפן זיך אויף דער הויט פון איטלעכן קנייטל פון די ווייש פאַרטיפונגען, למשל אַרום נאָפּל פון דער נאָפּל־בינדע. פון דער קראַנקייט ליידן מערער שוואַכע און ניט אויסגע־טראָגענע קינדער.

די טעמפּעראַטור איז געוויינלעך רעכט נידעריק, אינאיינעם דערמיט איז דאָס קינד אַפּאַטיש. שלאָף, באַוועגט שוואַך די גלידער, דער פּנים איז אָנגעבלאָזן. דער קול בײַם קינד איז זייער שוואַך, עס ווערט אויך שוואַכער די האַרץ-טעטיקייט. דאָס רוב ווערט אויך שוואַכער דאָס אָטעמען. בײַם קינד גייען אוים די כּוחות, ביסלעכווײַז לעשן זיך אוים די פונקציעס פון גאַנצן קערפּער און דאָס קינד שטאַרבט.

מיר זעען, אַז די סקלערעדעמע איז אַ זייער ערנצטע קראַנקייט, הגם ס'איז נים אויסגעשלאָסן די מיגלעכקייט פון געזונט ווערן.

די קוראַציִע באַשטייט דער עיקר אין צוגעבן וואַרעמקייט דורך וואַרעמפלאַשן וכדומה. חוץ דעם מוז מען זיך זאָרגן וועגן שטאַרקן די האַרצטעטיקייט, אויסמײַדן באַנראַושן און אַלץ אַזוינס, וואָס קאָן טעכאַניש שטערן דער בלוט-צירקולאַציִע און דעם אָטעמען.

סקלערעמע איז ענלעך צו דער אויבן באַשריבענער קראַנקייט, נאָר איז נים אַזוי שטאַרק געפערלעך. בײַ דער סקלערעמע האָבן מיר אַ פאַרהאַרטונג פון דער הויט, וואָס לאָקאַליזירט זיך דער עיקר אויפן פּנים און אין די איקרעס, אַמאָל בײַ אַ מער ערנצטער פאָרם פאַרשפּרייט זיך די קראַנקייט אויפן גאַנצן גוף. די הויט איז אָנגעצויגן און בײַם אָנדריקן מיטן פינגער באַקומען זיך נים קיין גריבלעך, וואָס דערמיט שיידט זיך אונטער די דאָזיקע קראַנקייט פון סקלערעדעמע.

צוליב דער אָנגעצוינקייט פון דער הויט זײַנען באַגרענעצט די באַוועגונגען פון קערפּער און דער פּנים באַקומט אַן אָנגעצויגענעם אויסדרוק. די טעמפּעראַטור פון קערפּער פאַלט שטאַרק אונטער דער נאָרמע ביז 30 גראַד און נידעריקער. כאַראַקטעריסטיש בײַ דער סקלערעמע איז דעם קינדס געשריי. עס קומט אוים ווי דאָס קינד וואָלט הויך געקרעכצט. די דערנערונג איז שטאַרק באַגרענעצט, דאָס אָטעמען קומט פאָר פּאַמעלעכער, אויך די האַרצטעטיקייט איז באַטייטנדיק פאַרלאַנגזאַמט.

סקלערעמע טרעפט זיך דאָס רוב בײַ נים אויסגעטראָגענע, שוואַכע קינדער. די פּראָגנאָזן בײַ דער דאָזיקער קראַנקייט זײַנען גוטע.

די הויפּט היילונג איז וואַרעמע וואַנעס. דאָס קינד מוז געהאַלטן ווערן וו אַ ר ע ם.

IX. דערקראַנקונגען פון נאָפּל.

1. אז די נאָפּלשנור פאַלט אראָפּ, אן ערך נאָך 6—7—8 טעג, בלייבט געוויינלעך איבער אויפן דעק פון נאָפּל א ניט גרויסע ווונד, וואָס פארגאָרבט זיך גיך. עס טרעפט אָבער, אז די דאָזיקע ווונד פארהיילט זיך ניט און אויף איר הייבט אָן זיך פונאנדערצוּוואַקסן ווילד-פלייש (גראַנולאַציע). אין רעזולטאַט באַקומט זיך א קראַנקייט, וואָס רופט זיך אָן נ אָ פּ ל ש וו ע מ ל (גראַנו-לאָמע).

דער דאָזיקער שוועמל האָט די גרייס פון אן ארבעסל, האָט אָפטמאָל אונטן א פיסל, בלוטיקט גרינג און טיילט אַרויס שליימיקע אייטער. צוליב די דאָזיקע אַרויסטיילונגען קאָן אויף דער הויט אַרום נאָפּל גרינג זיך באַקומען אן אָנצינדונג.

די קוראַציע באַשטייט געוויינלעך דערין, וואָס דעם שוועמל שמירט מען מיט לאַפּיס און מען באַשיט אים מיט א פּראָשעק. אויב דער שוועמל צעוואַקסט זיך שטאַרקער קומט דעם דאָקטער אויס אים אָראָפּצושנײַדן.

2. אויב דער נאָפּל איז ניט אָפּגעהיט געוואָרן גענוג ריין און אויף דער ווונד נאָכן אַרויספאַלן פון דער נאָפּלשנור זײַנען פאַרטראָגן געוואָרן אייטער-באַקטעריעס, קאָן אנטשטיין א נ אָ פּ ל-ג ע ש וו י ר.

ביי א נאָפּל-געשוויר האָבן מיר א גריבל אין געוועב צוליבן צעשטער פון געוועב. דער געשוויר קאָן זיך פאַרשפּרייטן אויך אויף דער הויט פון בויך, אָננעמען דעם כאַראַקטער פון א טיפער אייטערדיקער ווונד מיט פאַרשיידענע באַליינן. אָפטמאָל איז דער באַליג ענלעך אויף א דיפטעריטישן, אויב די קראַנקייט איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דיפטעריט-באַצילן.

3. צו די זייער זעלטענע קראַנקייטן געהערט א נ אָ פּ ל-ג אַ נ ג-ר ע נ ע, וואָס הײַנט צו טאָג בײַ דער הערשאַפט פון אַסעפּטיק טרעפט זי זיך מער ניט אָדער לכל הפחות טאָר זי זיך ניט טרעפן, מחמת א נאָפּל-גאַנגרענע איז נאָר א רעזולטאַט פון א ניט גענוג ריינעם באַגיין זיך מיטן קינד. ביי א נאָפּל-גאַנגרענע באַקומען די קאַנטן פון דעם נאָפּל-ווונד א שמוציקן קאָליר, צעפאַלן זיך און עס פאַרבלײַבט א גרויסער הויטדעפעקט. די אָנצינדונג פאַרשפּרייט זיך ווײַטער אויף דעם אַרום און אין דער טיף, פאַר-כאַפּט די בויכהײַטל. עס באַקומט זיך א בויכהײַטל-אָנצינדונג, וואָס פירט דאָס רוב צום טויט. אַמאָל גיט זיך אָבער אײַן דאָס קינד צו ראַטעווען דורכן אויסברענען מיטן טערמאָקויטער (אָנגעגליטע אײַזן).

ווי מיר זעען נעמען זיך דאָס רוב נאָפּל-קראַנקייטן פון אן אינפעקציע. און דערפאַר איז דער בעסטער מיטל צו קעגן דערקראַנקונגען פון נאָפּל אָפּ-צוהיטן מיט א פּינקטלעכקייט אַלע כּללים פון אַסעפּטיק און אַנטיכעפּטיק.

X. קראַנקייטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט בלוטונגען.

1. נאָפּל־בלוטונגען.

בלוטונגען פון נאָפּל קאָנען זיך טרעפן אפילו אויב די נאָפּלשנור איז פאַרבונדן געוואָרן. אזא בלוטונג קאָן זיין געפערלעך פאַרן קינד. דערפאַר איז נייטיק נאָך דער געבורט אין משך פון עטלעכע שעה צו קאָנטראָלירן דעם צושטאַנד פון נאָפּל, צי עס רינט ניט דורך בלוט דורכן פאַרבאַנד.

עס טרעפט, אז די ליגאַטור אויף דער נאָפּלשנור ציט ניט גענוג פעסט צונויף די בלוט־געפעסן, צוליב וואָס עס קאָן אנטשטיין א בלוטונג. אין אזא פאַל מוז מען א צווייטן מאָל פאַרבינדן די נאָפּלשנור.

בלוטונגען פון נאָפּל קאָנען זיך טרעפן אויך נאָכדעם ווי די נאָפּלשנור איז אראָפּגעפאַלן. געוויינלעך בלוטיקט די איבערגעבליבענע וווּנד (דער גראַנו־לאַציע־געוועב). אויף צו פאַרהאַלטן די בלוטונג ווערט די וווּנד אויסגעברענט מיט לאַפּיס, באַשאָטן מיט דערמאַטאָל און פאַרבונדן.

אין זעלטענע פאַלן קאָן די בלוטונג זיין א האַרטנעקיקע און אין משך פון עטלעכע שעה אָדער טעג פירן צום טויט. די סיבה פון אזוינע האַרטנע־קיקע בלוטונגען זיינען ספּעציעלע קראַנקייטן פון די בלוטגעפעסן. אָפט איז די סיבה פון זיך איבערחזרנדיקע בלוטונגען פון נאָפּל סעפּסיס (בלוט־פאַרגיפטונג) אָדער סיפילים ביים קינד.

2. בלוטונגען פון דער שייד ביי מיידלעך.

ביי מיידלעך טרעפן זיך אמאָל אין משך פון דער ערשטער וואָך ניט גרויסע בלוטונגען פון דער שייד אין דער פאָרם פון איינצלנע פלעקן. אזוינע בלוטונגען זיינען ניט קיין ערנצטע דערשיינונג און נייטיקן זיך ניט אין קיין קוראַציע. קלערן וועגן דעם, אז דאָס איז אן איינגאַרטיקע מענסטרואַציע, דאַרף מען ניט.

3. בלוטונגען פון נאָז.

דאָס רוב טרעפן זיך בלוטונגען פון נאָז ביי קינדער, וואָס זיינען קראַנק

מיט סיפיליס. נאָר אָפּט האָבן נאָזבלוטונגען קיין שום שײַכות ניט מיט סיפי־ליס. בײַ נאָזבלוטונגען טרעפט, אַז דאָס בלוט גיסט זיך ניט אַרויס אויסווייניק דורך די נאָזלעכער, נאָר דורך דעם נאָז־מויל־חלל און מאָגן.

4. בלוטאויסגאָסן אונטער דער הויט.

בײַ דער קראַנקייט קומען פאָר בלוטאויסגאָסן אונטער דער הויט אין דער פאָרם פון בלוטאָ־לויפן, וואָס שײַנען דורך דער הויט און גיבן איר צו אַ בלוילעכע באַפאַרבונג. די דאָזיקע בלוטאויסגאָסן קאָנען זיך טרעפן אין פאַר־שיידענע ערטער פון גוף. זייערע באַליבטע ערטער זײַנען די געגנטן פון קרייץ, פוסטריט און נאַקן. באַזונדערס גרינג אַנטשטייען די בלוטאויסגאָסן אין די ערטער, וואָס האָבן אויסצושטיין בײַ דער געבורט אַ דרוק. באַזונדערס אָפּגעהיט מוז מען זײַן בײַם אויפלעבן דאָס קינד, אַז מען פּאַטשט אים אויפן געזעס. בײַ מער ענערגישע קלעפּ קאָנען אין די ערטער אַנטשטיין בלוט־אָנלויפן. אויב די בלוטאויסגאָסן זײַנען באַטײַטנדיקע, קאָן דאָס קינד אין אַ געוויסער צײַט אַרום ווערן געלזיכטיק.

בכלל איז די דאָזיקע קראַנקייט ניט קיין ערנצטע. נאָר אָפּטמאָל אַנט־שטייען בלוטאויסגאָסן אונטער דער הויט בײַ סעפּסיס, דאַן איז עס קלאָר אַ סימן, וואָס ווײַזט אָן אויף אַ זייער ערנצטער אַלגעמיינער דערקראַנקונג.

5. בלוטונגען פון מאָגן־געדערעם־טראַקט.

מ ע ל ע נ ע.

אונטער מעלענע פאַרשטייען מיר די קראַנקייט, וואָס איר עיקר סימן איז בלוטונגען פון מאָגן און פון די געדערעם בײַם נײַ געבוירענעם. די קראַנ־קייט איז זייער אַן ערנצטע און במעט בײַ אַ העלפט קינדער ענדיקט זי זיך מיטן טויט.

אָבער ניט יעדער בלוטונג פון מאָגן און געדערעם איז אַ ריכטיקע מע־לענע. ס'טרעפט, אַז דאָס קינד שלינגט אַראָפּ בײַ דער געבורט בלוט פון דער מוטערס שייד. אויב דאָס קינד ברעכט דערנאָך אַרויס אָט די פאַרשלונ־גענע בלוט, גיט דאָס ניט קיין רעכט צו זאָגן, אַז דאָס קינד האָט מעלענע. דאָס אייגענע קאָן זיך טרעפן בײַם זויגן. דאָס קינד קאָן אַראָפּשלינגען בלוט בײַ שפּאַלטן אין די ברוסטוואָרצלען, בײַ נאָזבלוטונגען, בײַ באַשעדיקונגען אין מויל־חלל.

אַזוינע דערשײַנונגען רופן מיר אָן אַ פ אַ ל ש ע מעלענע אָן אונטער־

שייד פון דער ריכטיקער מעלענע. די ריכטיקע מעלענע איז די בלוטונגען, וואָס שטאַמען פון מאָגן־געדערעם־טראַקט. די קראַנקייט האָט איר אויסדרוק דערין, וואָס אין די ערשטע טעג נאָך דער געבורט הייבט דאָס קינד אָן צו ברעכן מיט בלוט אָדער די עקסקרעמענטן זיינען טונקל, האָבן דעם קאָליר פון דזעגעכץ מיט אַ בלוטיקער באַפאַרבונג. אויב דער מקור פון די בלוטונגען איז דער מאָגן, האָבן מיר אַ ברעכן מיט בלוט. אויב אָבער דער מקור זיינען די געדערעם, ביים דאָס בלוט פאַר דער צייט וואָס עס גייט דורך דורך די געדערעם און מישט זיך אַרויס דעם קאָליר, און די עקסקרעמענטן באַקומען זייער כאַראַקטעריסטישע באַפאַרבונג.

צוליבן בלוטפאַרלוסט ביי דער מעלענע ווערן די קינדער גיך בלוטאָרעם, די הויט און די שליימהייטלעך ווערן בלאַס, אָפט שטייגט דערביי די טעמפּעראַטור. אויב אָבער די בלוטונגען זיינען באַשטענדיקע, פאַלט די טעמפּעראַטור און ווערט אונטער נאָרמאַל, דאָס קינד ווערט שלאַף, פאַרוואַרפט דאָס עסן. דעם קינדס וואָג פאַלט.

די סיבה פון מעלענע איז ניט גענוג אויפגעקלערט. ביי מעלענע האָט מען געפונען געשווירן אין מאָגן און אין די געדערעם, אויך אַ באַזונדערע בלוטעוודיקייט פון די געפעסן. ניט זעלטן איז די סיבה פון מעלענע אַ וואַסער ניט איז אינפעקסיע.

וואָס שייך דער קוראַציע פון דער ריכטיקער מעלענע איז נוציק ביי איר ערשטן אויפקום אויפצוהערן זייגן. במשך פון די ערשטע 24 שעה מוז מען לאָזן דעם קינדס מאָגן זיך אויסרוען. העכסטנס קאָן מען געבן אַ ביסל קאַלטע טיי. אז דאָס ברעכן הערט אויף, קאָן מען דעם קינד געבן אין ניט קיין גרויסע פּאָרציעס פרויען־מילך אין אַ קאַלטן צושטאַנד.

פון רפואות גיט דער דאָקטער אין דער ערשטער ריי די מיטלען, וואָס העלפן מיט צו אַ גיכן פאַרגליווערן זיך פון בלוט. אזוי למשל גיט מען סטעריליזירטע זשעלאַטין אונטער דער הויט. פונקט אזא ווירקונג האָבן פאַרשיידענע סערומס (למשל דער פערד־סערום).

אין דער לעצטער צייט גיבן די דאָקטוירים מיט דערפאָלג פּרעפּאַראַטן פון קאַלציום (קאַלך).

פון גרויסער וויכטיקייט איז האַלטן דאָס קינד וואַרעם, מחמת ביי מעלענע פאַלירט עס גרינג וואַרעמקייט.

היינט צו טאָג אַ דאַנק די באַמיונגען, וואָס ווערן געמאַכט ביי דער קוראַציע, איז די שטערבלעכקייט ביי דער מעלענע שטאַרק געפאַלן. אויב פריער האָט די סטאַטיסטיק געוויזן ביי מעלענע אַ שטערבלעכקייט פון 50 %, זיינען היינט שוין פאַראַן אַ גאַנצע ריי אָבסערווירונגען פון פאַלן, ווען דאָס קינד ווערט פון מעלענע געזונט, און די שטערבלעכקייט איז געפאַלן ביז 5 %.

XI. אינפעקציע=קראַנקייטן ביי נייַ געבוירענע.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז דער אָרגאַניזם פון נייַ געבוירענעם צייכנט זיך אויס מיט אַן אימוניטעט בנוגע אַ גאַנצער רײַ קראַנקייטן. מאָזלען, שאַר=לאַך, דיפטעריט — דאָס זײַנען קראַנקייטן, וואָס באַגעגענען זיך זייער זעלטן בייַ נייַ געבוירענע. די דאָזיקע אייגנטשאַפט דערקלערט זיך דערמיט, וואָס דאָס קינד באַקומט משמעות בירושה פון דער מוטער אַ באַשטימטע אימוניטעט בנוגע די קראַנקייטן. באַזונדערס צייכנען זיך אויס דערמיט די קינדער, וואָס מע זייגט מיט דער ברוסט. אין דעם באַשטייט די באַזונדערע מעלה פון פרויענמילך אין פאַרגלייַך מיט אַנדערע מילך, למשל קו-מילך וכדומה, מיר נעמען אָן, אַז אין פרויענמילך זײַנען פאַראַן אַזוינע קערפּערלעך, וואָס גיבן צו דעם קינד אַן אימוניטעט בנוגע אינפעקציע=קראַנקייטן.

אין פּראַקטישן לעבן האָט די אייגנשאַפט פונעם נייַ געבוירענעם אַ גרויסן באַטייַט. אַז די אַנדערע קינדער אין דער משפחה ווערן קראַנק מיט מאָזלען, שאַרלאַך אָדער דיפטעריט, איז ניטאָ קיין נייטיקייט זיי צו באַזייַטיקן פון דער היים. די מורא, אַז דער נייַ געבוירענער קאָן אויך קראַנק ווערן, פאַלט אָפּ. קלאָר, אַז דערפון טאָר מען ניט דרינגען, אַז מע מעג ניט באַאַכטן די געבאָטן פון היגיענע און ריינקייט, וואָס מוזן אָפּגעהיט ווערן בייַ איטלעכער אינפעקציע=קראַנקייט, ווי נאָר זי באַווייַזט זיך אין דער משפחה.

וואָס שייַך דיפטעריט געפינען מיר אָפטמאָל דיפטעריט=באַצילן אויף דער שלייַמהייַטל פון נאָז בייַם נייַ געבוירענעם. דערבייַ רופן זיי אַרויס כאַראַקטעריס=טישע אויסבילדונגען אין דער פאָרם פון הייַטלעך. דערפאַר אָבער גייט דיפ=טעריט זייער זעלטן אַריבער אין האַלדז פון נייַ געבוירענעם. וואָס נאָר אין דעם פאַל איז די קראַנקייט דער עיקר געפערלעך פאַרן מענטשן, אַמאָל טרעפט זיך אויך דיפטעריט אויפן נאָפּל.

די קוראַציע בייַ דיפטעריט באַשטייט אין אייַנאימפן אַ קעגנדיפטעריט=סערום, וואָס איז דער איינציקער ווירקנדיקער מיטל קעגן דער דאָזיקער קראַנ=קייט.

צו די קראַנקייטן, וואָס זייַנען באַזונדערס געפערלעך פאַר דעם נייַ געבוירענעם, געהער שטאַרקראַמף (טעטאַנוס). דער אָרגאַניזם איז גענייגט זיך אָנצונעמען מיט דער דאָזיקער קראַנקייט. אין געבורטהייַזער טרעפט אָפטמאָל, אַז די קראַנקייט נעמט אָן די פאָרם פון אַן עפּידעמיע.

דער שטאַרקראַמף ווערט אַרויסגערופן דורך ספּעציעלע באַצילן, וואָס לעבן דער עיקר אין גאָרטנערד און אינעם שטויב פון גאַס. אויב נאָך דער אַרבעט אין גאָרטן רירט מען זיך צו מיט ניט דעזינפיצירטע הענט צום קינדס נאָפּל, קאָן מען גרינג אים אָנשטעקן מיט די באַצילן, דערפאַר מוז מען אָפּ=

היטן דעם נײַ געבוירענעם און זײַן צימער ניט צו פֿאַראומרייניקן מיט גאָרטנ־ערד אָדער גאַס־שטויב, וואָס קאָן פֿאַרטראָגן ווערן דורך די שיך פֿון די דערוואַקסענע.

די שטאַרבלעכקייט פֿון שטאַרקראַמף בײַ נײַ געבוירענע איז זייער גרויס און דערגייט ביז 95 %.

די קראַנקייט אַנטוויקלט זיך אין אַ געוויסער צײַט אַרום (אין 7 ביז 8 טעג) נאָך דער אָנשטעקונג. זי גיט אַזאַ כאַראַקטעריסטישן בילד, אַז איטלעכער, וואָס האָט זי איינמאָל געזען, פֿאַרגעדענקט זי אויף אייביק. דער הויפּט סימפּטאָם פֿון שטאַרקראַמף — איז אַ קאָנוולסיווער צושטאַנד פֿון די מוסקלען, קודם כּל פֿאַרקראַמפּט דער קײַ־מוסקל, און די מויל לאָזט זיך שווער עפֿענען, דאָס קינד קאָן ניט זויגן. נאָך מער, מיט אַן אָנשטרענגונג גיט זיך אײַן צו עפֿענען דעם קינדס מויל, כּדי אים צו קאָרמענען מיט אַ לעפֿעלע. דער פּנים באַקומט אַ ספּעציפֿישן אויסדרוק: די אויגן קומען אויס ווי האַלב אָפֿן, דער שטערן איז אין קנייטשן, אין די מויל־ווינקלען באַקומט זיך אַזוי ווי אַ שמייכל. די קאָנוולסיעס פֿאַרכאַפּן די מוסקולאַטור פֿון גאַנצן גוף. די בויך ציט זיך אַרײַן, די הענט דריקן זיך צו צו דער ברוסט, די פֿיס בײַגן זיך צונויף אין די קני. די אָנפֿאַלן חזרן זיך איבער פֿון צײַט צו צײַט. די טעמ־פּעראַטור קאָן שטײַגן ביז 40 גראַד און העכער.

די קוראַציע באַשטייט בײַ הײַנטיקן טאָג דער עיקר אין אײַנאימפּן אַ קעגנקראַמף־סערום. חוץ דעם גיט מען קליזמעס פֿון שלאָפֿמיטלען. אַזוי ווי דאָס שלינגען איז פֿאַרשווערט, ווערט דאָס קראַנקע קינד דערנערט מיט דער הילף פֿון דערנער־קליסטירן, וואָס באַשטייען פֿון פּרויען־מילך און קאָך־זאַלץ.

XII. סיפיליס.

סיפיליס בײַם נײַ געבוירענעם איז זייער אַן ערנצטע קראַנקייט, וואָס פאָדערט אַ גרויסע אָפּגעהיטקייט הן אין פּרט פון אויפפּאַסונג, הן אין פּרט פון דער קוראַציע.

סיפיליס ווערט אַרויסגערופן דורך אַ באַשטימטן באַציל, וואָס רופט זיך אַן ספּיראָכעטע (די בלייכע ספּיראָכעטע). ער האָט די פאָרם פון אַ קאָרקנ־ציער און טרעפט זיך דער עיקר אויף סיפיליטישע ווונדן.

סיפיליס ווערט דעם קינד איבערגעגעבן דורכן פאָטער, דורך די קראַנקע זוימען, אָדער אויך דורך דער מוטער. עס טרעפט, אַז די מוטער, וואָס איז אָנגעשטעקט מיט סיפיליס, ווײַזט ניט אַרום קיין שום סימפּטאָמען פון דער קראַנקייט, אָבער דאָס קינד קומט אויף דער וועלט אָן אָנגעשטעקטער.

אַ טייל קינדער, וואָס ווערן אין דער מוטערס טראַכט קראַנק מיט סיפיליס קומען אוּם אין געבוירמוטער, אַנטוויקלען זיך ניט ביז צו דער רייפ־קייט און ווערן געבוירן פריצײַטיק אין דער פאָרם פון פאַרפוילטער פרוכט.

אַנדערע קאָנען אָבער געבוירן ווערן אויסערלעך געזונט און ערשט אין אַ געוויסער צײַט אַרום אַרויסװײַזן סימנים פון דער קראַנקייט.

סימנים פון סיפיליס ביים ניי געבוירענעם.

די הויט בײַם סיפיליטישן קינד באַקומט אַן אויסשיט, וואָס קען האָבן אַ צעגאָסענעם אָדער אַ באַגרענעצטן כאַראַקטער. בײַם צעגאָסענעם כאַראַקטער באַווײַזט זיך דער אויסשיט דער עיקר אויפן פּנים, שטערן, ליפּן, נאָז, ברע־מען, האַנטפלאַכן און פוסטריט. די הויט באַקומט אַ ספּעציפישע העל־ברוינע באַפאַרבונג. עס אַנטשטייען שפּאַלטן אין דער הויט, באַזונדערס אַרום מויל און נאָז.

בײַ דער באַגרענעצטער פאָרם זײַנען כאַראַקטעריסטיש פאַר סיפיליס די אַזוי גערופענע סיפיליטישע בלעזלעך. דער באַליבטער אָרט זייערער זײַנען די האַנטפלאַכן און פוסטריט. די בלאָזן זײַנען פון פאַרשיידענער גרייס, אָנגעפילט מיט אַ מוטנער אָפט אייטערדיקער פליסיקייט. בעת די בלעזלעך פּלאַצן בלײַבט אַ ברוין־רויטע פאַרהאַרטונג. חוץ די בלעזלעך אַנטשטייען פלעקן, אָפט אַ געמיש פון פלעקן און בלעזלעך, וואָס זײַנען שאַרף אָפּגעגרענעצט פון דער אַרומיקער הויט, האָבן אַ רויטלעכן קאָליר מיט אַ ספּעציפישן גלאַנץ. דער דאָזיקער אויסשיט קאָן זיך פאַרשפּרייטן איבערן גאַנצן גוף פונעם קינד.

בײַ סיפיליס ווערן אויך קראַנק די שלײַמהײַטלעך. באַזונדערס כאַראַקטע־ריסטיש איז דער סיפיליטישער קאַטער בײַם נײַ געבוירענעם. ער קאָן זײַן דער איינציקער אָדער ערשטער סימן פון דער קראַנקייט.

באזונדערס פארענדערן זיך ביי סיפילים די לונגען. אפטמאל אנטשטייט די אזוי גערופענע ווייסע לונגען־אנצינדונג, וואס פארשווערט זייער שטארק דאס אטעמען און קאן זיין די סיבה פון טויט ביים קינד.

ניט ווייניקער ערנצט זיינען ביי סיפילים די דערקראנקונגען פון די בלוט־געפעסן און פון דער הארץ.

אויך דער לעבער פארענדערט זיך ביים קינד. ער ווערט באטייטנדיק גרעסער, הארט, קאן אויספילן א גרויסן טייל פון בויך, וואס איז גורם דערצו, אז די בויך ווערט אויפגעבלאזן. אויף דער בויך אנטשטייען דערביי ווענען־פארברייטערונגען. ענלעך צום לעבער פארגרעסערט זיך אויך דער מילץ.

ספעציעלע שינויים קומען פאר ביי די ביינער. די ביינהויט ווערט אנ־געצונדן און דיק. אין רעזולטאט באקומט זיך א שפינדלענלעכע פארדיקונג פון ביין. די פארדיקונג פון די ביינער קאן זיך אפרופן אויף דער מוסקל־טעטי־קייט און פירן דערצו, אז די מוסקלען זאלן זיך שוואכער צונויפציען.

פון די חושים ווערן קראנק די אויגן, דערביי קאן קומען צו אן אנציג־דונג פון זענערוו. דער מארך און די נערוון פארענדערן זיך אויך. די מארכ־הייטלעך ווערן אנגעצונדן און עס אנטשטייט א קראנקייט, וואס איז באוווסט מיטן נאמען וואסער־קראנקייט פון מארך.

א גרויסן באטייט האט די אויפפאסונג פון סיפיליטישן קינד. מע מוז געדענקען, אז אין דער געבורטהויז איז עס א סכנה פאר די איבעריקע און מוז דערפאר איזאלירט ווערן פון זיי, וואס שייך זייגן איז ביים היינטיקן טאג פעסטגעשטעלט געווארן, אז א סיפיליטישן קינד מוז זייגן נאר זיין אייגענע מוטער. ווייזט די מוטער ארויס סימנים פון דער קראנקייט אדער ניט, מוז זי איר קינד זייגן. צולייגן א סיפיליטישן קינד פון סיפיליטישע עלטערן צו דער ברוסט פון א געזונטער אם טאר מען בשום אופן ניט.

קורירן דאס קראנקע קינד מוז אויסשליסלעך דער דאקטער.

XIII. סעפּסיס ביי נייגעבוירענע.

דאָס נײַ געבוירענע קינד צייכנט זיך אויס מיט אַ באַזונדערער נטיה צו סעפּטישע פאַרגיפטונגען. די הויפּט באַקטעריעס, וואָס רופן ארויס בײַם קינד סעפּטישע דערקראַנקונגען, זײַנען די סטרעפּטאָקאָקן, די סטאַפילאָקאָקן, די קאָלי באַצילן און אַנדערע.

די פאַרגיפטונג קאָן פאָרקומען אין דער מוטערס טראַכט און מיחוץ איר. למשל, אויב די מוטער ווערט קראַנק מיט אַ קלעפּיקער קראַנקייט, שטאַרבט דאָס קינד אָוועק אין דער מוטערס לײַב, ווײַל די סמען, וואָס בילדן זיך אויס בײַ דער קראַנקייט אין דער מוטערס אָרגאַניזם, פאַרגיפטן אויך דאָס קינד.

בעת דער עצם געבורט קאָן די פאַרגיפטונג פאָרקומען דורך דער פרוכט־וואַסער. בעת דער פענכער פּלאַצט, דרינגט די אינפעקציע אַרײַן אין דער פרוכטוואַסער און גיט זיך איבער דעם קינד. ניט ווייניקער געפערלעך פאַרן קינד זײַנען די באַקטעריעס אין דער שייד אין דעם פאַל, אויב צווישן זיי געפינען זיך אויך אַזוינע, וואָס געהערן צו די מער גיפטיקע גרופּעס.

אָפטער אָבער אַנטשטייען סעפּטישע דערקראַנקונגען נאָך דער געבורט.

דער אָרט, וואָס אָפטער פון אַלץ קומט אויף אים פאָר די פאַרגיפטונג, איז דער נאָפּל. דאַן גייט די הויט, באַזונדערס אויב אויף איר זײַנען פאַראַן קליינע וווּנדן. ניט זעלטן קאָן די אינפעקציע אַרײַנדרינגען דורך דער שלײַמהײַטל פון מויל, פון נאָז און פון די אָטעם־וועגן. אויך די געדערעם קאָנען ווערן דער אויסגאַנג־פונקט בײַ אַ סעפּטישער אינפעקציע.

אָפּהענגיק פונעם אָרט, וווּ די דערקראַנקונג הייבט זיך אָן, טיילן זיך די סימנים בײַ סעפּסיס אויף אָרטיקע און אַלגעמיינע.

צו די אָרטיקע סימנים געהערן:

1) דערקראַנקונג פון נאָפּל אין דער פאָרם פון אַ נאָפּל־אָנצינדונג, פון אַ געשוויר און פון אַ געפעס־אָנצינדונג.

2) דערקראַנקונגען פון דער הויט: רײַסונגען, פלעגמאָנען, בלטזולעך א. א.

3) קאַטער, אָנצינדונגען פון די לונגען, פון די אָטעמוועגן און פון דער פלעווראַ.

4) אָנצינדונגען פון ביינמאַרך (אָסטעאָמיעליט), אייטער־אָנצינדונגען פון די געלענקען.

5) אָנצינדונגען פון דעם מויל־חלל, פונעם מאָגן־געדערעם־טראַקט און פון דער בויכהײַטל.

נאָר חוץ די דאָזיקע אָרטיקע דערקראַנקונגען פון דעם אָדער יענעם אָרגאַן, ווײַזן זיך ארויס בײַ סעפּסיס באַזונדערס בולט אויך אַלגעמיינע סימנים. דער אַלגעמיינער צושטאַנד פונעם קינד בײַט זיך באַטײַטנדיק. אונטער דער ווירקונג פון די סעפּטישע גיפטן ווערט דאָס קינד שלאַף און אָפּגעלאָזן, וואָס מערקט זיך באַלד אויף זײַן אויסערלעכן אויסזען.

מערקווערדיק איז דאָס, וואָס די טעמפּעראַטור פון קינד בײַ סעפּסיס

שטײַגט ניט שטענדיק. אָפטמאָל איז די טעמפּעראַטור כּמעט נאָרמאַל אָדער אַפילו אונטער דער נאָרמע.

בכלל געהערט סעפּסיס צו די סאַמע ערנצטע קראַנקייטן פונעם נײַ געבוירענעם, וואָס ענדיקט זיך אין אַ גרויסער צאָל פאַלן מיטן טויט.

די קוראַציע באַשטייט איין שטאַרקן די האַרצטעטיקייט. דאָס קינד מוז דערנערט ווערן נאָר דורכן זייגן די ברוסט. דער עיקר באַשטייט אָבער דער קאַמף מיט סעפּסיס אין פאַרהיטן דעם נײַ געבוירענעם פון דער דאָזיקער קראַנקייט, וואָס דריקט זיך אויס אין אַבסאָלוטער אַסעפּטיק און אין אַ גרינטלעכער אויפפּאַסונג. נעמענדיק אין אַכט די דאַרקייט פונעם קינדס אָרגאַניזם, די פיל וועגן, וואָס דורך זיי קאָן אַזוי גרינג אין זײַן אָרגאַניזם אַרײַנדרינגען אַן אינפעקציע, מוזן מיר געוויסנדיק אָנווענדן אַלע אונדזערע כּוחות אויף אָפּצוהיטן דאָס קינד פון דער שרעקלעכער קראַנקייט.

דער באַווײַז דערפאַר, אַז אַסעפּטיק און אַ ריכטיקע אויפפּאַסונג זײַנען די אײנציקע מיטלען אין קאַמף מיט סעפּסיס, איז דער פאַקט, וואָס איצט טרעפט זיך סעפּסיס בײַ נײַ געבוירענע זעלטן, אין דער צײַט ווען פריִער נאָך פאַר דער אַסעפּטיק איז די קראַנקייט געווען אַ זייער פאַרשפּרייטע. און פונקט אַזוי ווי סעפּסיס בײַ דער געווינערין קאָן פאַרטריבן ווערן פון דער צאָל קראַנקייטן, וואָס באַדרויען די פרוי, איז אויך דער דערפאָלג אין קאַמף מיטן סעפּסיס בײַ נײַ געבוירענע אין גאַנצן אין אונדזערע הענט.

XIV. די אַנטוויקלונג פון זויגקינד.

מיר אורטיילן וועגן דער אַנטוויקלונג פון זויגקינד דער עיקר לויט זײַן װאָג. נעמט דאָס קינד נאָך אַנאַנד צו אין װאָג — איז דאָס דער בעסטער באַװײַז, אַז ער אַנטוויקלט זיך פיזיש נאָרמאַל. אַ נאָרמאַל קינד, װאָס װעגט 3200 גראַם בײַ דער געבורט מיט אַ קערפּערלענג פון 50 צענטימעטער, דערגרייכט צום סוף פון ערשטן חודש די װאָג פון 3600 ביז 3800 גראַם. אין דורכשניט מוז אַ קינד צונעמען במשך פון אַ װאָך פון 100 ביז 200 גראַם. די װאָג בײַם קינד אויפן זעקסטן חודש פאַרטאָפּלט זיך, צום סוף פון יאָר — פאַרדרײַפאַכט זי זיך. די לענג פון קערפּער פאַרגרעסערט זיך צום סוף פון זעקסטן חודש אויף 10 צענטימעטער און צום סוף יאָר איז זי אַן ערך 75 צענטימעטער.

צו דרײַ חדשים הייבט דאָס קינד זעלבסטשטענדיק אויף די קעפּל, צו זעקס חדשים זיצט שוין דאָס געזונטע קינד אין בעטל, צו 9 חדשים שטייט עס, צום סוף פון ערשטן יאָר הייבט עס אָן צו גיין.

די נאָרמאַלע אַנטוויקלונג װײַזט זיך אויך אַרויס אויף די שאַרבן-ביינער פונעם קינד. אויב די קעפּל בײַ דער געבורט האַלט אין דורכשניט 32«34 צענטימעטער, איז איר גרייס צום סוף פון דריטן חודש 38 צענטימעטער, צו 6 חדשים — 41 צמ', צום סוף יאָר — 46 צמ'. חוצדעם פאַרמאַכן זיך אין די ערשטע 3 חדשים די קליינע בלויזן (פאָנטאַנעלעס) אויפן שאַרבן און צום אָנהייב פון 2טן יאָר זײַנען פאַרמאַכט אויך די גרויסע.

אַ גוטער סימן פאַר אַ נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון דער ביינער-סיסטעם רעכנט זיך אויך דאָס באַװײַזן זיך פון די מילכציינער. אין עלטער פון 6—9 חדשים שנײַדן זיך דורך בײַם זויגקינד די ערשטע מילכציינער, די אונטערשטע און אייבערשטע שנײַדציינער. די מילכציינער מוזן זיך דורכ-שנײַדן אָן װאָסערע ניט איז שטערונגען. מען קאָן אָבער ניט לייקענען, אַז בײַ אַ טייל קינדער מערקט זיך דערבײַ אַ געוויסע צעקראַכנקייט. װאָס װערט אָבער ניט צוגערעכנט צו די ערנצטע דערקראַנקונגען. אויב אין די חדשים טרעפט זיך, אַז דאָס קינד װערט קראַנק, זײַנען די מוטערס נוטה צו פאַרבינדן די קראַנקייט מיטן דורכשנײַדן זיך פון די ציינער דערקלערנדיק בלערליי קראַנקייטן מיט דער דאָזיקער סיבה, ריזיקירן די מוטערס די קראַנקייט צו פאַרלאָזן, אַנשטאָט זיך מיישב צו זײַן מיטן דאָקטער, װאָס קאָן פעסטשטעלן די אמתע סיבה פון דער קראַנקייט און זי אויסהיילן.

די בעסטע גאַראַנטיע פאַר דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פונעם קינד אין ערשטע 6 חדשים איז זייגן מיט דער ברוסט.

אָבער אָנהייבנדיק פון 6 חדשים אָן קאָן מען שוין צוטרעטן צום צו-קאָרמענען. אַנשטאָט דער ברוסט גיט מען דאַן דעם קינד איין מאָל אין טאָג (מיטאָגצײַט) בוליאָן מיט גרינס, מיט מאַנע-גרויפּן אין סכום פון 200 גראַם. צו אַכט חדשים װערט די ברוסט צוגענומען אויך אַ צווייטן

מאָל אין טאָג, אין אָוונט. אַנשטאָט דער ברוסט ווערט רעקאָמענדירט דעם קינד אין אָוונט צו געבן 2—3 צוקאַרקעס, צעווייקטע אין הייסע וואַסער, מיט אַ צומיש פון 100—150 גראַם קו־מילך.

אין משך פון 9טן חודש אַנטוויינט מען בהדרגה דאָס קינד, דערביי ווערט די ברוסטמילך פאַרביטן מיט קו־מילך. אויב דאָס אַנטוויינען פאַלט אויס אויף די זומערדיקע חדשים, דאַרף עס אָפּגעלייגט ווערן אויף אַ ווייניק הייסע צייט, מחמת דער סכּנה פאַר די קינדער מצד מאָגן־געדערעם־צעשטערונגען, וואָס אַנטשטייען גרינג זומערצייט ביי אַ קינסטלעכער דערנערונג.

צום סוף פון 9טן חודש דאַרף דאָס קינד באַקומען:

איין מאָל אין טאָג זופּ (בוליאָן) מיט גרינס און מאַנע־גרויפּן.

איין מאָל — סוכאַרקעס אין מילך.

דריי מאָל אין טאָג צו 200 גראַם פולמילך פאַרזיסט מיט אַ ביסל געווייגלעכן צוקער.

דאָס קינד ווערט אַנטוויקלט אויפן ניינטן חודש ניט דערפאַר, וואָס די מוטער איז ניט בכּוח עס לענגער צו זייגן, נאָר כּדי דאָס קינד זאָל באַקומען פאַרשיידענע שפּייז מיט אַ צומיש פון קוילהידראַטן (גרינסן, צוקער, פּירות), וואָס זיינען זייער נייטיק אויף צו שטאַרקן די ביינער־סיסטעם און פאַר אַ געהעריקער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג. ווי דאָס האָבן באַוויזן די ווויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונגען, נאָר במשך פון די ערשטע 9 חדשים איז די גרונטדערנערונג פאַרן קינד נאָר ברוסטמילך. דאָס באַווייזן זיך פון מענסטרואַציע רופט זיך ניט אָפּ אויף די מילך. נאָר אין פאַל פון אַ נייער שוואַנגערשאַפט מוז די מוטער זיך אָפּזאָגן פון זייגן דאָס קינד, מחמת דער אָרגאַניזם פון דער פרוי מאָר ניט איבערגעלאָדן ווערן מיטצווייי אויפגאַבעס: זייגן און שוואַנגערן, אָבער דאָס אַנטוויינען דאַרף גיט פאַרקומען מיט אַ מאָל פון איין טאָג אויפן אַנדערן, נאָר בהדרגה במשך פון 3—4 וואָכן. אויב עס קומט אויס פלוצים צוליב אַן ערנצטער קראַנקייט פון דער מוטער צוצונעמען דאָס קינד פון דער ברוסט, איז דאָס אָפט פאַרבונדן מיט קאָמפּליקאַציעס סיי פאַרן קינד, סיי פאַר דער מוטער. ביים צונעמען דאָס קינד מוז מען די ברוסטן הויך אונטערבינדן, באַגרענעצן דאָס טרינקען, געבן דער מוטער אָפּפירמיטלען, כּדי אַרויסצורופן פליסיקע עקסקרעמענטן.

ווי דאַרף זיך דערנערן די זייגנדיקע מוטער.

פון ערשטן טאָג אָן נאָך דעם געבורט מוז די מוטער נאָרמאַל און זאַט עסן. די אַלטע פאָרשטעלונג וועגן דעם, אַז די מוטער מוז אַ סך טרינקען, למשל טיי, טיי מיט מילך, מילכזופּן, ביר וכד' — איז ניט קיין ריכטיקע. אַן איבערמאָסיק גרויסער כּמות פליסיקייטן צעשטערט נאָר די נאָרמאַלע פאַרדייונג און פירט צו אַן איינזייטיקער דערנערונג. אין באַשטאַנד פון דער שפּייז

פאַר זייגנדיקע מוטערס מוזן אַרייַנגיין הן וויַסל, הן פעטס, און קוילנ־הידראַטן, ד״ה די שפּייַז מוז זייַן זעטיק, געשמאַק און פאַרשיידן. צו די שפּייַזן געהערן אָבליגאַטאָריש גרינסן און פּירות, וואָס זייַנען נוצלעך ניט נאָר צוליב זייערע זאַפטן (וויטאַמינען), נאָר זיי העלפן אויך מיט דער פאַרדייַונג און פירן אָפּ אויף אַ נאָרמאַלן אופן. פון די שפּייַזן דאַרף מען ניט אויסשליסן געזאַל־צענע און זויערע שפּייַזן, מחמת זיי גייען כּלל ניט אַריבער אין די מילך, ווי דאָס שטעלן זיך פאַר אַ פולע פרויען („זויערע שפּייַזן — זויערע מילך״). נאָר אַלקאָהאָל אין אַן איבערמאַסיקן סכום ווערט ניט רעקאָמענדירט, אָבער אַ גלאָז ביר אַ טאָג קאָן ניט פאַרשאַטן. גלייַכצייַטיק מוז די מוטער טאָן וואָסערע ניט איז פיזישע אַרבעטן אין דער ווירטשאַפט. גיין אַלע טאָג שפּאַצירן אויפן פרישן לופט במשך פון 1—2 שעה. עס איז אויך ניט פאַרווערט קיין ספּאָרט, וואָס מאַטערט ניט צו שטאַרק איין (טעניס, סיסטעמאַטישע גימנאַסטיק).

זייער וויכטיק איז, אַז די מוטער זאָל קאָנען אין דער נאַכט שלאָפן, אָפּט מערקן מיר, אַז די מוטער ווערט אָפּגעשוואַכט, אויסגעמוטשעט, ניט נאָר וואָס אַ גאַנצן טאָג קומט איר אויס זיך צו זאָרגן פאַרן קינד און פאַר דער באַלעבאַטישקייט, מוז זי נאָך אַלע אין דער נאַכט אויפשטיין צוליבן קינד. דאָס ניט אויסשלאָפן זיך רופט זיך זייער שעדלעך אָפּ אויף דער נערוון־סיס־טעם פון דער פרוי. דאָ איז דערפאַר וויכטיק די הילף פון אַ דריטער פּער־זאָן — אַ קינדער־מיידל, וואָס וואָלט גענומען אויף זיך די זאָרג פאַרן קינד אין דער נאַכט. נאָר אויב פאַרבעטן אַ קינדער־מיידל איז ניט צוגענגלעך פאַר יעדער פרוי, קאָן אָבער דערבייַ אַ סך העלפן אַ ריכטיקע דערציִונג פון קינד, וואָס דאַרף זיך אָנהייבן שוין פון די ערשטע טעג פון זייַן לעבן.

דאָס קינד מוז מען צוגעוווינען צו אַ באַשטימטן סדר אין פּרט פון עסן און רוען. עס באַקומט זייַן עסן אין באַשטימטע שעהן, למשל 6 און 10 אַזייגער אין דער פרי, 2 אַזייגער בייַ טאָג, 6 און 10 אין אָוונט. אין דער נאַכט דאַרף דאָס קינד ניט באַקומען קיין עסן. אויב עס זאָל אפילו די ערשטע נעכט שרייַען און פאָדערן עסן, מוז מען אים צוגעוווינען אין דער נאַכט אויסצוקומען אָן דעם. ביסלעכווייַז ווערט עס דערמיט געוווינט. קלאָר, אַז אין דער נאַכט דאַרף מען קאָנטראָלירן, צי דאָס קינד ליגט ניט נאַס. דאָס קינד מוז ליגן טרוקן און וואַרעם איינגעדעקט. צו דער דערציִונג געהערט אויך די פראַגע וועגן דעם סכום שפּייַז און וועגן דער צייַט, ווי לאַנג דאָס קינד דאַרף ליגן בייַ דער ברוסט. די מוטערס האָבן אַ טבע צו האַלטן דאָס קינד בייַ דער ברוסט לענגער, ווי דאָס איז נייטיק און נוצלעך, למשל אָנשטאָט 10—15 מינוטן האַלט מען שיר ניט אַ האַלב שעה, שוין ניט ריידנדיק וועגן דעם, אַז דערבייַ איז פאַראַן אַ סכּנה דאָס קינד איבערצוקאָרמענען, אַנטוויקלט דאָס בייַ אים אַ באַשטימטע אָפּגעלאָזנקייט און פוילקייט. דאָס קינד הייבט זיך אָן צו באַנוצן מיט דער ברוסט ניט נאָר ווי מיט אַ מקור פון שפּייַז, נאָר ווי מיט אַ באַקוועמען אָרט צו רוען. די מוטער גופא ווערט דאַן אָפּהענגיק פונעם קינדס געוווינונגען, וואָס זי אַליין האָט זיי בייַ אים אויסגעהאָדעוועט און וואָס קאָנען באַין אופן ניט אָנערקענט ווערן פאַר נוציקע סייַ פאַר דער אַנטוויקלונג,

סײַ פֿאַר דער דערציִונג פֿון קינד. כּדי דאָס קינד זאָל רויִק שלאָפֿן אין דער נאַכט, ווערט רעקאָמענדירט אין אָוונט פֿאַרן לעצטן מאָל געבן עסן אים צו מאַכן אַ וואַנע.

די מוטער אויף צו באַרויִקן די קינדער גיבן אָפֿט זײ אַ גומענעם זױ־גערל. שױן אָפּגערעדט דערפֿון, אַז אין אײנעם מיטן זױגערל װערן פֿאַרטראָגן אין קינדס מויל פֿאַרשײדענע אינפֿעקציעס, געװױנען זיך די קינדער דערבײַ צו װי צו עפּעס אַזױנס, װאָס איז ניט נאָרמאַל. שפּעטער קאָנען די קינדער שױן אָן דעם זױגערל ניט אױסקומען און אַ לאַנגע צײַט דערנאָך באַנוצן זײ װי אַ פֿאַרבײַט זײערע פֿינגער. אָנשטאָט אײַנצושטילן דאָס קינד מיטן זױגערל, איז קעדײַער אױפֿצוקלערן, פֿאַרװאָס עס איז אומרויִק, צי איז ניט די סיבּה דערפֿון אַ װאָסער ניט איז צעשטער אין דער דערנערונג אָדער אַפֿילו אַ קראַנקײט. אַ געזונט קינד, װאָס באַקומט גענוג עסן און גוטע אױפֿפּאַסונג, װעט זיך שטענדיק באַגײן אָן אַ גומענעם זױגערל, װאָס פֿאָדערט אױף צו האַלטן אים גענוג רײן, אַ גרױסן אױפֿמערק מצד דער מוטער. אַ צװײטער פֿאַרשפּרײטער מיטל אױף צו באַרויִקן דאָס קינד איז אַרומטראָגן אױפֿן האַנט, פֿאַרװיגן און זינגען פֿאַרשײדענע לידער. די קינדער זײַנען דאַן רויִק נאָר כּל זמן מע טראָגט זײ אַרום. זײ געװױנען זיך צו צו דעם און שפּעטער קאָנען זײ זיך אָן דעם ניט באַגײן. דאָס אַרומטראָגן אָבער רופֿט זיך שלעכט אָפּ אױף דעם נאָרמאַלן װאַקסן פֿון די בײנער. דאָס פֿאַרװיגן און דאָס זינגען איז ניט עפּעס אַנדערש, װי אַ מין באַרױשן. דערפֿאַר איז גלײַכער די דאָזיקע „באַרויִקונג“־מיטלען ניט אָנצוװענדן. װײניקער פֿון אַלץ מוז דאָס קינד זײַן אַ שפּילכל פֿאַר די דערװאַקסענע. די „געשפּרעכן“ מיט אים ברענגען אים אָפֿט מער שאָדן און רעקן אים מער אױף, אײדער אַנטװיקלען און באַרויִקן.

װי אַנטװיקלט זיך דאָס גײַסטיקע לעבן פֿון קינד.

בײַם נײַ געבױרענעם איז דאָס גײַסטיקע לעבן מינימאַל. ער עסט, שלאָפֿט און שרײַט. פֿון די דרײַ דערשײַנונגען שטעלט זיך צונױף אין די ערשטע חדשים זײַן גאַנץ לעבן. ער װײַזט ניט אַרױס קײן באַזונדערן אינטערעס צו דער אַרומיקער סבֿיבֿה. זײַנע באַװעגונגען זײַנען אָן אַ ציל. אין זײ איז ניט פֿאַראַן קײן שום זינען, ביסלעכװײַז ערשט הײבט דאָס אַרומיקע לעבן אים אָן צו אינטערעסירן. פֿון דריטן חודש הײבט דאָס קינד אָן צו דערקענען אין פּנים זײַן מוטער אָדער די פֿרױ, װאָס פֿאַרנעמט זיך מיט אים. פֿון פֿערטן חודש אָן קאָן דאָס קינד שױן פֿיקסירן באַשטימטע קעגנשטאַנדן, באַגלײט מיט די אױגן אַ זאַך, װאָס מען װײַזט אים, אָדער אַ מענטשן, װאָס שטײט פֿאַר אים. דאָס זײַנען די ערשטע סימנים פֿון גײַסטיקער טעטיקײט. באַלד מאַכט עס פּרוּװן אָנצוכאַפּן קעגנשטאַנדן, װאָס באַפֿײַט אַ באַשטימטע באַװוסטזיניקײט אין די באַװעגונגען, צו דער צײַט דערקאָנט דאָס קינד מענטשן און זאַכן,

וואָס ער האָט שוין פריִער געזען, און אויף זײַן פּנים אַנטוויקלט זיך אַ געוויסע מימיק. ער קאָן אויסדריקן פרייד און שרעק. בײַ טאָג ליגט ער אָפט מיט אָפענע אויגן, ציט אויס די הענטלעך, אַרבעט מיט די פיסלעך, רעדט אַרויס די ערשטע קלאַנגען, ווי ער וואָלט זיך אַליין עפּעס „דערציילט".

אויפן זעקסטן חודש. בעת דאָס קינד איז שוין בכּוח צו זיצן, הייבט עס אָן זיך צו שפּילן מיט זײַנע צאַצקעס, וקט זיך אויפמערקזיק צו זיי צו, דערבײַ נעמט ער זיי דער עיקר אין מויל, באַלעקט זיי און וואַרפט אויפן דיל. אין דער צײַט מוז מען זייער פיל אַכט געבן אויפן קינד, צוליב זײַן נטיה אַלץ צו כאַפּן. שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס ער קאָן אָוועקפּטרן קעגנשטאַנדן, קאָן ער כאַפּן הייסע און שאַרפע זאַכן, ווי אַ לאָמפּ, אַ מעסער, — און זיך שעדיקן.

צום סוף פון ערשטן יאָר ריידן שוין די קינדער אַרויס די ווערטער „מאַמע", „פּאַפּע". דערבײַ האָט פאַררעכט דאָס וואָרט „מאַמע", וואָס גיט זיך אים אײַן גרינגער. דער נאָמען פון דער, וואָס האָט אים געבוירן און געהאָדעוועט, קומט אַרויס קודם כּל פון זײַנע ליפּן.

XV. דאָס קינסטלעכע קאָרמענען.

אונטער קינסטלעכן קאָרמענען פאַרשטייען מיר אין אונטערשייד פון נאַטירלעכן זייגן מיט דער ברוסט — דאָס קאָרמענען מיט קומילך פון א פלעשל.

דאָס קינסטלעכע קאָרמענען שיידט זיך שטאַרק אונטער פונעם נאַטירלעכן אין פרט פון דער ווירקונג אויפן קינד. דער אונטערשייד צווישן די רעזולטאַטן פון דער און פונעם אַנדערן אופן קאָרמענען קאָן באַוויזן ווערן מיט די פאָלגנדיקע ציפערן: די שטערבלעכקייט בײַם קינסטלעכן קאָרמענען שטײַגט בין 9 מאָל אַריבער די שטאַרבלעכקייט פון קינדער, וואָס ווערן געהאָדעוועט מיט דער ברוסט. די הויפּט סכנה בײַם קינסטלעכן קאָרמענען איז זומרצײַט צוליב מאָגן- און געדערעם-דערקראַנקונגען. דעם קינדס געזונט איז אין דעם פאַל אָפּהענגיק פון דעם איכות און די קומילך, פונעם געזונט פון דער קו, וואָס גיט די מילך, פון דעם אופן ווי די מילך ווערט צוגעשטעלט און אויפגעהיט.

דאָס זייגן האָט נאָך די מעלה, וואָס דאָס העלפט מיט בײַ דער צוריקציִונג פון דער געבוירמוטער. בעתן זייגן פאַרהאַלט זיך כמעט אין א העלפט פאַלן די מענסטרואַציע.

די נאַטור, קומט אויס, פאַרהיט די מוטער, וואָס זייגט איר קינד, פון שוואַנגער ווערן, שפּאָרנדיק איר ענערגיע, וואָס זי דאַרף האָבן בײַם זייגן. לסוף איז דאָס זייגן אויך אַפילו אײַנפאַכער, ס'איז ניט פאַרבונדן מיט א גאַנצער רײ דאגות וועגן באַקומען מילך, וועגן קאָכן, וועגן א געהעריקער ריינקייט פון דער פלעשל, ווי דאָס פאָדערט זיך בײַ א ריכטיקער אויסשטעלונג פון קינסטלעכן קאָרמענען. בכן טאָר קיין מוטער צוליבן קינדס געזונט ווי אויך צוליב אירע אייגענע אינטערעסן זיך ניט אָפּזאָגן פון איר דירעקטן חוב דאָס קינד צו זייגן. נאָר דאַן אויב אין דער ברוסט איז ניט פאַראַן קיין מילך אָדער צוליב א קראַנקייט איז דער מוטער פאַרווערט צו זייגן, מעג מען אָנהייבן קינסטלעך צו קאָרמענען.

בײַם קאָרמענען קינסטלעך באַנוצן מיר זיך דער עיקר מיט קומילך אָדער מיט ציגנמילך. מיר וועלן זיך דאָ באַקענען מיטן כעמישן באַשטאַנד פון קו- און ציגנמילך אין פאַרגלײַך מיט פרויענמילך.

	וואַסער	פעטס	ווײַסל	צוקער.
פרויענמילך	87,6%	3,35%	1,8%	6—7%
קומילך	88—%	3,2%	3,4%	4,6%
ציגנמילך	86,8%	4—%	3,76%	4,74%

פון דער טאַבעלע איז קאָנטיק, אז פרויענמילך אַנטהאַלט אין פאַרגלײַך מיט קו- און ציגנמילך כמעט אין 2 מאָל ווייניקער ווײַסל-שטאָפּ, נאָר דערפאַר באַטײַטנדיק מער צוקער. חוץ דעם ווערט דאָס פעטס פון קומילך א סך ערגער פאַרדײַט, איידער דאָס פעטס פון פרויענמילך. דערפון

דרינגט די נייטיקייט די קומילך צו פּאַרוואַסערן, כּדי לויטן באַשטאַנד זאָל די קומילך כאָטש אַ ביסל נענטער ווערן צו פרויענמילך. בײַם פּאַרוואַסערן פאַרלירט די מילך אין פּרט פון נאַרונג, מחמת נאָר פולמילך איז גלײַכווערטיק מיט פרויענמילך. בכן קומט אוים צו פאַרוואַסערטע קומילך צוצומישן פאַרשיידענע פּראָדוקטן, וואָס קאָנען פאַרשטאַרקן די נאַרונג-קראַפט. אַזוינע צוגאָבן זײַנען דער עיקר קוילנהידראַטן און פעטס, ווײַל זיי זײַנען דער נייטיקער ברענשטאָף פאַרן קינדס אָרגאַניזם, קיין ווײַסל-שטאָפן גיבן מיר ניט צו, מחמת זיי געפינען זיך .אײַן אין אַ גענוגיקער מאָס אַפילו אין פאַרוואַסערטע קו- אָדער ציגנמילך.

וואָס פאַרא פאָדערונגען שטעלן מיר צו קומילך? קומילך, וואָס גייט פאַר קינדער, אַזוי גערופענע קינדער-מילך, מוז אַנטשפּרעכן אַ גאַנצע ריי פאָדערונגען. מע מעג באַנוצן נאָר מילך פון געזונטע בהמות. די בהמות טאָרן ניט קראַנק זײַן מיט טובערקולאָז, אין וואָס מ'קאָן זיך איבערצייַגן, אויב מען אימפּט זיי אײַן פּונקט ווי אַ מענטשן טובערקולין. אויב די בהמות זײַנען געזונט רעאַגירן זיי ניט אויף דער אײַנאימפונג. דער אײַטער בײַ דער בהמה מוז זײַן ריין און געזונט, ער טאָר ניט זײַן קראַנק מיט קיין שום אָנצינדונגען. די בהמות מוזן זיך געפינען אין ריינע שטאַלן, זייער עסן מוז קאָנטראָלירט ווערן. מעלקן זיי מוזן געזונטע מענטשן מיט ריינע הענט. די עמערס, וואָס מען באַנוצט בײַם מעלקן, מוזן באַזונדערס ריין אויפגעהיט ווערן. תּיכּף נאָכן מעלקן מוז די מילך אַוועקגעשטעלט ווערן אין אַ קילן רוים מיט אַ טעמפּעראַטור פון 6—8 גראַד. די פלאַשן, וווּ מען צעגיסט די מילך, מוזן ווי געהעריק איז פאַרקאָרקט ווערן. דער טראַנספּאָרט מוז זומערצײַט פאָרקומען אין אײַזוואַגאָנעס. בײַם צושטעלן דעם פאַרברויכער טאָר די טעמפּעראַטור פון דער מילך ניט זײַן העכער ווי 10 גראַד צעלזיו.

אויף צום קאָנטראָלירן קינדערמילך ווערן געמאַכט אַנאַליזן. אין דער מילך טאָר ניט זײַן קיין שום זײַטיקע צומישן און אומריינקייטן, זי מוז אַנטהאַלטן דעם נייטיקן סכום פעטס און מוז זײַן פרײַ פון באַקטעריעס.

מיר גייען אַריבער צו די גרונט-כּללים, וואָס מוזן אָפּגעהיט ווערן בײַם קינסטלעכן קאָרמענען.

1. ווי פיל מאָל זאָל דאָס קינד באַקומען עסן? ס'איז אָנגענומען פאַר אַ כּלל, אַז מען טאָר ניט קאָרמענען מער ווי 5 מאָל אין מעת-לעת, ד״ה אַן ערך אַלע פיר שעה, דערבײַ טאָר דאָס קינד אין דער נאַכט ניט באַקומען קיין עסן.

2. דער גאָרער סכום פליסיקייט, וואָס דאָס קינד באַקומט במשך פון מעת-לעת טאָר ניט אַריבערשטײַגן אַ פינפטל פונעם קינדס געוויכט און טאָר ניט זײַן אין גאַנצן גענומען מער פון 1 ליטער.

דאָס ווערט באַרעכנט אויף אַזאַ אופן. אויב דאָס קינד, נעמען מיר אָן, וועגט 4 קילאָגראַם, ד״ה, 4000 גראַם, מוז עס במשך פון מעת-לעת באַקומען 4000 גראַם געטיילט אויף 5, וואָס מאַכט אוים 800 גראַם פאַרוואַסערטע

מילך, אַז מען פאַרטיילט צו 800 גראַם אויף 5 מאָל, באַקומט זיך פאַר יעדער מאָל עסן 160 גראַם.

3. ווי פיל מוז מען דערצו נעמען פולמילך?

דער דאָזיקער סכום איז אויך אָפּהענגיק פונעם קינדס וואָג. אין אַלגע־מיין טאָר ער ניט איבערשטייגן אַ צענטל פון דער וואָג. בלײַבנדיק בײַ דעם פריערדיקן בײַשפּיל מיט אַ קינד, וואָס וועגט 4000 גראַם, פירן מיר אַרויס, אַז דער סכום איז 400 גראַם, ד"ה, 4000 גראַם געטיילט אויף 10.

4. די קומילך מוז פאַרוואַסערט ווערן. בײַם קינסטלעכן צעפירן מיר שטענדיק די מילך מיט דער הילף פון קוילנהידראַטן (אַן אָנקאָך פון גרויפּן אָדער מעל און אַ צומיש פון צוקער). אין די ערשטע פיר וואָכן נעמט מען 1 טייל מילך אויף 2 טיילן פונעם אָנקאָך, פון דער פינפטער וואָך אָן 1 טייל מילך אויף 1 טייל פון אָנקאָך (העלפט אויף העלפט). דער אָנקאָך דאַרף פאַרפאַרטיקט ווערן פון האָבערנע גרויפּן, פון מעל אָדער פון רײַז און אַ 3 פּראָצ' צעלאָזונג, ד"ה, אויף אַ גלאָז וואַסער נעמט מען 3 גראַם גרויפּן, מעל אא"וו. די צוקער דאַרף ניט אויסמאַכן מער ווי 3—5 פּראָצענט, פונעם גאַנצן סכום. ד"ה, אויף אַ גלאָז פון דער פאַרטיקער מישונג נעמט מען 1 טיילעפל צוקער (בעסער איז צו נעמען מילך־צוקער אָדער Soxhlets Nährzucker).

אַן אויפגאַבע. אַ קינד פון זעקס וואָכן וועגט 4200 גראַם. ווי זאָל מען אים קינסטלעך קאָרמענען?

די ערשטע פראַגע: ווי פיל קומילך באַקומט דאָס קינד?

דער ענטפער: 4200 : 10=420 גראַם.

די צווייטע פראַגע: ווי פיל טום מוז מען צומישן צו די מילך?

דער ענטפער: פונקט אַזוי פיל, ד"ה, 420 גראַם.

די דריטע פראַגע: ווי פיל גרויפּן אָדער מעל מוז מען פאַרניצן אויף צוצוגרייטן דעם טום?

דער ענטפער: 3 פּראָצענט, ד"ה, אויף יעדער 100 גראַם 3 גראַם, אויף 420 גראַם מאַכט עס אויס 4 מאָל 3 — 12 גראַם.

די פערטע פראַגע: ווי פיל צוקער מוז מען צוגעבן?

דער ענטפער: פון 3 ביז 5 פּראָצענט, ד"ה, אויף 820 גראַם פון 25 ביז 40 גראַם צוקער.

אויב עס קומט אויס קינסטלעך צו קאָרמען אַן ערשט געבוירענעם, לאָזט מען געוויינלעך די ערשטע 24 שעה דורך. אויפן צווייטן טאָג גרייט מען פאַר אים צו אַ מישונג, וואָס באַשטייט פון איין דריטל מילך און צוויי דריטל געקאָכטע וואַסער, פאַרזיסט מיט 1 טיילעפל צוקער אויף אַ גלאָז. לכתחילה גיט מען דעם קינד ניט קיין גרויסע סכומען — אַן ערך 10—20 גראַם. ביסלעכווײַז ווערט דער סכום פאַרגרעסערט, אַז צום סוף פון דער צווייטער וואָך באַקומט עס 100 גראַם אַ מאָל. אָנשטאָט וואַסער קאָן מען שוין נעמען טום פון גרויפּן רײַזמעל אין אַ 3 פּראָצ' באַשטאַנד. אָנגעהויבן פון דער פינפטער וואָך נעמט מען אָנשטאָט 1 דריטל שוין ½ מילך, כּדי

אויסצומײַדן אַז דאָס קינד זאָל הונגערן. אַזוי קאָרמעט מען ביזן 3טן חודש.

פון דריטן חודש אָן איז נוציק אָנשטאָט גרויפּן-טום צו געבן אָן אָנ-קאָך פון מעל אין סכום פון 3—5 פּראָצענט.

אויפן פערטן און פינפטן חודש מוז מען פאַרגרעסערן דעם סכום קוילנ-הידראַטן. דערפאַר גיט מען דעם קינד איין מאָל אין טאָג קאַשע, וואָס ווערט צוגעגרײַט אויף אַ העלפט מילך און אַ העלפט וואַסער.

פון זעקסטן חודש אָן פאַרקלענערט מען דעם סכום מילך און מען פירט אַרײַן איין מאָל אין טאָג אַ שפּײַז אָן מילך, דהיינו בוליאָן מיט אַ צו-מיש פון מאַנע און גרינסן. אַזוי אַרום וועט דאָס קינד אויפן זעקסטן חודש באַקומען במשך פון טאָג אַזוינע שפּײַזן: 3 מאָל אין טאָג 1 פלעשל אויף העלפט פאַרוואַסערטע מילך, 1 מאָל קאַשע, צוגעגרייטע אויף העלפט מילך, און 1 מאָל בוליאָן מיט מאַנע און גרינסן. פון גרינסן וועט רעקאָמענדירט ווערן, שפּינאַט, בלומענקרויט. פון פרוכטן — עפּל, בארן, און עפּלצינען.

פון 8טן חודש אָן גיט דאָס קינד איבער אויף פולמילך.

דאָס געמישטע קאָרמענען.

אין פאַל ווען די מוטער קאָן ניט צוליב איר סאָציאַלער לאַגע אין גאַנצן זיך אָפּגעבן מיטן קאָרמענען דאָס קינד, הגם אין דער ברוסט האָט זי גענוג מילך, ווערט אָנגעווענדט דאָס אַזוי גערופענע געמישטע קאָרמענען Allaitement mixte.

עס באַשטייט אין דעם, אַז 2—3 מאָל אין טאָג באַקומט דאָס קינד די ברוסט און די איבעריקע מאָל קאָרמעט מען צו קינסטלעך פון פלעשל. אַ געמישט קאָרמענען איז נוציק אויך דאַן, אויב די מוטער האָט ניט גענוג מילך. אין דעם פאַל טאָר מען זיך ניט אין גאַנצן אָפּזאָגן פון זייגן און אַרי-בערגיין צום קינסטלעכן קאָרמענען. נאָר אָנווענדן דעם געמישטן אופן. דערבײַ ווערט רעקאָמענדירט יעדער מאָל פריער צו געבן דעם קינד די ברוסט און ערשטע דאַן, אַז עס האָט די גאַנצע מילך פון דער ברוסט אויסגעזויגן, אים געבן אַ פלעשל פאַרוואַסערטע קומילך אין סכום און באַשטאַנד, וואָס אַנט-שפּרעכט זײַן עלטער און וואָג. בײַ אַזאַ געמישטן קאָרמענען דערגרייכט מען אָפט גוטע רעזולטאַטן. עס טרעפט אָבער, אַז בײַ אַ געמישטן קאָרמענען ווילן די קינדער בעסער די פלעשל, נעמען ניט גערן די ברוסט, אַזוי אַז ביסלעכ-ווײַז ווערט אין דער ברוסט רק ווייניקער מילך און די מוטער איז געצוואונגען אַריבערצוגיין אין גאַנצן צו אַ קינסטלעכן קאָרמענען.

די אַם.

אויב די מוטער קאָן אַליין דאָס קינד ניט זייגן און דאָס קינד מוז געקאָרמעט ווערן מיט פרויענמילך, מוז מען זען צו באַקומען פאַר אים אַן אַם. בײַם פאַרבעטן די אַם איז אומבאַדינגט נייטיק אַ באַשטעטיקונג פון דאָקטער, אַז זי איז געזונט. דער עיקר מוז מען לייגן אַכט אויף דעם, אַז די אַם זאָל ניט זײַן קראַנק מיט סיפילים (אויף דעם איז נייטיק אַ בלוטאונטערזוך), מיט גאָנאָרייע, טובערקולאָז און וואָסערע ניט איז הויטקראַנקייטן. צו נעמען אַן אַם פריוואַט ווערט ניט רעקאָמענדירט. בעסער פון אַלץ איז זיך צו ווענדן אין מלוכהשע אָדער געזעלשאַפטלעכע קינדער-הײַזער אָדער שפּיטאָלן, ווו די אַם האָט געבוירן איר אייגן קינד און פאַרבלײַבט דאָרטן זייגן קינדער. אַזוינע אַמען האָבן באַקומען אַ געוויסן צוגרייט אין פּרט פון היגיענע, וואָס איז נייטיק בײַם זייגן.

אויב די מאַטעריעלע באַדינגונגען דערלאָזן עס, איז עס געווונטשן ניט צו צעשיידן די אַם מיט איר אייגענעם קינד, מחמת ס'רוב קאָן קלעקן מילך אויך פאַר 2 קינדער.

פריער פלעגט מען לייגן אַכט אויף דעם, אַז דאָס קינד פון דער אַם און אַז דאָס קינד, וואָס די אַם דאַרף זייגן, זאָלן זײַן פון איין עלטער. דאָס שפּילט אָבער ניט קיין ראָל.

ס'איז דורכאויס וויכטיק, אַז די אַם זאָל אין שטוב ניט נאָר זײַן אַ באַשעפעניש, וואָס גיט מילך, זי דאַרף טאָן באַשטימטע שטוביקע אַרבעטן. דאָס עסן פאַר איר דאַרף צוגעגרייט ווערן לויט איר געשמאַק. אויסגעקליבענע שפּײַזן ברענגען אַמאָל מער שאָדן איידער נוצן. זי מוז האָבן גענוג צײַט אויף צו גיין שפּאַצירן. ס'איז אויך נוציק, אַז זי זאָל ניט זײַן איזאָלירט פון איר אייגענעם קינד, אויב זי האָט אים אָוועקגעגעבן האָדעווען אירע קרובים אָדער פרעמדע.

XVI. די דערציונג פון קינד.

די אַלע מיטלען, וואָס מיר ווענדן אָן פאַר דער פיזישער אַנטוויקלונג פונעם קינד, ווירקן גלייכצייטיק אויף זיין גייסטיקער און פסיכישער אַנטוויקלונג. ס'איז קלאָר דערפאַר, אַז די פיזישע דערציונג און פסיכישע אַנטוויקלונג זיינען ענג פאַרבונדן צווישן אַנאַנד. גערעכט זיינען די דאָקטוירים וואָס באַהויפּטן, אַז די דערציונג פון קינד הייבט זיך שוין אָן פון דער וויג.

שוין דאָס אַליין וואָס דאָס קינד באַקומט זיין עסן אין אַ באַשטימטער צייט, וואָס ווערט פון אונדז אָנגעוויזן (אַלע 3—שעה), איז דער ערשטער מאָמענט אין דער דערציונג און ניט נאָר אַ נייטיקער באַדינג פאַר דער פאַרדייונג פון דער שפּייז. אַז מיר גיבן ניט דעם קינד אין דער נאַכט קיין עסן, געוווינען מיר אים צו צו ביינאַכטיקן אָפּרו, וואָס אין אים נייטיקט זיך ניט נאָר דאָס קינד אַליין, נאָר אויך די מוטער און די גאַנצע אַרומיקע סביבה. און הגם דאָס גיט זיך ניט שטענדיק איין גרינג צו דערגרייכן, מוז מען אָבער דערויף באַשטיין. פון דער מוטער פאָדערט זיך אַ שטיקל העלדישקייט צו לאָזן דעם קינד אַ נאַכט דורכשרייען, דער ניצחון וועט אָבער שפּעטער דער־פאַר אָבער ברענגען גוטע רעזולטאַטן.

ווייטער איז זייער וויכטיק צו באַגרענעצן דעם סכום שפּייז, וואָס אַנט־וויקלט אינעם קינד אַ געפיל פון מאָס. אין דעם פּרט איז גרינגער פאַרטיק צו ווערן מיט אַ ברוסטקינד, דאָס ברוסטקינד, וואָס זויגט אַרויס די מילך פון דער מוטערס ברוסט, טוט דערביי אַ גרויסע אַרבעט. עס ווערט מיד און הערט אויף צו זויגן. שווערער איז עס מיט קינדער, וואָס ווערן קינסטלעך גענערט מיט אַ פלעשל. די שפּייז פון פלעשל רינט זיי דירעקט אין מויל אָן אָנשטרענגונג. מיר מערקן אָפּט, אַז זיי הייבן אָן צו שרייען, ווי נאָר מען נעמט אַוועק פון זיי די פלעשל, אויך אין דעם פאַל ווען זיי האָבן באַקומען גענוג שפּייז. דאָ טאָר אָבער די מוטער ניט גיין אויף קיין הנחות און ניט געבן קיין צוגאָבן, וואָס קאָנען נאָר ברענגען דעם קינד אַ גרויסן שאָדן. אויב די מוטער האָט זיך איבערצייגט מיט דער הילף פון דער וואָג, אַז דאָס קינד האָט באַקומען גענוג עסן, טאָר זי זיך ניט לאָזן פירן פונעם קינדס געשרייען און שטעלן אין סכנה זיין געזונט. בכלל באַקומט דאָס קינד במשך פון טאָג אַ סכום שפּייז, וואָס איז אין געוויכט גלייך צו אַ זעקסטל פון זיין וואָג. ווען דאָס קינד ווערט עלטער דאַרף עס ניט באַקומען מער פון אַ ליטער פליסי־קייטן אין מעת־לעת. אָנגעהויבן פון זעקסטן חודש באַקומט דאָס קינד ווי אַ צוגאָב זופּ. די זופּ מוז מען אים געבן מיט אַ לעפעלע און ניט פון פלעשל, דאָ שטויסן זיך די מוטערס אָפּט אָן אויף אַ ווידערשטאַנד מיצד דעם קינד, ווייל דער טעם פון זופּ איז ווייניקער אָנגענעם ווי דער טעם פון מילך. די מוטער טאָר זיך ניט צוליבן פראָטעסט פון קינד אָפּזאָגן פון דעם דאָזיקן צוקאָרמענען, מחמת אין קעגנפאַל באַקומט דאָס קינד די איבערהאַנט איבער איר. דער ערשטער פּרווו אין דערגרייכן אַ האָרכן מיצד דעם קינד פאַלט

דורך, שוין אפגעזען דערפון, אז פאר אים איז וויכטיק צו באקומען צוגאב־שפייזן פון אנדערע גארונג־שטאפן.

א שווערע אויפגאבע שטייט פאר דער מוטער אויסצולערנען דאס קינד צו זיין ערשטן לעבנויאר צו פארבלייבן אליין אין צימער, ווען זי דארף ארויסגיין. דאס קינד, וואס איז צוגעווינט, אז ארום אים זאלן זיך שטענדיק איינגעפינען מענטשן, הייבט אן דערבײַ צו שרייען, זיך צו ווארפן און ווערט בלוי. די שרעקעוודיקע מוטער גייט אויף הנחה, קערט זיך אום צוריק אין צימער, איילט זיך צו בארויקן דאס קינד מיט א צאצקע, מיטן ריידן צו אים, נעמט אים אויפן האנט. מיט דער הנחה פארלירט די מוטער אין פרט פון דער דערציונג, ווייל דאס קינד וועט זיך שוין א צווייטן מאל ניט אפזאגן פון זיין אויסגעפרוווטן מיטל. נוצלעכער וואלט געווען לאזן אים זיך אויסשרייען און זיך אויסטומלען און אים צוגעווינען דערצו, אז עס זאל אליין פארבלייבן אין צימער און זיך אליין פארווײַלן אין בעטל.

א וויכטיקער ענין אין דער דערציונג איז צוגעווינען דאס קינד צו ציכטיקייט. צו פרי האט ניט קיין זינען דאס אנצוהייבן ערשט דאן ווען דאס קינד דערגרייכט שוין א באשטימטע גײַסטיקע אנטוויקלונג, אן ערך צו 7—8 חדשים, קאן מען דערמיט אנהייבן. דאס אורין־לאזן ביים קינד קומט געוויינלעך פאר אויף אזא אופן. בעת דער אורין־פענכער ווערט פול, ווערט געריצט די שליימהײַטל פון פענכער. דער געפיל גייט זיך איבער אין מארך און פון דארטן גיבן זיך איבער די רייצונגען צו די מוסקלען פון אורין־פענכער, וואס עפענען זיך און העלפן מיט ביים אורין־לאזן. מען קאן אים צוגעווינען צו לאזן אורין פארבינדנדיק דעם געפיל, וואס שאפט זיך בעת דער אורין־פענכער ווערט פול, מיט פארשיידענע קלאנגען און מיטן האלטן אים איבערן טעפל. מען דארף דערבײַ געדענקען, אז געוויינלעך לאזט דאס זויגקינד אורין במשך פון דער ערשטער פערטל שעה נאכן עסן. די מוטער דארף זיך אויך אײַנצייכענען די צײַט, ווען דער קינד פירט אפ, און די דאזיקע מאמענטן מוז די מוטער פרווון לערנען דאס קינד. איינע פון די באדינגען פאר א דערפאלג אין דעם פרט איז, אז דערבײַ זאלן ניט בײַזײַן איבעריקע מענטשן, וואס קאנען אים אפלענקען פון דער זאך. עס שטערן דערבײַ פארשיידענע שפילעכלעך ביים קינד אדער בײַ דער מוטער אין האנט, וואס ווענדן אפ זיין אויפמערק. מען מוז געדענקען, אז דער דאזיקער ציל ווערט דערגרייכט ניט מיט א מאל. עס טרעפט, אז עס גייען פארבײַ א פאר חדשים, ביז דאס קינד געווינט זיך צו צו ריינקייט. די אומגעדולדיקע מוטער ווארפט אפט אוועק די דאזיקע פרווון, איבערלאזנדיק עס דער באדינערקע, און אין רעזולטאט באקומט זיך, אז די קינדער פון אזוינע מוטערס מאכן זיך אומריין און נאס אויך אויפן צווייטן און דריטן לעבנויאר, וואס רופט זיך שעדלעך אפ אויף דער הויט און אויף זייער פסיכיק. אויב די ערשטע רעזולטאטן אין פרט פון ציכטיקייט זײַנען דערגרייכט, מוז מען זיך אויף ווײַטער שטרענג האלטן דערבײַ, כדי דאס קינד זאל ניט פון דאס נײַ אנהייבן זיך נאס צו מאכן אין בעטל. קלאר, אז אויך אין דער נאכט קומט אוים אים ארויפצושטעלן.

דאָס קינד מוז מען בהדרגה אויסלערנען אַליין צו עסן. דערבײַ איז גוט צו געבן אים עסן אין אַ טעלער מיט אַ טאָפּלטן דעק, וואָס ווערט אָנגעפילט מיט הייסע וואַסער, כּדי דאָס עסן זאָל ניט קאַלט ווערן, קאַלטע שפּײַז עסן קינדער ניט גערן. אויב אַ קינד קאַפּריזט ... שטענדיק די מוטער אָדער די באַדינערקע, אַנטוויקלט זיך בײַ אים אַפּט אַ גלײַכגילטיקייט צום עסן. מע הייבט אָן דעם קינד צו דערציילן מעשהלעך, וואָס עס הערט גערן בײַם עסן. כּל זמן מען דערציילט לאָזט זיך דאָס קינד שטאָפּן די לעפל אין מויל. נאָר ביסלעכווײַז הערט עס אויף צו ווירקן, די סצענעס בײַם קאַרמענען ברענגען אָפּט אַרויס די מוטער פון געדולד. זי הייבט אָן דאָס קינד צו שרעקן, סטראַשענען אָדער זינגט אים, פאַרווײַלט אים מיט שפּילעכלעך און אַז עס איז שוין עלטער נעמט זי אים מיט פאַרשיידענע צוואַנגן. דאָס אַלץ באַקומט זיך אין רעזולטאַט, אויב די דערנערונג ווערט ניט ריכטיק אײַנגעשטעלט שוין אין די ערשטע חדשים.

ניט זעלטן אָבער איז אַ האַרטנעקיקער פּראָטעסט מצד דעם קינד בײַם קאַרמענען ניט אָן אַ גרונד. ערשטנס קאַרמענען די מוטערס אָפּט איבער די קינדער און עס איז ניט קיין וווּנדער, אַז זיי האָבן ניט קיין אַפּעטיט. די מוטערס אָבער סטאַרען זיך דורכאויס זיי וואָס מער צו שטאָפּן, צווינגען זיי מיט פאַרשיידענע שפּיצלעך די שפּײַז אַראָפּצושלינגען. אָפטמאָל איז נוציקער צו לאָזן דאָס קינד אַ פּאָר שעה זיך אויסצוהונגערן, איידער איבער געוואַלד אים צו קאַרמענען, צווייטנס קאָן אָפּט דעם קינדס גלײַכגילטיקייט און דאָס ניט וועלן עסן דערקלערט ווערן דערמיט, וואָס, צו לאַנג גיט מען אים די שפּײַז אין אַ פליסיקן צושטאַנד. פאַרבײַטנדיק די פליסיקע שפּײַזן אויף מער האַרטערע אָדער קאַשעדיקע, ווען די מוטער באַמערקן, אַז בײַם קינד האָט זיך פון דאָס באַוויזן אַפּעטיט, שפּעטער דערעסט עס דעם קינד אויך די פאַרשיידענע קאַשעס, מחמת זיי זײַנען אײנאַרטיק און ניט באַטעם. מען גייט דאַן אַריבער צו מער האַרטערע שפּײַזן, מע מוז דערבײַ אָבער אויפּפּאַסן, אַז דאָס קינד זאָל די שפּײַז גוט צעקײַען, אַניט שלינגט עס אַראָפּ גאַנצע שטיקער אָדער שפּײַט זיי צוריק אַרויס.

די מוטערס גיבן גערן די קינדער זיסקייטן — שאָקאָלאַד, צוקערקעס וכד׳. פאַר זיך אַליין זײַנען די דאָזיקע נאַשערײַען זעטיק, נאָר מען מוז געדענקען, אַז פאַרן עסן נעמען זיי צו אין גאַנצן דעם אַפּעטיט. אויב זיסקייטן ווערן דערלויבט דעם קינד צו געבן, איז עס נאָר נאָכן עסן און אויך אַ ניט גרויסן סכום און ניט אַלע טאָג. אין קעגנפאַל אַרבעט זיך אויס בײַ אים אַ געוווינהייט זיך צו דערנערן נאָר מיט זיסקייט, וואָס רופט זיך ניט גינסטיק אָפּ אויפן שטאָף־אויסבײַט.

דאָס קינד מוז אומבאַדינגט שלאָפן. אַן עלטער קינד מוז שלאָפן פון אַזייגער 7—8 אינאָוונט ביז 6—7 אין דער פרי. חוץ דעם מוז עס שלאָפן אַ 2—3 שעה נאָך מיטאָג, דערבײַ מוז מען אים אויסטאָן. אָפּט שלאָפן קינדער שווער אײַן. אַ טייל קינדער זײַנען אײַנגעוווינט, אַז אויף דער נאַכט גיט מען זיי אַ פלעשל מילך אָדער אַ זויגערל, אַנדערע ווידער זײַנען צוגעוווינט, אַז די

מוטער זעצט זיך לעבן זיי און פארשלעפערט זיי מיט לידער און מעשהלעך, פארוויגט זיי אָדער טראָגט ארום אויפן האַנט. ביסלעכווײַז ווערט דאָס פאַרן קינד א געוווינקייט און פאר דער מוטער א מקור פון ליידן, וואס זי אליין איז שולדיק דערין, מען מוז זיך און דאָס קינד אויסלערנען פון די ערשטע חדשים אָן אײַנצושלאָפן אָן די דערמאָנטע מיטלען.

א גרויסן אויפמערק מוז מען לייגן אויף די מעשהלעך. אָפט דערציילט מען די קינדער מעשהלעך מיט אזא אינהאלט (וועגן מכשפות, וועלף, גזלנים), אז זיי באפאלט א פחד, א דאנק די דאזיקע מעשהלעך טרעפן זיך בײַ נער־וויִישע קינדער בײַנאכטיקע פחדים. ניט זעלטן שרעקן די מוטערס זייערע קינדער מיטן קוימענקער, מיט א ציגײַנער און אפילו מיטן דאָקטאָר. דערפון נעמט זיך בײַ קינדער ניט זעלטן די מורא פארן דאָקטער, וואס ברענגט א סך שאָדן, ווען דער דאָקטער מוז אונטערזוכן דאָס קינד בײַ א קרענק.

אין די לעצטע יאָרן זײַנען שטארק פּאָפּולער געוואָרן דער פארלאנג דאָס קינד אָפּצוהארטעווען און די זאָרג פאר דער פיזישער דערציִונג.

שוין אין די ערשטע חדשים הייבן אנדערע אָן אָפּצוהארטעווען דאָס קינד, אים צוצוגעוווינען צו קעלט, האלטנדיק אים אין א קאלטן צימער קלאָר, אז א דערוואקסענער מענטש וואלט ניט דערלויבט מע זאָל אים מאכן ענלעכע פּראָצעדורעס. נאָר קינדער קאָנען רעאגירן אויף דעם אָדער מיט א קאטער, מיט א פארקילונג אָדער מיט מער ערנצטע קראנקייטן. דערפאר מוז מען מיט די דאָזיקע צו ענערגישע מיטלען זײַן זייער פארזיכטיק. אָנערקענענדיק דעם נוצן פון א ראציאָנעלן און מאָסיקן אָפּהארטעווען, מוזן מיר זיך דערבײַ רעכענען מיטן עלטער און בוי פון קינד און מיט די קלימאטישע באדינגונגען. כדי צו פארהיטן דאָס קינד פון א פארקילונג, מוז מען בהדרגה אים צוגעוווינען צו קאלטע לופט. שוין צו פיר וואָכן קאָן מען דאָס קינד ארויסטראָגן אויפן גאס. ווינטערצײַט קאָן מען עס מאכן צו אכט וואָכן. דער־בײַ מוז עס זײַן װאַרעם אָנגעטאָן, די הענטלעך און פיסלעך מוזן זײַן וואַרעם, די קעפּע צוגעדעקט. נאָר בשעת ס'איז ווינציק און קאלט, ווערט ניט רעקאָ־מענדירט דאָס קינד ארויסצוטראָגן. כדי צוצוגעוווינען צו פרישע לופט, מוז מען זיך באנוצן מיט די זומערדיקע חדשים. אָנגעטאָן אין איין העמדל לאָזט מען אים זומער ארומלויפן אויפדער זון, ביסלעכווײַז לאָזט מען אים גיין אין גאנצן נאקעט. בײַ יעדער צײַט פון וועטער באזונדערס בײַ א פאלן פון דער טעמפּעראטור, מוז מען דאָס קינד וואַרעמער אָנטאָן, געדענקנדיק אז פארקי־לונגען אנטשטייען אָפטער פון אלץ בײַ א בײַט פון וועטער. ס'זײַנען פאראן קינדער, וואס זײַנען גענייגט צו באקומען קאטער און אויער קראנקייטן. אזוינע קינדער טוט מען אָן אויך זומער חוץ א העמדל א נעץ.

ווען מעג מען אָנהייבן מאכן גימנאסטיק מיטן קינד?

אין די לעצטע יאָרן איז אויפגעקומען אין דער פיזישער דערציִונג א שיטה, וואס האלט פון פרײַער גימנאסטיק פאר קינדער, מיטן קינד, וואס ליגט נאָך אין וויגעלע. פּרוווט מען זיך צו מאכן פארשיידענע גימנאסטישע איבונגען, וואס זײַנען געגליכן צו אקראָבאטיק בײַ דערוואקסענע. מען מוז גע־

דענקען, אז כּל זמן די מוסקולאַטור און ביינער־סיסטעם בײַם קינד זײַנען נאָך ניט גענוג פעסט געוואָרן, איז יעטווידער גימנאַסטיק פּריצײַטיק.

אז בײַם קינד קומט פון זיך דער פאַרלאַנג זיך צו זעצן, מעג מען אים העלפן אין דער ריכטונג. אָבער ס'וואָלט געווען ניט ראַציאָנעל מיט דער הילף פון גימנאַסטיק צו צווינגען אַ קינד זיך צו שטעלן דאָן, ווען עס קאָן נאָך ניט שטיין. די בעסטע מאָס זײַנען די נאַטירלעכע באַוועגונגען, וואָס דאָס קינד הייבט אליין אָן צו מאַכן. און אין איינקלאַנג מיט דער דאָזיקער נאַטירלעכער אַנטוויקלונג קאָן מען אָנהייבן מיט גימנאַסטיק, וואָס דאַרף אָבער ניט איבערגיין געוויסע גרענעצן.

ס'איז פאַראַן אַ גאַנצע רײ קינדער, וואָס בײַ זיי איז די ביינער־ און מוסקלען־סיסטעם אָפּגעשטאַנען אין דער אַנטוויקלונג. די סיבה פון דער אָפּגעשטאַנענקייט ליגט פון איין זײַט אין אַ לכתחילהדיקער ניט ריכטיקער דערנערונג, אין אַ ניט גענוגיקער היגיענע פון דער וווינונג, פון דער אַנדער זײַט אין מיטגעבוירענע באַזונדערקײטן פון אָרגאַניזם. פאַרריכטן די דאָזיקע חסרונות קאָן מען ניט מיט גימנאַסטיק אליין. מען מוז ראַציאָנעל בײַטן די דערנערונג און די היגיענישע באַדינגונגען אין דער אַרומיקער סביבה. די פראַגע קאָן אַנטשיידן דער דאָקטער, וואָס וועט אײַנשטעלן נאָך אַ געוויסער אָבסערווירונג דעם ריכטיקן רעזשים.

XVII. די טעכניק פון קינסטלעכער דערנערונג.

פאַר דער קינסטלעכער דערנערונג מוז מען האָבן צוגעגרייט קינדער־פלעשלעך פון 200 גראַם מיט אָפּגעצייכנטע אײַנטיילונגען אין גראַמען. קינדער־פלעשלעך האָבן ספּעציעלע גומענע קאָרקן, וואָס גאַראַנטירן, אַז די פלעשל זאָל זײַן פולקום פאַרמאַכט, וואָס פאַרהיטן, אַז אין איר זאָלן ניט אַרײַנקומען קיין שעדלעכע צומישן. חוץ דעם פאַרזאָרגט מען זיך מיט עטלעכע גומענע זויגערלעך, מיט אַן אָנגעבערענטער דיקער נאָדל מאַכט מען אין זיי אַ לעכל. דעם זויגערל מוז מען יעדער מאָל נאָכן עסן אויסוואַשן פון אויסווייניק און פון אינעווייניק און האַלטן אין אַ שוואַכער צעלאָזונג פון באַרזײַערס. די מילך, וואָס מען באַנוצט פאַרן קינד, מוז מען אויפקאָכן אין אַ ספּעציעלער כלי מיט אַ דעקל. די נייטיקע צומישן ווערן צוגעגרייט באַזונדער. די פלעשלעך ווערן אָנגעפילט מיט מילך און מיט די צומישן אין אַ באַשטימטן סכום, אַנטשפּרעכנדיק דעם קינדס עלטער. די פולע פלעשלעך ווערן אַוועקגעשטעלט אין אַן עמער קאַלטע וואַסער אָדער אין אַן אײַזקעסטער. האַרט פאַרן עסן ווערט צוגעשאָטן צוקער, איידער מען גיט דעם קינד די פלעשל, מוז מען זי אָנוואַרעמען ביז דער טעמפּעראַטור פון קערפּער. די טעמפּעראַטור פון פלעשל פּרוווט מען אויס געוויינלעך צולייגנדיק צו דער וויע פון אויג. אין קיין פאַל טאָר מען ניט פּרוּוון מיטן צונג, ווי דאָס זײַנען זיך נוהג צום באַדויערן אַפילו מוטערס און קינדער־מיידלעך. געבנדיק דעם קינד די פלעשל, דאַרף מען זי ניט אַרויסלאָזן פון האַנט, ווײַל דאָס קינד קאָן זיך פאַרשלוקן. עס זײַנען פאָרגעקומען אומגליקפאַלן, ווען קינדער זײַנען דערשטיקט געוואָרן פון אַ פלעשל, וואָס מען האָט זיי איבערגעלאָזט אין מויל.

האָבערנע טום.

אויף צוצוגרייטן האָבערנע טום ווערן באַנוצט האָבערנעגרויפּן, אָדער האָבערנע פליאָקעס. מען נעמט 30 גראַם האָבערנע גרויפּן, 2 עס־לעפלען, מען וואַשט עס איבער אין הייסע וואַסער און מען קאָכט עס אין אַ האַלב ליטער (500 גראַם אָדער 2 אַ האַלב גלאָז) קאַלטע וואַסער במשך פון אַ האַלבער שעה אויף אַ פּאַמעלעכן פײַער. נאָכן קאָכן גיט מען צו אַ ביסל זאַלץ און מען זײַט דורך דורך אַ דינער זיפּ. דאָס אויסגעזײַטע מישט מען פון דאָס נײַ צונויף מיט געקאָכטע וואַסער ביז אַ האַלבן ליטער. דעם באַקומענעם צונויפמיש מישט מען דאַן ערשט צונויף מיט געקאָכטע מילך אָדער העלפט אויף העלפט אָדער 1 אויף 2, ד״ה, איין חלק מילך אויף 2 חלקים טום, אַזוי איז מען זיך נוהג אויך מיט האָבערנע פליאָקעס, וואָס מע נעמט אין סכום פון 10 גראַם (אַ ניט פולע עסלעפל) אויף אַ האַלב ליטער וואַסער און מען קאָכט במשך פון 10 מינוט.

מעלזופּן.

צום סוף פון ערשטן האַלב יאָר באַנוצט מען אַנשטאָט האָבערנע זופּ מעלזופּן. מעלזופּ פאַרטיקט מען אויס פון 10 גראַם האָבערנע מעל און אויף 1 פערטל ליטער קאַלטע וואַסער. דעם צווייטן פערטל ליטער וואַסער מיט אַ ביסל זאַלץ מישט מען צונויף מיט דער ערשטער פּאַרציע, מען קאָכט פון דאָס נײַ במשך פון 5 מינוט און מען זײַט דורך דורך אַ זײַער.

פּוטערמעל=מישונג.

שטאַרק פאַרשפּרייט איז די מישונג לויט פּראָפעסאָר טשערני, וואָס באַשטייט פון פּוטער, מעל און צוקער, די אַזוי גערופענע פּוטערמעל=מישונג.

זי ווערט צוגעגרייט אויף אַזאַ אופן. אויף 190 גראַם מישונג ווערט גענומען 3 גראַם פּוטער, 3 גראַם מעל און 5 גראַם צוקער. 3 גראַם ניט צו שטאַרק געזאַלצענע פּוטער אויף אַ פּאַמעלעכן פײַער ביז עס הערט אויף צו שיפּען און עס פאַרשווינדט דער רח פון פעטס=זײַערס (אַן ערך 3—5 מינוטן), דערבײַ הערט מען ניט אויף עס צו מישן מיט אַ הילצערנע לעפל. דערנאָך שיט מען צו 3 גראַם ווייצענע מעל. מען מישט עס דורך מיט די צעלאָזענע פּוטער און מען קאָכט עס מישנדיק מיטן לעפל אויף אַ פּאַמעלעכן פײַער אַזוי לאַנג, ביז די מאַסע ווערט איינהײַטלעך און באַקומט אַ ברוינעם קאָליר (אַן ערך 3—5 מינוטן). צום סוף גיסט מען צו 100 גראַם געקאָכטע וואַסער און מען זידט אויף די גאַנצע מישונג.

קינדער, וואָס האָבן אַ וואָג ווייניקער פון 3000 גראַם, גיט מען מילך אין איינעם מיט דער דאָזיקער מישונג אין דער פאַרהעלטעניש פון 1 צו 2. קינדער מיט אַ וואָג פון איבער 3000 גראַם באַקומען העלפט אויף העלפט מילך און פּוטערמעל=מישונגען. דער אַלגעמיינער סכום שפּײַז אין טאָג טאָר ניט זײַן מער פון 200 גראַם אויף יעדער קילאָגראַם פון קינדס וואָג. למשל, אַ קינד פון 3 קילאָגראַם באַקומט 600 גראַם שפּײַז, וואָס באַשטייט פון מילך און פון דער פּוטערמעל=מישונג.

מאַנע=קאַשע.

פון 15—20 גראַם מאַנע (אַ פולע עסלעפל) ווארעמט מען אָן מיט 150 גראַם וואַסער ביז עס נעמט זיך הייבן. מען גיסט צו 100 גראַם וואַ= רעמע מילך, מען שיט צו אַ ביסל זאַלץ און 10 גראַם צוקער. די גאַנצע מישונג קאָכט מען אַ צווייטן מאָל במשך פון 10 מינוטן, דערבײַ מישט מען עס פּאַמעלעך דורך.

גרינס.

שפּינאַט. 200 גראַם שפּינאַט וואַשט מען איבער אין קאַלטע וואַסער. מען קאָכט עס דערנאָך אין אַ האַלב ליטער קאַלטע וואַסער מיט זאַלץ במשך פון אַ האַלבער שעה. אַז דער שפּינאַט ווערט ווייך, נעמט מען אים אַרויס און מען צערייבט אים. די איבערגעבליבענע וואַסער קאָכט מען פון דאָס ניי מיטן צעריבענעם שפּינאַט, פאַרן באַנוצן גיט מען צו אַ ביסל פּוטער און צוקער.

מערן. 200 גראַם מערן וואַשט מען איבער אין קאַלטע וואַסער, מען רייניקט אָפּ, מען צעשניידט אויף קריילעך און מען קאָכט אין 1 פערטל ליטער הייסע וואַסער מיט זאַלץ במשך פון 15 מינוט. די מערן זייט מען אָפּ און מען מישט צונויף מיט געקאָכטע וואַסער און צוקער.

פליש-בוליאָן.

250 גראַם קאַלבפלייש אָדער ניט פעטע רינדפלייש צעשניידט מען אויף שטיקלעך און מען קאָכט אין אַ האַלב ליטער קאַלטע וואַסער מיט אַ צומיש פון זאַלץ, מערן און קראָפּ במשך פון 2 שעה אין אַ כּלי מיט אַ פאַרמאַכטן דעקל. אין רעזולטאַט באַקומט זיך אַן ערך 1 פערטל ליטער זופּ, וואָס ווערט דורכגעזייט דורך אַ זיפּ. נאָכן אָפּקילן זיך נעמט מען אַראָפּ די פעטס. אַזאַ בוליאָן קאָן מען געבן אויך אַ פאַרוואַסערטן.

סוכאַרקעס.

20 גראַם סוכאַרקעס, 100 גראַם וואַסער, 100 גראַם מילך און 10 גראַם צוקער קאָכט מען ביזן זידן און מען האַלט עס נאָכן אויפזידן במשך פון 5 מינוטן אויפן פייער.

מאַלצקאַווע.

1 עסלעפל מאַלצקאַווע מישט מען צונויף מיט אַ האַלב ליטער וואַסער און מען זידט עס אויף. דערנאָך מישט מען עס צונויף אויף אַ דריטל מיט מילך.

קאַקאַאָ.

1 טיילעפל קאַקאַאָ מישט מען צונויף מיט אַ טיילעפל צוקער און אַ קליינעם סכום וואַסער און מען גיסט צו דערנאָך אַ פערטל ליטער אויפגעקאָכטע מילך.

XVIII. די דערנערונג נאָכן אָנטווײנען.

נאָכן אָנטווײנען באַקומט דאָס קינד עסן, ווי פריער פינף מאָל אין מעת-לעת. אין דער פרי, צו מיטאָג און אין אָוונט גיט מען אים אַ גרעסערן סכום שפּײַז, אין דער צווישנצײַט אַ קלענערן. נאָר מען קאָן אויך אַנדערע קינדער מיט דער אײגענער פּעולה געבן עסן נאָר 3 מאָל אין טאָג.

דער סכום שפּײַז פאַרן מעת-לעת ווענדט זיך אָן דעם קינדס אַפּעטיט, וואָס בײַט זיך פון צײַט צו צײַט. קודם כּל הענגט אָפּ דער אַפּעטיט דערפון, אויף וויפיל דער מאָגן באַפרײַט זיך פון דער באַקומענער שפּײַז. האַרטערע שפּײַז פאַרבלײַבט אין אים לענגער. דערנאָך הענגט דער אַפּעטיט אָפּ פון דער שטימונג, אײנהײַמלעכע, גיט געשמאַק צוגעגרייטע שפּײַז פאַרקלענערט דעם אַפּעטיט. בײַם קינד וועט דער אַפּעטיט זײַן ניט קײן גוטער, אויב עס וועט באַקומען צו אָפט און צו פיל עסן, די דערנערונג מוז צוגעפּאַסט ווערן צו די אינדיווידועלע באַזונדערקײטן פון קינד, דערבײַ מוז מען נעמען אין אַכט זײַן פיזישן צושטאַנד און זײַן נאַטור.

פון וואָסערע נאַטור-שטאָפן באַשטייט דעם קינדס שפּײַז? דער עיקר באַשטייט דעם קינדס עסן פון מילך, וואָס אַנטהאַלט די ניטיקע ווײַסל. מיט מילך, ווי אַ מקור פון ווײַסל, באַנוצט מען זיך ביז דאָס קינד לערנט זיך אויס קײַען, דאַן הייבט עס אָן צו באַקומען אָנשטאָט מילך פלייש און אייער. דאָס געשעט אָן ערך צום סוף פון דריטן יאָר. דער סכום מילך, וואָס מען גיט דעם קינד ביז יענער צײַט, איז אַ האַלבער ליטער. קלאָר, אַז די מילך מוז זײַן געקאָכט, כּדי צו פאַרהיטן דאָס קינד פון אַן אָנשטעקונג מיט טובערקולאָז. פלייש הייבט מען אים אָן צו געבן צום סוף פון 3טן יאָר, דערבײַ נעמט מען דער עיקר רינדפלייש, קאַלבפלייש און הון. מען מײַדט אויס פעטע פלייש, ווי חזיר-פלייש, שעפּסענע פלייש, ווײַל קינדער פאַרדײַען שווער פעטס. כּדי בעסער צו פאַרדײַען צעמאַלט מען די פלייש אין אַ מאַשינקע אָדער מען צעהאַקט אויף קלײנע שטיקלעך פאַר עלטערע קינדער, וואָס קאָנען שוין גוט צעקײַען די שפּײַז.

פלײשזופּ פון בײנער אָדער פון פלייש פאַרנעמט אַן אָנגעזעענעם אָרט בײַ דער דערנערונג פון קינד, ווײַל אין אײנעם מיט פאַרשײדענע גריגסן קאָן מען זי דעם קינד געבן שוין אין די פריסטע חדשים.

אָנשטאָט פלייש קאָן מען אויך געבן פיש, וואָס אַנטהאַלט אין זיך גענוג נערונג-שטאָפן.

אייער דאַרף מען אָנהייבן געבן קינדער ניט פריער פאַרן דריטן יאָר. אָפט פאַרדײַען ניט קינדער קײן אייער, — זיי זײַנען גורם צו אַן אויסשיט, צו עקזעמעס אויף די געלענקען, רופן אַרויס אַ צעקראַכנקייט און נערוויִישע דערשײַנונגען.

בײַ דער דערנערונג באַנוצט מען זיך מיט פאַרשײדענע פעטסן, ווי פו-

טער, שמאַלץ, פלאַנצנפעטס, באַזונדערס נוצלעך איז פוטער צוליב די פאַראַ־נענע וויטאַמינען.

די נייטיקע קוילנהידראַטן פאַרן קינדס אָרגאַניזם באַקומען זיך פון מעל, ברויט, גרינס, קאַרטאָפל וכד׳. חוץ דעם העלפן אָט די שפּייַזן מיט בייַ דער טעטיקייט פון די געדערעם און ווערן באַזונדערס רעקאָמענדירט פאַר קינדער, וואָס לייַדן פון פאַרשטאָפּונגען (עצירות). אין אַלגעמיין מוז מען זיך האַלטן בייַם כלל, אַז די שפּייַזן פאַרן קינד זאָלן זייַן פאַרשיידנדיק. דעם ערשטן יאָר שפּילט די גרעסטע ראָל מילך, אויפן צווייטן יאָר איז דער סכום מילך אין טאָג גלייַך אַן ערך 3 פערטל ליטער, אויפן דריטן יאָר אַ האַלבן ליטער און שפּעטער אַ פערטל ליטער. לויט דעם ווי עס פאַרקלענערט זיך דער סכום מילך, פאַרגרעסערט זיך דער סכום פלייש, קעז, פיש, אייער, גרינס, פרוכטן, גרויפּנס. דערצו קומט נאָך צו פוטער און פעטס. עס באַקומען אַזוי אַרום געמישטע שפּייַזן, ענלעך אויף די שפּייַזן פון דערוואַקסענע. פון פיר יאָר אָן אונטערשיידט זיך שוין דעם קינדס שפּייַז מיט גאָרנישט ניט פון די שפּייַז פון דערוואַקסענעם.

מיר לייגן דאָ צו אַ סכעמע פאַר דער דערנערונג פון קינדער אין פריעם עלטער.

אויפן צווייטן יאָר שטעלט זיך דעם קינדס עסן צונויף אויפן פאָלגנדיקן אופן.

אין דער פרי 200 גראַם מילך מיט סוכאַרקעס. צו פרישטיק דאָס אייגענע וואָס אין דער פרי אָדער פרופּטן, צו מיטאָג גרינס און קאַרטאָפל אָדער אַ פלייששזופּ מיט מאַנע, גרויפּן, רייַז. פרוכטן רויע אָדער געקאָכטע. נאָך מיטאָג 200 גראַם מילך (מיט סוכאַרקעס). צו וועטשערע קאַשע פון מאַנע אָדער גרויפּן, רייַז מיט 100 גראַם מילך.

אויפן דריטן יאָר. אין דער פרי אַ קריגל מילך מיט מאַלצ־קאַווע (העלפּט אויף העלפּט) מיט סוכאַרקעס אָדער בולקע מיט פוטער אָדער מיט מאַרמעלאַד.

צו פרישטיק אַ קריגל (100—150 גראַם) מילך מיט אַ ניט גרויסן פוטערברויט אָדער מיט אַ בולקע מיט האָניק אָדער מאַרמעלאַד.

צו מיטאָג אַ פלייששזופּ פון קאַרטאָפל, גרינס מיט אַ ניט גרויסער שטיקל פלייש אָדער פרוכטזופּ, חוץ דעם גרינס.

נאָך מיטאָג אַ קריגל מילך אָדער מאַלצקאַווע מיט בולקע. צו וועטשערע מאַנע־קאַשע אָדער פודינג (קוגל).

אויפן פערטן יאָר. אין דער פרי מאַלצקאַווע און בולקע מיט פוטער אָדער מיט מאַרמעלאַד.

צו פרישטיק אַ פוטערברויט מיט וווּרשט, מיט קעז אָדער מאַרמעלאַד, אַן עפּל אָדער אַ באַרנע.

צו מיטאָג זופּ מיט קאַרטאָפל, גרינס מיט אַ ניט גרויסער שטיקל פלייש.

נאָך מיטאָג מאַלצקאַזיע מיט ברויט.

צו וועטשערע קאַשע אָדער זופּ, אָדער פּוטערברויט מיט ווורשט אָדער א פּאַנקוכן.

נאָך פיר יאָר אונטערשיידט זיך שוין די שפּײַז פון קינד מיט גאָרנישט ניט פון די שפּײַז פון דערוואַקסענעם, דערבײַ דאַרף דער סכום אנטשפּרעכן דעם קינדס אַפּעטיט.

XIX. קלעפּיקע קראַנקייטן.

פאַר קלעפּיקע קראַנקייטן ווערן אָנגערופן אַזעלכע, וועלכע קאָנען אַריבער־גיין פון אַ קראַנקן מענטשן אויף אַ געזונטן. די איבערטראָגונג פון קלעפּיקע קרענק קומט פאַר דורך באַצילן.

די קראַנקייטן קאָנען איבערגעטראָגן ווערן אויף פאַרשיידענע אופנים, למשל די באַצילן פון מאָזלען און קײַכהוסט ווערט איבערגעטראָגן דירעקט פון קראַנקן אויפן געזונטן, ווײַל די באַצילן זײַנען זייער שוואַך און ווען זיי געפינען זיך אויסערהאַלב פון מענטשן, גייען זיי לײַכט אונטער. אַנדערע קראַנקייטן, ווי למשל בויך־טיפוס, דיזענטעריע (בלוטיקער דורכפאַל) און כאָלעריע פאַרברייטערן זיך דורכדעם, וואָס די באַצילן קומען אַרײַן אין וואַסער און שפּײַז, וועלכע ווערן באַנוצט פון געזונטן. אַ דריטע גרופּע פון קראַנקייטן, ווי שאַר־לאַק, טובערקוליאָז קאָנען זיך פאַרברייטערן דורך שטויב, וועש און אַנדערע זאַכן, קאָנען פאַרשלעפּט ווערן אויף גרויסע דיסטאַנצן און אַרויסרופן קראַנקייטן אויף אַ מהלך. אַ גרויסע ראָלע שפּילט בײַם פאַרשפּרייטן פון פאַרשיידענע קראַנקייטן די אינזעקטן.

אַזוי למשל איז באַוווּסט, אַז פלעקטיפוס ווערט פאַרשפּרייט דורך לײַז און וואַנצן. פליגן קאָנען אויך פאַרשפּרייטן פאַרשיידענע קראַנקייטן, אויך באַ־זונדערע מיקן. צווישן די קלעפּיקע קראַנקייטן זײַנען פאַראַן אַזעלכע, וועלכע פאַרשווינדן בכלל נישט און עקסיסטירן באַשטענדיק. אַזוי למשל, איז אין אײ־ראָפּע באַשטענדיק טובערקוליאָז, סיפילים, בויך־טיפוס, דיפטעריע אאַ״וו.

דאַקעגן זײַנען פאַראַן אַזעלכע קראַנקייטן, וועלכע קומען אויף אין באַ־שטימטע צײַטן אין פאָרם פון עפּידעמיעס, ד״ה, אַ קראַנקייט פאַרשפּרייט זיך מיטאַמאָל און נעמט אַרום אַ גרויסע צאָל מענטשן.

ווי זאָל מען באַקעמפן קלעפּיקע קראַנקייטן.

ס׳זײַנען פאַראַן אַ סך וועגן, כּדי זיי צו באַקעמפן. אַ דאַנק דער באַ־קעמפונג זײַנען עפּידעמיעס אין גרויסע קולטור־לענדער, ווי אײראָפּאַ און אַמע־ריקע געוואָרן זעלטענער. דאָס איז צו פאַרדאַנקען דעם בעסערן קולטורעלן און מאַטעריעלן ניוואָ פון דער באַפעלקערונג. הונגער, שמוץ און אומגעבילדעט־קייט, זײַנען דער בעסטער באָדן פאַר עפּידעמיעס. דערפאַר באַקעמפן די מלוכות דעם דאָזיקן סאָציאַלן אומגליק. אויך די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען זוכן אַרום די סיבות פון די קראַנקייטן, זייער כאַראַקטער און די פאַרשפּריי־טונגס־פאָרם. עס עקסיסטירן גאַנצע אינסטיטוטן, וועלכע שטודירן די דאָזיקע קראַנקייטן און אַ סך געלערנטע האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן אין קאַמף מיט די קלעפּיקע קראַנקייטן.

אָבער אויך פערזענלעך מוז יעדער מענטש און פאַמיליע (אַווי צו זאָגן אינדיווידועל) העלפֿן באַקעמפֿן קלעפּיקע קראַנקייטן, באַזונדערס נישט לאָזן זיי פאַרשפּרייטן זיך. וואָס מער מענטשן, מאַמעס און דערציערינס עס וועלן פאַרשטיין דעם כאַראַקטער פון קלעפּיקע קראַנקייטן, וואָס מער זיי וועלן פאַרשטיין ווי זיך צו האַלטן אין דער צייַט פון עפּידעמיעס, אַלץ ווייניקער וועלן זייַן קרבנות, באַזונדערס צווישן קינדער. פאַר קינדער איז באַזונדערס געפערלעך קייַכהוסט, גריפּ, דיפטעריע, מאָזלען, שאַרלאַק, פּאָקן, דיזענטעריע, טובערקולאָז און סיפילים. אין די ערשטע לעבנסיאָרן ווערט דאָס קינד נישט אַזוי אָפט קראַנק, ווי אין די שפּיל- און-שוליאָרן, ווען די קינדער קומען אין אַ נעענטע-רער באַרירונג מיט דער אויסערער וועלט און אין די שולן מיט אַנדערע קינדער.

מען מוז וויסן צוויי וויכטיקע מאָמענטן אין כאַראַקטער פון קלעפּיקע קראַנקייטן: ערשטנס פאַרגייט אַ באַשטימטע צייַט פון מאָמענט פון דער אָנ-שטעקונג ביז די קראַנקייט באַווייַזט זיך. דעם דאָזיקן משך צייַט רופט מען אָן „אינקובאַציאָנס צייַט“.

אַ צווייטער מאָמענט באַשטייט אין דעם, וואָס אַ גרויסע צאָל פון קלע-פּיקע קראַנקייטן קאָנען נאָר פאָרקומען בייַ יעדן מענטשן נאָר איין מאָל. נאָך דער קראַנקייט אַנטוויקלט זיך אין אָרגאַניזם פון מענטשן אַ געוויסער שוץ קעגן דער קראַנקייט. די דאָזיקע אייגנשאַפט פון שוץ אין קערפּער הייסט „אימוניטעט“.

מאָזלען.

דער באַציל פון מאָזלען איז נישט באַקאַנט... אָבער עס איז באַוווסט, אַז ער איז זייער אַ שוואַכער און ווערט איבערגעטראָגן פון קראַנקן אויפן געזונטן. אויסערהאַלב פון מענטשלעכן קערפּער גייט ער גיך צו גרונט. די אינקובאַציאָנסצייַט דויערט פון 10—14 טעג. די קראַנקייט הייבט זיך אָן מיט אַ קליינער טעמפּעראַטור, קאַטער, הוסט און מורא פאַר ליכט. נאָכן פערטן טאָג קומט אַרויס דער טיפּישער הויט-אויסשלאָג מיט רויטע פלעקן, וועלכע באַווייַזן זיך צוערשט אויפן פנים און גייען איבער אויפן איבעריקן טייל פון קערפּער. צוזאַמען מיטן אויסשלאָג הויבט זיך די טעמפּעראַטור. אין משך פון 14 טעג ווערט די טעמפּעראַטור נאָרמאַל.

בייַ מאָזלען באַקומען די קינדער אָן אָנצינדונג פון אויגן-בינדעהויט. די קינדער קאָנען נישט פאַרטראָגן קיין ליכט. דעריבער מוז מען די קראַנקע קינדער האַלטן אין בעט און פאַרשטעלן דאָס ליכט, אָבער דער צימער פון קראַנקן קינד מוז האָבן גוטע, פרישע לופט. אויך דער שטאַרקער קאַטאַר פון נאָזשלייַמהויט פירט צו אַ שטאַרקן פליסן פון נאָז. די אויבערע לופטוועגן און

נאָלעכער מוזן ווערן גוט אײַנגעשמירט מיט פעטס, כדי זיי צו שיצן פון ווונדן.

הגם מאָזלען ווערט נישט באַטראַכט אלס אַ געפערלעכע קינדערקראַנקייט, קומען דאָך אָפּטמאָל פאָר פאַרשיידענע קאָמפּליקאַציעס. ערשטנס קאָנען די אויערן קראַנק ווערן. דאָס קינד הויבט זיך אָן צו באַקלאָגן אויף אַ ווייטיק אין די אויערן, באַזונדערס בײַם וואַשן זיך. צווייטנס קאָן צו מאָזלען צושלאָגן אַ לונגענאָנצינדונג. דריטנס רופט מאָזלען אַרויס אַ דיספּאָזיציע אָף טובערקולאָז, באַזונדערס בײַ אָפּגעשוואַכטע ראַכיטישע קינדער.

דעריבער מוז דער דאָקטאָר אין משך פון דער גאַנצער צײַט, וואָס אַ קינד איז קראַנק אויף מאָזלען, אכטונג געבן אויף אים און אויך שפּעטער קאָנטראָלירן זײַן געזונטצושטאַנד. בעת אין אַ משפּחה, ווו עס געפינען זיך מערערע קינדער, ווערט איין קינד קראַנק מיט מאָזלען, איז שוין צו שפּעט דעם געזונטן קינד אָפּצוטיילן פון קראַנקן, ווייל געוויינלעך איז שוין דער געזונטער אויך אָנגעשטעקט מיט דער קראַנקייט. נאָך דעם ווי דאָס קינד איז געזונט געוואָרן פון מאָזלען, ווערט זײַן צימער ריין אויסגעוואַשן און אויסגעלופטערט. ברוסטקינדער קאָנען אויסגעהיט ווערן פון מאָזלען, בעת זיי געפינען זיך אין אַ באַזונדערן צימער. אין צײַט פון עפּידעמיעס זאָל מען קינדער צופיל נישט פירן אויף קינדער־פאַרזאַמלונגען, צו געסט, למשל געבורטסטעג אא״וו.

די באַהאַנדלונג ליגט אין די הענט פון קינדערדאָקטער, כדי צײַטיק צו באַקעמפן די מעגלעכע קאָמפּליקאַציעס.

שאַרלאַך.

דער שאַרלאַך־באַציל איז נאָך נישט געפונען געוואָרן, אָבער ער געהערט צו דער גרופּע פון אייטערבאַצילן. די קראַנקייט ווערט איבערגעטראָגן דירעקט פון קראַנקן קינד אויפן געזונטן, אויך דורך אַ דריטער פּערזאָן אָדער אַ קעגנשטאַנד, דורך שפּײַז, באַזונדערס דורך מילך. ברוסטקינדער ווערן זעלטן קראַנק מיט שאַרקלאַך.

די אינקובאַציע דויערט געוויינלעך אַ וואָך. צוערשט באַווײַזט זיך אַ קליינע אַנגינע און די טעמפּעראַטור שטײַגט אַביסל. דער טיפּישער הויטאויסשלאָג הויבט זיך שוין אָן אויפן צווייטן טאָג. שאַרלאַך קען זיך אויך אָנהויבן מיט הויכע פיבער און מיט ברעכן. דער פולער בילד אַנטוויקלט זיך אויפן פינפטן טאָג, נאָכדעם הויבט אָן דער אויסשלאָג בלייכער צו ווערן. די קראַנקייט איז געפערלעך, ווען עס שלאָגט צו נירנאָנצינדונג, אויעראָנצינדונג אָדער האַרצאָנצינדונג.

וואָס איז נוגע פלעגע, טאָ מוז דאָס קינד געהאַלטן ווערן 3—4 וואָכן אין בעט און דערנערט ווערט מיט מילך, גריצן, פרוכט־זאַפטן אא״וו. די

קראַנקייט קאָן זיך פאַרלויפן זייער לייכט, עס קאָנען אָבער אויך אַנטשטיין קאָמפּליקאַציעס, וועלכע שטעלן דעם לעבן פון קינד אין סכּנה.

ווען אין אַ משפּחה ווערט איין קינד קראַנק מיט שאַרלאַק, מוזן די איבעריקע קינדער אָפּגעטיילט ווערן. דאָס קראַנקע קינד מוז איזאָלירט ווערן. דאָס בעסטע איז אין קראַנקנהויז, דאָס איז דער בעסטער שוץ קעגן דער פאַרשפּרייטונג פון דער קראַנקייט. אין קראַנקנהויז קאָן דאָס קראַנקע קינד האָבן אַ בעסערע אויפפּאַסונג און פלעגע, ווי אינדערהיים. דער צימער, ווו דאָס קראַנקע קינד איז געלעגן, מוז צוזאַמען מיט זיינע זאַכן און קליידער דעזינפעצירט ווערן, כּדי צו באַקעמפן די קראַנקייט.

דיפטעריע.

דיפטעריע געהערט צו די געפערלעכסטע קינדערקראַנקייטן. זי ווערט אַרויסגערופן דורך אַ באַציל, וועלכער הייסט לעפלעשער-באַציל (דעם באַציל האָט אויסגעפונען לעפלער).

דער באַציל האַלט זיך זייער שטאַרק סיי אין קערפּער פון קראַנקן, סיי אין די קליידער און שפּייז. מען קאָן אים אויך געפינען אויף די ווענט, אויפן דיל, אויף די וועש פון קראַנקן. דערפאַר מוזן די זאַכן און די אומגעבונג פון קראַנקן גוט דעזינפעצירט ווערן. די קראַנקייט הייבט זיך מיט פיבער, ברעכן, האַלדזווייטיקן. אין האַלדז אַנטשטייען הייטלעך אויף די האַלדזמאַנדלען, וועלכע קאָנען אויך אַריינגעמען דעם נאָז, דעם קעלקאָפּ און לופטראָרן, די פאָלגן פון אַזאַ מין אָנצינדונג קאָן זיין — דערשטיקונג.

די קראַנקייט ווערט מיט דערפאָלג באַקעמפט מיט איינשפּריצונגען פון אַנטידיפטעריע-סערום. וואָס פריער מען שפּריצט איין דאָס סערום, אַלץ בעסער און גיכער ווערט דאָס קינד געזונט.

די דיפטעריע-באַצילן זיינען געפערלעך אויך אַ דאַנק דעם, וואָס זיי אַרבעטן אויס באַזונדערע גיפטן (טאָקסינען), וועלכע קאָנען שעדיקן די מוסקולן פון הענט און פיס און באַזונדערס דעם האַרץ-מוסקל. דאָס קאָן ברענגען צו אַ האַרץ-קראַנקייט און אַפילו צו אַ פּלוצימדיקן טויט.

ווען די דיפטעריע-אָנצינדונג מיט אירע הייטלעך פאַרשטאָפּן די לופט-רער, קאָן פאָרקומען אַ דערשטיקונג. אין אַזעלכע פאַלן מוז מען מאַכן אַן אָפּעראַציע, דורך וועלכער די לופטראָר ווערט געעפנט און די לופט קען אַזוי אַרום איינגעאָטעמט ווערן.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע אָפּעראַציעס ווערן אַמבעסטן דורכגעפירט אין קראַנקענהייזער. אָפט ווערן אַזעלכע אָפּעראַציעס אויך דורכגעפירט ביים קראַנקן אין דירה. אין אַזעלכע פאַלן איז זייער וויכטיק די נאָכבאַהאַנדלונג און פלעגע.

בעת עס טרעפט זיך אין אַ משפּחה אַ דיפטעריע-פאַל מוז דאָס קראַנקע

קינד גיך אָפּגעטיילט ווערן פון די געזונטע קינדער. אויך די געזונטע קינדער מוזן באַקומען אַן אײַנשפּריצונג פון דיפטעריע־סערום, וואָס איז דער בעסטער שוצמיטל.

פּאָקן.

די פּאָקן געהערן צו די געפערלעכסטע עפּידעמישע קראַנקייטן, וועלכע האָבן אין די פריערדיקע יאָרן פאַרלאַנגט אַ סך קרבנות.

אין לעצטן יאָרהונדערט, נאָכדעם ווי עס איז אײַנגעפירט געוואָרן די פּאָקן־אימפּונג, האָט די שרעקלעכע עפּידעמיע אויפגעהערט און נאָר אין איינצלנע פאַלן קומען זיי פאָר אין די ווייניקער קולטורעלע לענדער. די פּאָקן פאַרברייטערן זיך פון קראַנקן אויפן געזונטן און אויך דורך דריטע פּערזאָנען און קעגנשטאַנדן, דורך לופט, דורך שיפן. די באַצילן זײַנען זייער שטאַרק און באַהאַלטן זיך אין קליידער, מעבל, ווענט אאַ״וו.

די אינקובאַציע דויערט 10 טעג. די קראַנקייט הויבט זיך אָן מיט שטאַרק געהעכערטער טעמפּעראַטור ביז 40 גראַד, ווייטיקן אין קרייץ. אין דרײַ טעג אַרום פאַלט די טעמפּעראַטור און עס באַווײַזט זיך דער טיפּישער אויסשלאָג, וועלכער באַשטייט פון קליינינקע בלעזעלעך אויף דער הויט און אויף דער שלײַמהויט פון מויל, נאָז און אויגן. אין די בלעזעלעך אַנטוויקלט זיך אַ פאַראייטערטע פליסיקייט.

דאָס איז די בלי־צײַט פון פּאָקן, וועלכע קען זײַן געפערלעך פאַרן לעבן. די היילונג קומט פאָר לאַנגזאַם, די פּאָקן־בלעזעלעך טריקענען זיך אָפּ און עס בלײַבן איבער נאַרבן אויפן גאַנצן לעבן, וועלכע זאָגן עדות, אַז דער מענטש האָט דורכגעמאַכט די קראַנקייט. דער בעסטער מיטל צו באַקעמפן די פּאָקן איז אימפּונג קעגן פּאָקן. די אימפּונג פירט צו אימוניטעט, ד״ה דער מענטש ווערט ניט עמפּינדלעך פאַר פּאָקן. די אימפּונג ווערט געמאַכט אין ערשטן לעבנסיאָר און ווערט איבערגעחזרט יעדע 6 יאָר. אויב אין לאַנד קומט פאָר אַ פּאָקן־עפּידעמיע, מוז מען אימפּן אַלע קינדער און דערוואַקסענע. די אימפּונג ווערט געמאַכט פון אַ דאָקטער. אויפן אָרט, וווּ מען אימפּט, באַווײַזט זיך אַ הויט־ראָס, אין 3—4 טעג אַרום ווערט דער אָרט רויט און עס אַנטוויקלט זיך אַ רויטער בלעזל, וועלכער פילט זיך אָן מיט אַ געלער פליסיקייט. דער פולער בילד שפּילט זיך אָפּ אין 9 טעג, דאָס קינד קאָן האָבן היץ ביז 39 גראַד צעלסיוס, איז אומרויִק און פאַרלירט דעם אַפּעטיט. צו 14 טעג טריקנט אָפּ דאָס בלעזל און פאַלט אָפּ און בלײַבט אויפן גאַנצן לעבן אַ נאַרב.

די בעסטע צײַט פאַר פּאָקן אימפּונג איז פרילינג אָדער ווינטער. נאָכן אימפּן טאָר מען דאָס קינד נישט באָדן. דעם געאימפּטן אָרט קאָן מען אַרומ־וויקלען מיט אַ פאַרבאַנד און באַשמירן מיט וואַזעלין.

טובערקולאָז.

טובערקולאָז איז אַ קראַנקייט, וועלכע האָט פאַרשיידענע פאָרמען: עס

איז פאַראַן אַ לונגען-טובערקולאָז, קנאָכן-טובערקולאָז, הויט-טובערקולאָז, דריזן-טובערקולאָז או״ו. יעדער אָרגאַן קאָן קראַנק ווערן מיט טובערקולאָז. די דאָזיקע קראַנקייט ווערט אַרויסגערופן דורך דעם באַקאַנטן קאָכשען-באַציל. קינדער ווערן מיט טובערקולאָז זייער לײַכט קראַנט. וואָס ייִנגער דאָס קינד איז, אַלץ לײַכטער קאָן דאָס אָנגעשטעקט ווערן מיט טובערקולאָז. בײַם קינד פאַרשפּרייט זיך די קראַנקייט איבערן גאַנצן אָרגאַניזם און עס גייט גיך אונטער. אויך בײַ קלײנע קינדער קומט טובערקולאָז אָפּט פאָר און מערסטנטײלס אין דער פאָרם פון געהירן-טובערקולאָז און מיליאַר-טובערקולאָז. דאָס לעצטע — דאָס איז די אַלגעמײנע פאַרשפּרייטונג פון באַצילן אין אַלע אָרגאַנען מיט אַ טויטלעכן סוף. אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז דער מענטשלעכער קערפּער שטאַרקער און איז בכּח צו פירן אַ קאַמף מיט די קאָכשע טובערלאָז-באַצילן. ניט זעלטן ווערט מען אויך געזונט פון דער קראַנקייט. די פאַרשפּרײטער פון דער דאָזיקער קראַנקייט זײַנען לונגענקראַנקע מענטשן. אין זייער אויסוואורף געפינען זיך באַצילן. דעריבער מוז מען אָפּטײלן קלײנע קינדער פון מענטשן, וואָס זײַנען קראַנק מיט לונגען-טובערלאָז. קראַנקע עלטערן טאָרן נישט קושן זייערע קינדער. אויך אין מילך פון אַ קראַנקע קו זײַנען פאַראַן טובערקולאָז-באַצילן, דעריבער מוז מען זייער אויפּפּאַסן מילך-ווירטשאַפטן. מילך מוז קודם כּל געקאָכט אָדער פּאַסטעריזירט ווערן, כּדי אין איר זאָלן אָפּגעטויט ווערן די באַצילן. קינדער מוזן אָפּגעהיט ווערן פון שטויב, דען אין שטויב געפינען זיך ניט זעלטן טובערקולאָז-באַצילן.

זייער פאַרשפּרייט איז ניט נאָר לונגען-טובערקולאָז, נאָר אויך דריזן-טובערקולאָז. דריזן-טובערקולאָז דויערט זייער לאַנג, דערבײַ איז די טעמפּעראַטור געהעכערט; עס פילט זיך אַן אַלגעמײנע שוואַכקייט און אַ שוואַכער אַפּעטיט. אַזעלכע קינדער מוזן באַזונדערס אָפּגעהיט ווערן פון אַנדערע קראַנקייטן, ווי מאָזלען, קײַכהוסט. אין ד״ם פאַל קאָן טובערקוליאָז אָננעמען אַ שווערן כאַראַקטער און געפערלעך ווערן פאַרן לעבן.

אויסצוהיטן קינדער פון טובערקולאָז מוז מען שוין טראַכטן אין די ערשטע טעג נאָכן געבורט. אויב אין דער משפּחה זײַנען פאַראַן לונגענטובערקולאָזע, מוז דאָס נײַ געבוירענע קינד געאימפּט ווערן קעגן טובערקולאָז מיט קאַלמעטס לימפע, וועלכע האָט אַ גוטן אײַנפלוס. ווײַטער מוז מען דאָס קינד נישט לאָזן זיך געפינען אין רוים, וווּ עס געפינט זיך דער טובערקולאָז-קראַנקער, ווײַל אין זײַנע אויסוואורפן זײַנען פאַראַן די געפערלעכע באַצילן. אויך אין שטויב געפינען זיך באַצילן. דעריבער מוז מען ניט דערלאָזן, אַז יונגע קינדער זאָלן מיט די הענט באַרירן פאַרדעכטיקן שטויב, ווײַל באַצילן ווערן אויף אַזאַ אופן אַרײַנגעבראַכט אין מויל און פון מויל אין גאַנצן אָרגאַניזם.

דער בעסטער שוצמיטל קעגן טובערקולאָז איז — זון, זויבערקייט און גוטע דערנערונג, באַזונדערס פאַר קינדער אין ערשטן לעבנסיאָר. די מוטער-מילך באַשיצט דאָס קינד אין דעם פאַל אַמבעסטן.

די טובערקולאָז-קראַנקייטן פון הויט, קנאָכן, דריזן קאָנען באַטראַכט ווערן פאַר היילבאַרע קראַנקייטן, אויב מען באַהאַנדלט זיי גלײַך אין אָנהויב און מיט די נויטיקע מיטלען.